STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02968

TEHERAN

Earl Browder

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טעהעראַן

אונזער וועג—
אין קריג און פרידן

פון

אוירל בראַודער

(אידיש פון משה כץ)

אַרויסגעגעבן פון דער

מאָרגן-פרייהייט אַסאָסיאיישאָן

35 איסט 12טע סטריט

ניו יאָרק

1944

Copyright 1944 by
MORNING FREIHEIT ASSOCIATION

209

PRINTED IN U.S.A.

אינהאַלט

זייט

פאָרוואָרט 5

ערשטער טייל—אַ נייע וועלט

קאַפּיטל איינס—טעהעראַן שאַפט אַפּ מינכען 9

קאַפּיטל צוויי—געווער אין דינסט פון פּאָליטיק 14

קאַפּיטל דריי—די גאַראַנטיע פון טעהעראַן 19

צווייטער טייל—די מלחמה באַשטימט די נאָך־מלחמה וועלט

קאַפּיטל פיר—דער ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישער בונד 27

קאַפּיטל פינף—די רעקאָנסטרוקציע פון אייראָפּע 37

קאַפּיטל זעקס—נאַציאָנאַלע באַפרייאונג אין אַזיע 46

קאַפּיטל זיבן—אַפריקע און דער נאָענטער מזרח 53

קאַפּיטל אַכט—אונזערע שכנים אין אַמעריקע 57

דריטער טייל—נאַציאָנאַלע אייניגקייט נאָך דער מלחמה

קאַפּיטל ניין—אייניגקייט אין מלחמה פאָדערט אייניגקייט נאָך דער מלחמה 67

קאַפּיטל צען—כאַראַקטער־שטריכן פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם 73

קאַפּיטל עלף—עלעמענטן פון אַן עקאָנאָמישער פּראָגראַם 78

קאַפּיטל צוועלף—יוניאָנס אין דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט 89

קאַפּיטל דרייצן—דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלע אייניגקייט 97

פערטער טייל—די וואַלן פון 1944—פאַר אייניגקייט אָדער פאַר אומאייניגקייט?

קאַפּיטל פערצן—פּאַרטייאישקייט—אַ טייערער ביסן 113

קאַפּיטל פופצן—געגן וועמען מוזן מיר קעמפן? 118

קאַפּיטל זעכצן—די ענדערונגען אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע 124

קאַפּיטל זיבעצן—דער בייטראַג פון מאַרקסיזם פאַר אַמעריקע 128

פאָרוואָרט

די געשיכטע באַוועגט זיך איצט מיט דער שנעלקייט פון אן עראָפּלאַן. נאָכדעם ווי דאָס דאָזיגע בוך איז געענדיגט געוואָרן צום סוף פון מערץ און איידער עס איז אריין אין דרוק, האָבן אים די געשעעניש פאַרלאָפן דעם וועג אויף א ריי וויכטיגע געביטן. איך האָב אָבער באַשלאָסן ניט אריינ־צוטראָגן אין אים אין דער לעצטער מינוט קיין ענדערונגען, וואָס זאָלן אים דערפירן ביזן היינטיגן טאָג. זאָל עס בלייבן, ווי עס איז געשריבן געוואָרן און זיין אן עדות פון דער שנעלקייט, מיט וועלכער די געשיכטע באַוועגט זיך אין די איצטיגע טעג, וואָרים איידער דאָס בוך וועט דערגיין צו דער מערהייט לייענער וועלן פאָרקומען נאָך א סך נייע ענדערונגען. דער ווערט פון דעם בוך ליגט ניט אין דער פאַרצייכענונג פון די אָדער יענע באַזונדערע פאַקטן אין דעם מאָמענט, ווען דאָס ווערט געשריבן, נאָר אין דעם צוגאַנג און מעטאָד פון באַהאַנדלען די פאַקטן אין פּראָצעס פון זייער שנעלער ענדערונג. די דאָזיג ענדערונג גופא און דער פאַרשנעלערטער גאַנג פון דער ענדערונג איז דער וויכטיגסטער פאַקט פון דער היינטיגער צייט.

מיר קאָנען דאָ אין קורצן פאַרצייכענען אייניגע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין משך פון דעם חודש אַפּריל. דער טעמפּער ווינקל אין דעם איטאַליענישן פּאָליטישן לעבן איז דורכגעבראָכן געוואָרן און א נייער קאַבי־נעט איז דאָרטן געשאַפן געוואָרן אויפן באַזיס פון דער קאָאַליציע פון די זעקס אַנטי־פאַשיסטישע פּאַרטייען אין דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג־קאָמיטע. אויף אַזאַ אופן איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן די אויפגאַבע, וואָס די מאָסקווער קאָנפערענץ פון די אַליאירטע אויסלענדישע מיניסטאָרן האָט אָנגעצייכנט לעצטן אָקטאָבער. אין כינע האָט דער לאַנג שוין אָנ־וואַקסנדיגער אינערלעכער פּאָליטישער קריזיס ענדלעך דערגרייכט די העכסטע קרייזן פון דעם קואָמינטאַנג, נאָכדעם ווי דר. סון־פאָ איז עפנטלעך אַרויס־געטראָטן מיט דער פאָדערונג אז מען זאָל אָנהויבן דעמאָקראַטיזירן דעם טשונג־קינג רעזשים. אין מעקסיקאָ האָט די פּראָבע צו דערמאָרדן פּרעזידענט אַווילאַ קאַמאַטשאָ, וואָס איז צום גליק ניט געלונגען, באַוויזן ווי דורך דעם שיין פון א בליץ די געפאַר פון היטלער׳ס אריינדרינגונג אין דעם אַמערי־קאַנישן וועלט־טייל דורך דער אַרגענטינישער און באָליווישער פאַשיסטישע

דיקטאטורן, פון וועלכע די מעקסיקאנישע קאנטער־רעוואלוציאנערע סינארקיסטן זיינען בלויז א צווייג. אויף דעם מיטינג פון דעם אינטערנאציאנאלן לעיבאר אפיס אין פילאדעלפיע איז דער באשלוס אויסצושליסן דעם ארגענטינישן „ארבעטער"־דעלעגאט, וואס איז אנגענומען געווארן לויט דער איניציאטיוו פון וויסענטי לאמבארדא טאלעדאנא און פון דער פאראייניגטער לאטיין־אמעריקאנישער ארבעטער־דעלעגאציע, געווען א דראמאטישער אויסדרוק פון אונטערשטיצונג פאר דער פאליטיק פון סטעיט־סעקרעטערי קארדעל האל. אין דער זעלביגער צייט איז די אפאזיציע צו דעם פארשלאג, וואס איז אויסגעדריקט געווארן דורך ראבערט וואטט, דעם פארטרעטער פון דער א. פ. או ל., געווען א שענדלעכע דעמאנסטראציע פון דעם, ווי באנקראט עס איז די דאזיגע פירערשאפט, וואס איז גרייט צו סאבאטירן די אמעריקאנער אויסלענדישע פאליטיק צוליב ענגע, פארטייאישע און רעאקציאנערע חשבונות. דאס צוריקציען זיך פון מר. ווענדעל ווילקי פון דער פרעזידענט־קאנדידאטור נאכדעם ווי די הואווער־טעפט מאשין פון דער רעפובליקאנישער פארטיי האט באוויזן אז זי קאנטראלירט די פארטיי־פראימערים, האט ניט נאר ניט געלייזט קיין שום אישום פון דעם וואלקאמפעין, נאר זי האט זיי נאך מער פארשארפט, און האט אגב געשטעלט מר. ווילקי'ן אין א פיל שטארקערער פאזיציע צו באאיינפלוסן דעם גאנג פון דער געשיכטע, אויב ער איז מער פאראינטערעסירט אין דעם, איידער אין דעם דירעקטן פערזענלעכן דערפאלג.

אט די און א ריי אנדערע אנטוויקלונגען העלפן באשטעטיגן דעם הויפטטעזיס פון דעם בוך. איך בין זיכער, אז דער ווייטערדיגער גאנג פון די געשעענישן וועט צושטעלן ווייטערדיגע באשטעטיגונגען. די וויכטיגסטע פון די דערווארטעטע געשעענישן איז, פארשטייט זיך, די לאנג־דערווארטעטע עפענונג פון דעם צווייטן, מערב־פראנט געגן היטלער'ן, וואס וועט שוין דארפן זיין אין פולן גאנג צו דער צייט, ווען דאס בוך וועט ארויס.

די טעג פון שווערער אנגעשטרענגטקייט, פון גיגאנטישע געשעענישן, פון טיפע ענדערונגען אויף אלע געביטן פון לעבן, ליינן ארויף א שווערע געוויכט אויף אונזערע אינטעלעקטועלע מעגלעכקייטן. אלטע פאראורטיילן, וואס האבן א לאנגע צייט אויסגעזען צו זיין א געהעריגער וועגווייזער פאר א סך מענטשן ביים טרעפן זיך פנים אל פנים מיט די פראבלעמען פון לעבן, ווייזן איצט ארויס זייער אומטויגבארקייט און ברענגען בלויז אריין א פלאנטער. אלטע וועג־צייכנס פאלן, אדער זיינען אזוי צעדרייט געווארן, אז זיי „ווייזן" אין אלע זייטן. אלטע מאפעס אנטשפרעכן מער ניט דער ווירקלעכקייט. די וועלט מאכט דורך א ריזיגן שטורעם און די אנגענומענע וועגן און מעטאדן העלפן זייער ווייניג, אויב זיי העלפן בכלל.

די קאנפערענץ אין טעהעראן האט געגעבן דער וועלט דעם נויטיגן אריענטיר־פונקט. דאס דאזיגע בוך פארנעמט זיך מיט דער באטראכטונג

פון איינינע פון די דרינגענדיגסטע פראָבלעמען, מיט אַן איבערראַשונג פון מעטאָדן לויט דער פערספעקטיוו פון טעהעראַן.

מיין פריערדיג בוך, „וויקטאָרי ענד עפטער", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אָקטאָבער 1942, האָט געגעבן בלויז אַ קורצן אַריינבליק אין די פראָבלעמען פון דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט. דאָס איצטיגע בוך מוז זיך אָבער פאַרנעמען דערהויפּט מיט די דאָזיגע פראָבלעמען, ווייל זיי האָבן איצט דעם אַנטשיידנדיגן איינפלוס אויף געווינען די מלחמה. מיר האָבן אויסגעפונען, אַז אַמעריקע קאָן אַריינוואַרפן אין דער מלחמה איר פולע מאַכט פאַר אַ שנעלן און אַנטשיידנדיגן זיג בלויז אין דער מאָס, אין וועלכער מיר וועלן אָנהויבן קלאָר מאַכן דעם אויסזען פון דער וועלט, צו וועלכער דער זיג וועט אונז ברענגען.

די וועלט ווערט איצט פאָרמירט אונטער אומגעהויער מעכטיגע קלעפּ. דאָס איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך, ווען היטלער'ס וואוקס איז באַצייטנס ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן. דער היטלעריזם איז אַ פּראָבע צו מאַכן גוואַלדזאַמקייט פאַר דעם העכסטן געזעץ פון לעבן. ער קאָן צעשטערט ווערן בלויז דורך אַ גרעסערער גוואַלד־מאַכט. אָבער ווען די ערד וועט אָפּגערייניגט ווערן פון דעם היטלעריזם וועלן די טיפערע, מער קאָמפּליצירטע כחות פון דער געשיכטע ווידער אַרויסקומען צום פאָדערגרונט אַלס די דירעקטע, אַנטשיידנדיגע פאַקטאָרן, — פונקט ווי זיי זיינען אויך איצט די אַנטשיידנדיגע פאַקטאָרן, וואָס ליגן הינטער דעם באַוואָפנטן קאַמף. דאָס זיינען די קרעפטן פון די פעלקער פון דער ערד, וואָס קעמפן צו באַהערשן די נאַטור, און צו באַמייסטערן די פראָבלעמען פון זייערע אייגענער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציע. גוואַלדזאַמקייט און די אינסטרומענטן פון גוואַלד־הערשאַפט זיינען פאָרט ניט דער אַל־אַנטשיידנדיגער פאַקטאָר, ווי היטלער האָט זיך פאָרגעשטעלט. וואָרים אַנדערש וואָלט מען ניט געהאַט קיין שכל'דיגע דערקלערונג פון דעם, ווי אַזוי עס האָט געקאָנט אויסוואַקסן די מעכטיגע יוגאָסלאַווישע אַרמיי פון באַפרייאונג אונטער מאַרשאַל טיטאָ ביי אַ פולקום אַנטוואָפנטן און צעדריקטן פאָלק, וואָס האָט מיט זיינע הוילע הענט אָוועקגענומען ביים שונא זיין געווער, כדי צו באַזינגן אים דערמיט. מיר וואָלטן אויך ניט געקאָנט פאַרשטיין די גרויסע כינעזישע באַפרייאונג־באַוועגונג פון דער 8טער וועג־אַרמיי און פון די פאַרטיזאַנען, וואָס טראָגן אויף זיך אַ גרויסן טייל פון דעם קאַמף געגן יאַפּאַן מיט דער הילף פון געווער, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט ביי די יאַפּאַנעזער גופא.

יאָ, ס'איז באמת פאַראַן אַ גרונט־שטראָם אין די מעשים פון מענטשן. דאָס איז דער שטראָם פון דעמאָקראַטיע, פון דער מענטשהייט וואָס נעמט איבער אירע אייגענע אינטערעסן, אָפּשטויסנדיג אין אַ זייט די פּרעטענזיעס פון קליינע, אָנגעבלאָזענע עגאָ־מאַניאַקן און פון פּריווילעגירטע קלאַסן, וואָס פּרעטענדירן, אַז זייערע גוואַלדזאַמע און צעשטערערישע באַמיאונגען צו פירן

די וועלט, ווי אַ סטאַדע מילך־בהמות אָדער ווי אָקסן אין יאָך, זיינען אַ געבאָט פון גאָט.

דאָס דאָזיגע בוך איז אַ פּראָבע צו העלפן פאַרשטאַרקן דעם היסטאָרישן שטראָם פון דעמאָקראַטיע.

הגם איך מוז אויף זיך נעמען די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פאָרם און אינהאַלט פון דעם בוך און ספּעציעל פאַר יעדן פעלער און גרייז, וואָס מען קאָן אין אים געפינען, איז עס אין אַ ברייטערן זינען פון וואָרט דער פּראָדוקט ניט פון מיין פּערזענלעכער שאַפונג, נאָר פון אַן אָרגאַניזירטער באַוועגונג, פון די מאַרקסיסטן, פון די קאָמוניסטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן און איבער גאָר דער וועלט. איך מוז דאָ געבן מיין אָנערקענונג די טויזנטער ניט־אָנגערופענע מיטאַרבעטער, וואָס האָבן געהאָלפן אויסהאַמערן די אידייען פון דעם בוך. און צום סוף וויל איך פאַרצייכענען, אַז מיין פרוי, ראַיסאַ בראָודער, האָט זיך באַטייליגט אין די געבורט־ווייען פון דער דאָזיגער אַרבעט אין אַ פיל גרעסערער מאָס, ווי ס'איז מעגלעך איבערצוגעבן, און פאַר דעם קאָן איך איר דאָ בלויז אויסדריקן מיין ליבע און דאַנקבאַרקייט.

ערל בראָודער

אַפּריל 27, 1944.

ערשטער טייל: אַ נייע וועלט

קאַפּיטל איינס

טעהעראַן שאַפט אָפּ מינכען

סוף נאָוועמבער און אָנהויב דעצעמבער 1943 איז אין טעהעראַן, דער הויפּט־שטאָט פון פּערסיע, פאָרגעקומען די ערשטע קאָנפערענץ פון דער ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישער קאָאַליציע, וואָס שטייט אין שפּיץ פון די יונאַיטעד נעישאָנס (פאַראייניגטע מלוכות). די פירער פון די דריי גרויסע מאכטן האָבן צוזאַמען מיט זייערע מיליטערישע און דיפּלאָמאַטישע מיט־אַרבעטער באַטראַכט די פּראָבלעמען פון דער וועלט אין קריג. זיי זיינען געקומען צו געמיינזאַמע שלוסן, וואָס זיינען פאַרקערפּערט געוואָרן אין אַ שותּפות'דיגער דעקלאַראַציע.

די דעקלאַראַציע פון טעהעראַן, ווי זי לייענט זיך, שטעלט מיט זיך פאָר אַן אַנטשיידנדיגן קער־פּונקט אין דער געשיכטע.

די פּראָגראַם פון טעהעראַן שאַפט אָפּ ענדגילטיג און אויף שטענדיג די פּאָליטיק פון מינכען, וואו דער דעמאָלטיגער פּרעמיער־מיניסטער פון ענגלאַנד, נעוויל טשעמבערלעין, און פּרעמיער דאַלאַדיע פון פראַנקרייך, האָבן אין סעפּטעמבער 1938 איבערגעגעבן אייראָפּע אין היטלער'ס און מוסאָליני'ס הענט, שליסנדיג מיט זיי אַן אָפּמאַך, וואָס האָט פאַרמשפּט די וועלט צו איר איצטיגער פייער־מאַטערניש.

די פּראָגראַם פון טעהעראַן, להיפוך צו מינכען, גיט אַ מיליטערישע גאַראַנטיע פון דער אויסראָטונג פון היטלעריזם אין אייראָפּע און אַ פּאָליטישע גאַראַנטיע פון אַ פעסטן שלום, וואָס וועט באַזייטיגן דעם אומגליק פון מלחמות פאַר קומענדיגע דורות. פון אונזער אָפּשאַצונג פון טעהעראַן הענגט דעריבער אָפּ אונזער ענטפער אויף אַלע נאַציאָנאַלע און וועלט־פּראָבלעמען.

איז טעהעראַן געווען ניט מער ווי איינע פון אַן אומענדלעכער ריי אינ־טערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן? איז די דעקלאַראַציע פון טעהעראַן בלויז נאָך אַ דיפּלאָמאַטישער דאָקומענט, וואָס פאַרצייכנט אַ קורצווייליגן קאָמפּראָמיס צווישן געגנערישע מאכטן, וואָס קאָנען ניט אָנהאַלטן קיין דויערהאַפטיגן שלום צווישן זיך? אָדער איז טעהעראַן אין דער אמת'ן טאַקע בלויז דאָס, וואָס ער דערקלערט אַז ער איז, אַ פונדאַמענטאַלע און לאַנג־טערמיניגע פּאָליטיק, אין וועלכער די דריי גרויסע מאכטן זיינען שותּפים, און וואָס וועט אויס־פאָרמירן די וועלט פאַר קומענדיגע דורות?

אַט דאָס איז די גרונט־פראַגע, וואָס יעדער אַמעריקאַנער מוז זיך אַליין ענטפערן איידער ער קאָן באַוואוסטזיניג אורטיילן וועגן יעדער אַנדער פראַגע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָס דאָזיגע בוך איז פון אָנהויב ביזן סוף אַן אָפּשאַצונג פון דעם הסכם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין טעהעראַן און פון די רעזולטאַטן, וואָס קומען פון דעם אַרויס.

איך מוז דאָ אָנהויבן מיט ציטירן דעם פולן טעקסט פון דער טעהעראַנער דעקלאַראַציע. איך ווייס, אַז ס׳רוב אַמעריקאַנער לייענער האָבן אַן איינגע־וואָרצלטע געוואוינהייט דורכצולאָזן לאַנגע ציטאַטעס פון עפנטלעכע דאָקו־מענטן, ספּעציעל ווען זיי געפינען זיך ביים אָנהויב פון אַ בוך, אָננעמענדיג אַז זיי זיינען שוין סיי ווי באַקאַנט מיט זיי און וועלנדיג אַריבערגיין צו דעם וואָס עס רעדט זיך ווייטער. מוז איך דעריבער פאַראויס וואָרענען דעם לייענער, אַז ער איז וואַרשיינלעך איינער פון דער גרויסער מערהייט, וואָס האָבן בלויז איינמאָל, אָדער גאָר אינגאַנצן ניט געלייענט די טעהעראַנער דעקלאַראַציע. עס איז קלאָר, אַז פון אַזאַ אויבנאויפיגן קוק איז אוממעגלעך צו דיסקוטירן די פראַגע וועגן טעהעראַן.

דעריבער פאַרלאַנג איך זייער ערנסט פון דעם לייענער, אַז ער זאָל אָנ־הויבן מיט איבערלייענען ניט איין מאָל, נאָר עטלעכע מאָל די דעקלאַראַציע פון טעהעראַן. אויב ער וועט דאָס ניט טאָן, וועט די צייט, וואָס ער וועט דערנאָך אָפּגעבן צו לייענען דעם בוך, זיין אין אַ גרויסער מאָס אַרויסגעוואָרפן.

אַט איז דער טעקסט פון דער

טעהעראַנער דעקלאַראַציע:

„מיר, דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, דער פּרעמיער־מיניסטער פון גרויס־בריטאַניע און דער פּרעמיער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינען זיך אין די לעצטע פיר טעג צונויפגעקומען אין דער הויפּט־שטאָט פון אונזער פאַרבינדעטן, אין טעהעראַן, און האָבן דאָ אויסגעפורעמט און באַשטעטיגט אונזער שותפות׳דיגע פּאָליטיק.

„מיר דריקן אויס אונזער אַנטשלאָסנקייט, אַז אונזערע מלוכות זאָלן צוזאַמען אַרבעטן סיי אין דער מלחמה, סיי אין דעם שלום, וואָס וועט נאָך איר קומען.

„וואָס איז שייך דער מלחמה, האָבן זיך אונזערע מיליטער־שטאָבן באַ־טייליגט אין אונזערע דיסקוסיעס און מיר האָבן אויסגעאַרבעט אונזערע פּלענער פאַר דער צעשטערונג פון די דייטשע (באַוואָפנטע) קרעפטן. מיר האָבן דער־גרייכט אַ פולן הסכם וועגן דעם פאַרנעם און דער צייט פון די (קריגס)־אָפּעראַציעס, וואָס וועלן אונטערגענומען ווערן פון מזרח, מערב און דרום. די געמיינזאַמע פאַרשטענדיגונג וואָס מיר האָבן דערגרייכט איז אַ גאַראַנטיע, אַז דער זיג וועט זיין אויף אונזער זייט.

„בנוגע דעם שלום זיינען מיר זיכער, אַז אונזער אָפּמאַך וועט אים מאַכן פאַר אַ דויערהאַפטן שלום. מיר אַנערקענען פולשטענדיג די קאָלאָסאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס ליגט אויף אונז און אויף אַלע מלוכות צו שאַפן אַ שלום, וואָס זאָל פאַרדינען דעם גוטן ווילן פון די איבערוועגנדיגע מאַסן פון די פעלקער פון דער וועלט און וואָס זאָל פאַרטרייבן דעם אומגליק און דעם גרויל פון מלחמה אויף פיל דורות.

„צוזאַמען מיט אונזערע דיפּלאָמאַטישע ראַטגעבער האָבן מיר באַטראַכט די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט. מיר וועלן זוכן די קאָאָפּעראַציע און דעם אַקטיוון אַנטייל פון אַלע מלוכות, סיי גרויסע, סיי קליינע, וועמעס פעלקער עס זיינען מיט לייב און לעבן אַנטשלאָסן, פּונקט ווי אונזערע פעלקער, אויסצוראָטן טיראַניי און שקלאַפעריי, אונטערדריקונג און אומטאָלעראַנץ. מיר וועלן זיי גערן אויפנעמען, ווען זיי וועלן באַשליסן אַריינצוטרעטן אין דער וועלט־משפחה פון די דעמאָקראַטישע מלוכות.

„קיין מאַכט אויף דער ערד קאָן ניט פאַרמיידן די צעשטערונג פון די דייטשע אַרמייען אויף דער יבשה, זייערע סובמאַרינען אויף די ימים און זייערע קריגס־אונטערנעמונגען פון דער לופטן. אונזערע אַטאַקעס וועלן פאָרקומען אָן אַן אָפּשטעל און אין אַ וואַקסנדיגער מאָס.

„אַרויסקומענדיג פון דער דאָזיגער פריינטלעכער קאָנפערענץ קוקן מיר אַרויס מיט צוטרוי אויף דעם טאָג, ווען אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן קאָנען לעבן אַ פריי לעבן, אָן דעם דרוק פון טיראַניי און אין הסכם מיט די פאַרשיידענע וואונטשן פון זייערע אייגענע געוויסנס.

„מיר זיינען געקומען אַהער מיט האָפענונג און אַנטשלאָסנקייט. מיר גייען פון דאַנען אַוועק ווי פריינט אין פאַקט, אין גייסט און אין ציל.“

אָט דאָס איז דער אָפּמאַך פון טעהעראַן.

מיר קאָנען אים נעמען ווי ער איז און דערנאָך פּרואוון פאַרשטיין אַלע ווייט־גייענדיגע קאָנסעקווענצן, וואָס מוזן פון אים אַרויסקומען. אָדער מיר קאָנען זיך אָפּזאָגן אָנצונעמען אים ווי ער איז; מיר קאָנען נעמען מאַכן פאַרשיידענע רעזערוואַציעס צו אים פון דעם אָדער יענעם מין, און אויך אין אַזאַ פאַל מוזן מיר זען צו פאַרשטיין די ווייטגייענדיגע קאָנסעקווענצן דערפון.

אָבער ווען מיר האָבן פאַר זיך אָט דעם גרונט־אויסוואָל צווישן צוויי צוגאַנגען צו טעהעראַן, מעגן מיר זיך דערביי דערמאָנען, אַז היטלער האָט זיך אויך געווענדט צו דער וועלט אַ פּאָר וואָכן נאָך טעהעראַן. וואָס האָט היטלער געענטפערט אויף טעהעראַן?

אין זיין ניי־יאָר ווענדונג האָט היטלער שוין מער ניט געפּרואווט לייקענען, אַז די ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישע קאָאַליציע האָט אין אירע הענט די מאַכט צו צעשטערן אים צוזאַמען מיט זיין גאַנצן אויפבוי. ער האָט אַרויסגעשטעלט זיינע לעצטע טרומפן, דורך וועלכע ער האָפט נאָך אַלץ אַרויסצוקומען דער געווינער. ער האָט געסטראַשעט די וועלט, אַז זיין פאַרניכטונג

וועט בלויז ברענגען ניט נאָר צו „אַ סאָציאַלן צוזאַמענברוך, וואָס וועט זיין מער קאַטאַסטראָפיש ווי וואָס עס איז זינט דער פעלקער־איבערוואַנדערונג", נאָר אויך צו „אַן עקאָנאָמישער קאַטאַסטראָפע, וואָס די וועלט האָט נאָך אַזוינס ניט געזען"; אַז ווען זיין רעזשים וועט צעשמעטערט ווערן, וועט עס קומען צו אַ דריטער וועלט־מלחמה צווישן ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטן, אָדער צווישן די דאָזיגע צוויי לענדער און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער איינציגער ענטפער אויף היטלער'ס דראָאונגען איז דער אָפּמאַך פון טעהעראַן, אלס אַ פּראַקטישע פּראָגראַם, וואָס קאָן און וועט פאַרווירקלעכט ווערן מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן.

יעדע רעזערוואַציע געגן דעם פולשטענדיגן אָננעמען פון טעהעראַן אלס דעם שליסל צו דער איצטיגער וועלט־לאַגע קאָן האָבן בלויז איין רעזולטאַט, נעמלעך, עפּענען אַ טיר פאַר היטלער'ן, שטאַרקן אים און אָפּשוואַכן אונז, אָפּליינען אונזער זיג און פאַרגרעסערן זיין פּרייז, און אפילו צו שטעלן די גאַנצע מעגלעכקייט פון אונזער זיג אונטער אַ פראַגע־צייכן. די אומבאַדינגטע אונטערשטיצונג פון טעהעראַן אלס אַ רעאַליסטישע פּערספּעקטיוו און אלס אַ פּראָגראַם פון האַנדלונגען איז דעריבער דער איינציגער אויסוועג געגן אַ צוריקקער צו מינכען.

די דעקלאַראַציע פון טעהעראַן מוז גענומען ווערן ווי זי שטייט און גייט. זי מיינט וואָס זי זאָגט און האָט ניט קיין שום אַנדער מיינונג. יעדע פּראָבע צו געפינען עפּעס אַ געהיימען, באַהאַלטענעם מיין הינטער די אָפענע און קלאָרע דיבורים פון דעם דאָזיגן היסטאָרישן דאָקומענט קאָן זיך ענדיגן בלויז מיט אַריינפאַלן אין היטלער'ס אַ פּאַסטקע, אין מינכעניזם. אַ סך ווייט־גייענדיגע קאָנסעקווענצן קומען אַרויס פון דעם טעהעראַנער אָפּמאַך, אָבער זיי קאָנען פאַרשטאַנען ווערן נאָר אויב מיר וועלן אָנהויבן מיט דעם אַבסאָלוטן תנאי, אַז טעהעראַן מיינט וואָס עס זאָגט, אַז עס מיינט ניט קיין שום אַנדער זאַך, אַז מיר קאָנען ניט אָננעמען איין טייל פון אים און אָפּוואַרפן אַ צווייטן, און אַז יעדע פּראָבע צו גיין אויף אַן אַנדער וועג מיינט אונטערצוגעבן זיך דעם היטלעריזם.

עס זיינען נאָך אַלץ פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן, אַז הגם אַזוינס איז טאַקע מעגלעך, איז עס אָבער ריכטיג נאָר בנוגע די „רעכטע" רעזערוואַציעס געגן טעהעראַן, און אַז עס מוזן זיין „לינקע" רעזערוואַציעס, וואָס זיינען ניט נאָר דערלאָזבאַר, נאָר אפילו נויטווענדיג.

אַזעלכע אויסדרוקן פון דער „קינדער־קראַנקהייט פון לינקיזם", ווי לענין האָט אַמאָל באַצייכנט אַזאַ אופן פון דענקען, זיינען אפילו מער שעדלעך איידער די געוויינלעכע רעזערוואַציעס. וואָרים הינטער זייערע „לינקע", „ראַדיקאַלע" און אפילו „רעוואָלוציאָנערע" באַפאַרבונגען, וואָס פּרעטענדירן צו זיין עקסטרעם אַנטי־היטלעריסטיש, טוען זיי די זעלביגע אַרבעט, ווי היטלער'ס דערמאָנטע רעדע.

ס'איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן „לינקס" און „רעכטס" אין שייכות צו טעהעראַן. עס קאָן זיין די רייד בלויז וועגן אָננעמען, אָדער אָפּוואַרפן די פּראָגראַם פון טעהעראַן; און אַלע מינים רעזערוואַציעס, מיט וואָס פאַר אַ אידעאָלאָגיעס מען זאָל זיי ניט באַפּוצן, זיינען אַ געוועהר פאַר היטלער'ן.

די טיפּישסטע פון אַזעלכע „לינקע" רעזערוואַציעס הויבן זיך אָפּ אָן מיט זאָגן: „אַוודאי, געוויס זיינען מיר פאַר טעהעראַן, אָבער די דעקלאַראַציע וועגן דעם „פּולן הסכם מכוח דעם פאַרנעם און דער צייט פון דער אָפּעראַציע, וואָס וועט אונטערגענומען ווערן פון מזרח און מערב און דרום" דאַרף ניט באַטראַכט ווערן אַלס אַנטשליסנדיג פאַר דער פראַגע פון דעם צווייטן פראָנט; ניין, ניין, קיין צווייטער פראָנט וועט סיי ווי ניט זיין, סיידן מיר וועלן אַלע גוואַלדעווען וועגן דעם העכער און לענגער, ווי ווען עס איז פריער!"

די דאָזיגע וואולגאַריזאַציע פון דער פּראָבלעם פון צווייטן פראָנט, פול־שטענדיג אין גייסט פון די בילינגסטע צייטונג־קאָלומניסטן, האָט זיך אַפילו אַרויסגעצייגט, — עס פאַרדריסט מיך זייער דאָס צו זאָגן, — אויך ביי איינינע קאָמוניסטן. אַ סעקרעטאַר פון איינער פון אונזערע לאָקאַלע אָר־גאַניזאַציעס האָט פּלוצלונג, שוין נאָך טעהעראַן, אַנטדעקט אַ דרינגענדיגע באַדערפעניש אָנצוהויבן אַ מאַסן־קאַמפּעין, וואָס זאָל פאָדערן „אַ צווייטן פראָנט איצט". צום גליק האָט די גאַנצע אָרגאַניזאַציע תיכף צוריקגעוואָרפן אַזאַ פּלאַן און האָט זיך כמעט איינשטימיג פאַראייניגט נעגן דער גאַנצער ליניע פון „רעזערוואַציעס". און דאָ האָט מען טאַקע אויסגעפונען, אַז „איין קליינע רעזערוואַציע" איז געווען בלויז אַ קליינער עקל פון אַ גרויסער חיה, אַן אָנ־הויב פון אַ גאַנצער סיסטעם פון רעזערוואַציעס, וואָס האָט אין עצם פול־שטענדיג פאַרלייקנט טעהעראַן.

שטעלט זיך פאָר דעם פאַרגעניגן פון די היטלערישע פּראָפּאַגאַנדיסטן אין בערלין, ווען זיי וואָלטן פון דאָרטן געקאָנט אָנזאָגן אייראָפּע, אַז די אַמעריקאַנער, און באַזונדערס די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, האָבן ניט קיין צוטרוי צום טעהעראַן־אָפּמאַך, — ניט צו זיין מיליטערישן טייל, ניט צו זיין פּאָליטישער פאַזע, ניט צו זיין נאָך־מלחמה'דיגער עקאָנאָמישער פּערספּעק־טיווע!!! אָבער היטלער'ן איז ניט באַשערט געווען צו שעפּן נחת. ניט נאָר די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, נאָר די מערהייט פון אונזער לאַנד האָבן צוטרוי צום אָפּמאַך פון טעהעראַן.

טעהעראַן שטעלט מיט זיך פאָר אַ פעסטן און וואַקסנדיגן שותפות׳דיגן אינטערעס פון די מלוכה־פירער, וואָס זיינען זיך דאָרטן צונויפגעקומען, די קלאַסן וואָס זיי פאַרטרעטן און די פעלקער פון דער גאָרער וועלט.

היטלער זוכט פאַרצווייפלט צו איבערצייגן די וועלט, אַז אַזאַ שותפות־דיגער אינטערעס איז ניטאָ, אָדער אַז ער איז ניט שטאַרק גענוג צו באַזיגן די אונטערשיידן און די אַלטע צוויסטיגקייטן. ראַדיאָ־בערלין האַלט אין איין פאַרזיכערן דעם עולם אין ענגלאַנד און אַמעריקע, אַז טעהעראַן איז אַ מין

גיגאַנטישער אונטערגעבן זיך מצד רוזוועלט'ן און טשוירטשיל'ן צו סטאַ־
לינ'ען. אין דער זעלביגער צייט ווענדט זיך די בערלינער ראַדיאָ צום סאָוועטן־
פאַרבאַנד, צו די קאָלאָניאַלע פעלקער און צו די „לינקיסטישע" קרייזן פון די
אַרבעטער און מיטלקלאַסן און קלאָגט נעבעך, אַז סטאַלין האָט „פאַרראַטן די
רעוואָלוציע" צו טשוירטשיל'ן און רזוועלט'ן אַלס פּרייז פאַר אַ ביסל
„צווייפלהאַפטער" מיליטערישער הילף.

אין ענגלאַנד העלפן היטלער'ן אַרויס יענע מיטגלידער פון פאַרלאַמענט,
וואָס האָבן אָנגעמעלט באַשולדיגנט טשוירטשיל'ן אין „אונטערגעבן זיך צו
סטאַלינ'ען", ווארים טעהעראַן האָט תיכף געבראַכט מיט זיך אַ נייעם צוגאַנג
צו די פּראָבלעמען פון פּוילן און פון יוגאָסלאַוויע, — און עס העלפן היטלער'ן
אויך די „לינקיסטן" פון דער אינדעפּענדענט לייבאָר פּאַרטיי, וואָס באַשולדיגן
סטאַלינ'ען אין „פאַרראַטן די רעוואָלוציע".

אין די פאַראייניגטע שטאַטן העלפן אַרויס היטלער'ן די פירער פון די
פאַרשיידענע אָפּאָזיציעס צו רוזוועלט'ן אין קאָנגרעס, דער גאַנצער לאַגער
פון די אַנטי־סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, די אויפהעצער פון שנאה צו ענג־
לאַנד, ווי אויך די אַלע „לינקיסטן", וואָס האַלטן אין איין שרייען וועגן חשד
און אומצוטרוי צו דעם טעהעראַנער אָפּמאַך, איינשליסנדיג אויך פאַר־
בלאָנדזשעטע קאָמוניסטן, וואָס קאָנען אַריינפאַלן אין דער דאָזיגער פאַסטקע
צוליב גייסטיגער פוילקייט אָדער סעקטאַנטישקייט.

„פאַר אָדער געגן טעהעראַן", — אָט דאָס איז דער פּרוביר־שטיין פון
דער אַמעריקאַנישער און פון דער גאַנצער וועלט־פּאָליטיק פאַר דעם קומענדיגן
פּעריאָד, ביז די פּרינציפּן פון טעהעראַן וועלן דורכגעפירט ווערן אין לעבן
אין דער פולער מאָס.

דער טעהעראַנער אָפּמאַך שאַפט אַ פּלאַטפאָרם, אויף וועלכער עס קאָנען
און מוזן זיך פאַרזאַמלען אַלע פאַראויסזעענדיגע מענער און פרויען פון אַלע
קלאַסן און פּאָליטישע אידעאָלאָגיעס, וואָס וואַרפן אונטער אַלע זייערע אַנדערע
חשבונות אונטער דער איינציגער אויפגאַבע פון צונויפשמעלצן אַ פעסטע און
ווירקזאַמע מערהייט פון פאָלק, כדי צו פירן אונזער לאַנד און די גאַנצע וועלט
אויפן וועג, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן אין טעהעראַן.

קאַפּיטל צוויי

געוועווער אין דינסט פון דער פּאָליטיק

אין טעהעראַן איז דערגרייכט געוואָרן אַ פולער הסכם וועגן דעם פאַרנעם
און וועגן דער צייט פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס, וואָס וועלן אונטער־
גענומען ווערן פון מזרח, מערב און דרום געגן היטלער־דייטשלאַנד מצד דער
ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישער קאָאַליציע. אַלע ערנסטע מענטשן האָבן

שטענדיג געהאַלטן, אַז אַזאַ שותפות'דיגע האַנדלונג איז די איינציגע גאַראַנטיע פון נצחון. פון אַ ריין־מיליטערישן שטאַנדפּונקט איז אַזאַ פּאַראייניגטע קאָאַליציע־קריגספירונג געווען נויטיג און מעגלעך שוין זינט דעם יאָר 1942.

אָבער די געשיכטע ווייסט ניט וועגן אַזאַ פאַל, אַז גרויסע אַרמייען, וואָס פאַרטרעטן גרויסע מלוכות, זאָלן האַנדלען צוליב „ריין־מיליטערישע חשבונות". גרויסע מיליטערישע קרעפטן באַוועגן זיך אין דינסט פון באַשטימטע פּאָליטישע חשבונות. און ווען די דאָזיגע קרעפטן שטעלן מיט זיך פאָר אַ קאָאַליציע, באַוועגן זיי זיך אין איין ריכטונג נאָר אין דער מאָס, אין וועלכער יעדער באַשטאַנד־טייל פון דער קאָאַליציע ווערט דירעקט אַטאַקירט דורך אַ שותפותידיגן שונא, פּלוס דעם גראַד, ביז וועלכן די קאָאַליציע האָט שוין דערגרייכט צו אַ געמיינזאַמער פּאָליטיק, — וואָס דאָס מיינט, בכלל גערעדט, אַ הסכם וועגן דעם וואָס פאַר אַ פאָרם דער שותפות'דיגער זיג זאָל אָננעמען, אַזוי אַז ער זאָל אויסדריקן די לעבנס־אינטערעסן פון יעדן מיטגליד פון דער קאָאַליציע.

פון דעם שטאַנדפּונקט פון דערגרייכן די מעגלעכסט־שנעלסטע מיליטערישע אַנטשיידונג איבער דעם היטלעריזם און מיט די מעגלעכסט־קלענסטע קרבנות איז די עפענונג פון דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע אָנערקענט געוואָרן אין אַ פאָרמעלער דעקלאַראַציע אַלס אַ „דרינגענדיגע נויטווענדיגקייט" שוין אין יאָר 1942. אָבער מען הויבט עס אָן פאַרווירקלעכן ערשט איצט, אין צוויי יאָר אַרום.

די הויפּט־שטערונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אין וועג פון אַ פולער אַנטוויקלונג פון אַ קאָאַליציע־קריגספירונג, זיינען געווען ניט אַזוי מיליטערישע, ווי פּאָליטישע. דער צווייטער פראָנט האָט ניט אַזוי געוואַרט אויף די מיליטערישע צוגרייטונגען, ווי די מיליטערישע פאָרבאַרייטונגען האָבן געוואַרט אויף דער פאָרמולירונג פון אַ שותפותידיגער פּאָליטיק.

אַ פולער הסכם וועגן דעם פאַרנעם און צייט פון מיליטערישע האַנדלונגען איז דערגרייכט געוואָרן אין טעהעראַן אַלס אַ באַשטאַנד־טייל פון דעם הסכם וועגן אַ פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער וועלט.

אַ שותפות'דיגע וועלט־פּראָגראַם וואָלט קיינמאָל ניט דערגרייכט געוואָרן אָן אַ פולשטענדיגן הסכם וועגן מיליטערישער האַנדלונג. אָבער פּונקט אַזוי וואָלט אַ שותפות'דיגע מיליטערישע פּראָגראַם קיינמאָל ניט געקאָנט אויסגעשמידט ווערן, ווען עס וואָלטן ניט קלאָר געווען די הויפּט־שטריכן, די אַנטשיידנדיגע פּונקטן פון אַן אַלגעמיינעם הסכם וועגן דעם, וואָס פאַר אַ וועלט עס דאַרף אַרויסקומען פון דער מלחמה.

עס איז קלאָר, אַז אַזאַ שותפותידיגע פּראָגראַם מוז זיך אונטערשיידן פון אַ פּראָגראַם, וואָס יעדע איינע פון די דריי הויפּט־מאַכטן האָט אויסגעאַרבעט פאַר זיך אַליין. אין איר מוז געפינען אַ פּלאַץ אַלץ וואָס יעדער באַזונדערער שותף באַטראַכט פאַר אַן אַבסאָלוטן מינימום פון זיינע באַדערפעניש, און

אין דער זעלביגער צייט דאַרף אין איר זיין פּלאַץ פאַר שותּפות'דיגע האַנד־לונגען אין די סטראַטעגישע פּונקטען, עס דאַרף זיין אַן אָרט פאַר אַן אַל־געמיינעם פּלאַן פון אַ נאָך־מלחמה'דיגער אינטערנאַציאָנאַלער אָרדענונג, וואָס קאָן געווינען די מיטאַרבעטערשאַפט פון אַ גענינגנדיגער מערהייט פון דער מענטשהייט. מיט אַנדערע ווערטער: אַ שותּפותדיגע וועלט־פּראָגראַם מוז זיין אַ קאָמפּראָמיס. די באַזונדערע פּונקטען פון דער שותּפות'דיגער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין טעהעראַן, וועלן באַטראַכט ווערן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען. דאָ ווילן מיר בלויז באַטאָנען דעם פאַקט, אַז די פּראָגראַם איז אַ קאָמפּראָמיס און וואָס דאָס מיינט אין פּרט פון אַ פעסט־געשטעלטער שותּפות'דיגער מיליטערישער האַנדלונג.

לויט דער נאַטור פון דער זאַך, וועלן מיר זיך דערוויסן די פּרטים וועגן דעם מיליטערישן אָפּמאַך אין טעהעראַן ערשט אין גאַנג פון די געשעענישן. ביז דעמאָלט ווייסט וועגן דעם אויסשליסלעך די העכסטע קאָמאַנדע. די איינציגע פראַגע, וואָס האָט אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע באַדייטונג, איז די עק־זיסטענץ גופא און די ווירקזאַמקייט פון דעם אָפּמאַך. נאָך דעם קאָן מען שוין אָנווענדן דעם לאָזונג וועגן „לאָזן דאָס איבעריגע צו די עקספּערטן". דער מיליטערישער אָפּמאַך איז די גאַראַנטיע פון זיג. ער וועט פאַרווירקלעכט אין שלאַכטן, אין דעם טויטלעכן צוזאַמענשטויס פון גרויסע אַרמייען, וואָס זיינען באַוואָפנט מיט די מעכטיגסטע מאָדערנע צעשטערונג־מאַשינעם.

איז פאַראַן אַ געפאַר, אַז אונזער פולע מיליטערישע מאַכט וועט ניט באַנוצט ווערן דערפאַר, ווייל די שותּפות'דיגע פּראָגראַם, וואָס זי דאַרף העלפן דורכצופירן, איז אַ קאָמפּראָמיס־פּראָגראַם אין דעם אויבן־אָנגעוויזענעם זינען?

לויט מיין מיינונג איז אַזאַ געפאַר ניטאָ. די גאַנצע אויפגאַבע פון דעם דאָזיגן בוך איז צו דערוויזן דעם געזונטן באַדן פון טעהעראַן אין אַלע זיינע אויסדרוקן, ווי אויך די געפאַרן, וואָס דראָען דער פולער פאַרווירקלעכונג פון די טעהעראַנער באַשלוסן און ווי די דאָזיגע געפאַרן מוזן באַזיגט ווערן. כדי אויסצומיידן די געפאַרן מוזן מיר וויסן וועגן זיי, מיר טאָרן ניט פאַר־מאַכן אויף זיי די אויגן, מיר מוזן זיין צוגעגרייט זיי צו באַקעמפן. צוליב דעם איז אויך וויכטיג, אַז מיר זאָלן זיך ניט אַרומרינגלען מיט קיין אויס־געטראַכטע געפאַרן, אַז מיר זאָלן ניט פאַרשווענדן אונזערע כחות אויף צו באַקעמפן ווינטמילן.

איך בין איבערצייגט, אַז אַמעריקע און ענגלאַנד וועלן אַריינוואַרפן זייער פולע קאָמבינירטע מאַכט נגעגן היטלער'ן אין מערב־אייראָפּע אין משך פון יאָר 1944. איך האָב דעם פולן צוטרוי, אַז דער גאַנצער אָפּמאַך פון טעהעראַן וועט פולשטענדיג רעאַליזירט ווערן. דער גרונט פאַר דעם דאָזיגן צוטרוי מיינעם קאָן דערקלערט ווערן זייער פּשוט: די נאַציאָנאַלע אינטערעסן פון אַמעריקע און פון ענגלאַנד, ווי זיי ווערן פאַרשטאַנען פון די הערשנדיגע קלאַסן פון ביידע לענדער, פאַרלאַנגען די פולע דורכפירונג פון דעם טעהע־

ראַנער אָפּמאַך, איינשליסנדיג זיין מיליטערישן טייל. אין דעם פּרט איז אבסאָלוט ניט נויטיג מורא צו האָבן פאַר עפּעס אַן אומווילינקייט „צו טאָן עפּעס צו העלפן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד". די דאָזיגע פאַזע פון דער מלחמה איז שוין לאַנג פאַריבער. איצט באַשטייט די העכסטע נויטווענדיגקייט סיי פון ענגלאַנד, סיי פון אמעריקע צו טאָן וואָס עס איז באַשלאָסן געוואָרן, כדי צו העלפן זיך אַליין.

ס'איז איינער פון די עלעמענטאַרסטע לעבנס־פאַקטן, אַזאַ וואָס קיין שום אידעאָלאָגיע קאָן ניט ענדערן און וואָס קיין שום אַנדערע פאַקטאָרן קאָנען ניט אָפּשאַפן, אַז דער כאַראַקטער פון דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט וועט אין אַ גרויסער מאָס באַאיינפלוסט ווערן דורך די, וואָס וועלן געווינען די מלחמה אויפן שלאַכטפעלד.

די שותפות'דיגע ענגליש־סאָוועטיש־אמעריקאַנישע פּאָליטיק פאַר דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט איז איינגאַנצן געבויט אויף דעם הסכם צו דערפירן די מלחמה צו אַ דערפאָלגרייכן סוף דורך דער שותפות'דיגער מיליטערישער האַנדלונג פון דער פולער מאַכט פון דער קאָאַליציע. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט שוין לאַנג אַריינגעלייגט אין קריג זיינע פולע כחות. ענגלאַנד און אַמעריקע מוזן אַריינטרעטן אין יאָר 1944 אין קאַמף מיט אַלע זייערע כחות ניט דערפאַר, ווייל דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרלאַנגט עס, נאָר ווייל זייערע אייגענע אינטערעסן פאָדערן עס.

די פראַגע וועגן אַ פולער קאָאַליציע־קריגספירונג איז פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איצט געוואָרן אַ פראַגע וועגן פאַרקירצן די מלחמה. פאַר אַמעריקע און ענגלאַנד איז עס נאָך אָבער אַלץ אַ פראַגע וועגן געווינען די מלחמה.

אַמעריקע און ענגלאַנד זיינען פונקט אַזוי פאַראינטערעסירט ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַריינצוטרעטן אין מערב־אייראָפּע מיט זייער פולער מאַכט שוין היינטיגס יאָר, ניט אָפּלייגנדיג מער אויף קיין ווייטע. די אַנגלאָ־זאַקסישע מאַכטן האָבן פונקט אַזעלכע דרינגלעכע אורזאַכן שטאַרק צו וועלן באַפעסטיגן דעם אָפּמאַך פון טעהעראַן, ווי עס האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס פאַר־ווירקלעכן דעם אָפּמאַך פון טעהעראַן איז געוואָרן אַן ענין פון פשוט'סטן אָפּענעם זעלבסט־אינטערעס ניט נאָר פאַר די ברייטע מאַסן פון דעם אַמערי־קאַנער און ענגלישן פאָלק, נאָר אויך פאַר די קאַפּיטאַליסטן, די גרויסע ווי די קליינע.

יעדער אַנדער אויסוועג, אויסער טעהעראַן, איז אַ זאַך, וואָס מוז צווינגען פאַרטראַכטן זיך אַלע אינטעליגענטע פירער פון אַמעריקע און ענגלאַנד, אומאָפּהענגיג פון זייער קלאַסן־אָנגעהעריגקייט, אָדער אידעאָלאָגיעס. אויב ניט טעהעראַן, שטייען מיר פאַר דער געפאַר פון כאַאָס און אַנאַרכיע אין אַ זייער גרויסן טייל פון דער וועלט. דעמאָלט האָבן מיר פאַר זיך באמת די אויסזיכט, מיט וועלכער היטלער האָט געסטראַשעט די וועלט אין זיין ניי־יאָר ווענדונג. אין אַזאַ וועלט וואָלט ניט געווען קיין פּלאַץ ניט פאַר אַמעריקע

און ניט פאַר ענגלאַנד, ווי זיי זיינען איצט. אויב מיר ווילן איינהיטן דעם אַמעריקאַנישן און בריטישן „אופן פון לעבן״, מוזן מיר רעאַליזירן די צוזאָגן פון טעהעראַן, אָדער שטיין פאַר אַן אומפאַרמיידלעכער מפּלה אין דער אָדער יענער פאָרם.

בלויז פאַנאַטישע, אוואַנטיוריסטישע, ניט־דענקענדיגע, פאַרצווייפלטע מענטשן פון דעם טיפּ פון קוירנעל מעקאָרמיק (דער ארויסגעבער פון „שיקאַגאָ טריביון״) און פון זיינע פריינט, דערוועגן זיך אָפן צו אַטאַקירן טעהעראַן און צו באַגריסן דעם „אויסוועג״ פון אינטערנאַציאָנאַלער אַנאַרכיע. זיי ריזיקירן עס, ווייל זיי זיינען אין עצם מענטשן פון כאָאָס, פאַשיסטן אין האַרצן און אין מוח, קליינע טיראַנדלעך פון דער נאַטור, וואָס טרוימען צו ווערן גרויסע טיראַנען, — מענטשן וואָס זייער באַליבטסטע געווער איז אַ פּשוט׳ער פלאָקן צו דערלאַנגען מיט אים זייערע שכנים איבער די קעפּ; מענטשן וואָס שפּעטן אָפּ פון דעם וואָרט „הומאַניטעט״ גופא; מענטשן פון דעם טיפּ פון יענעם נאַצי, וועלכער האָט געזאָגט: „ווען איך דערהער דאָס וואָרט קולטור, נעם איך אַרויס מיין רעוואָלווער!״

די גרויסע מאַסע אַמעריקאַנער קאָנען אָבער ניט האָבן דעם מינדסטן צווייפל, אַז טעהעראַן דריקט מיט זיך אויס זייערע האָפענונגען און שטרעבונגען. מען קאָן בלויז צווייפלען אין דעם, צי די פראַגע וועט אַרויסגעבראַכט ווערן פאַר זיי מיט דער גנהעריגער שאַרפקייט און קלאָרקייט, צי זייערע געדאַנקען וועלן אויסגערייניגט ווערן פון דעם פלאָנטער און פאָראורטיילן, וואָס שטייען אין וועג פון זייער פאַרשטאַנד.

מען מוז צוגעבן, אַז די אַמעריקאַנער פרעסע העלפט ניט אוועקצושטעלן די פּראָגראַם פון טעהעראַן קלאָר פאַר די אויגן פון פאָלק. מען מוז צוגעבן, אַז די קוירנעל מעקאָרמיקס באַזיצן מעכטיגע כלי־זיין פון אומוויסנקייט און אָבסקוראַנטיזם.

מען מוז צוגעבן, אַז אַמעריקע האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצן באַפרייט פון דער געפאַר פון אַ היימישן פאַשיזם.

מען מוז מודה זיין, אַז די טענדענצן צו „ביזנעס־ווי־געוויינלעך״ און „פּאָליטיקס־ווי־שטענדיג״ ווערן נאָך אַלץ פאַרשפּרייט מיטן צוועק צו שטערן דער קריגס־אָנשטרענגונג און צו פאַרשטאָפּן דעם אַמעריקאַנער מוח.

אָט די אַלע פּראָבלעמען און שוועריגקייטן, וואָס שטייען נאָך אין וועג פון אַמעריקע אין איר אויפגאַבע צו דערפילן אירע מיליטערישע פאַרפליכטונגען אונטער דעם טעהעראַנער אָפּמאַך, קאָנען און וועלן געלייזט ווערן. דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז געזונט און שטאַרק און רופט זיך אָפּ אויף אַ מוטיגער אָנפירונג. די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן זיינען פונקט אַזוי גוט, ווי די בעסטע אין דער וועלט און זייער טעכנישע אָנפירערשאַפט איז בכלל געדערט פון זייער אַ הויכער קוואַליטעט, וואָס וועט נאָך אויסגעהאַמערט ווערן אין די שלאַכטן.

די מיליטערישע פאַזע פון טעהעראַן איז דעריבער, ווי איך גלויב, ניט דער געפאַר־פּונקט אין דעם איצטיגן מאָמענט פון דעם גרויסן קאַמף צו פאַר־ווירקלעכן די צוזאָגן פון יענער היסטאָרישער דעקלאַראַציע.

אַמעריקע האָט גענוג געוואָר און פון אַ הויכער קוואַליטעט. דאָס דאָזיגע געוואָר קאָן זיין פּונקט אַזוי שטאַרק, ווי די פּראָגראַם, פאַר וועלכער עס ווערט אויפגעהויבן. געוואָר אַליין שטעלט מיט זיך ניט פאָר קיין מאַכט, און ווען עס ווערט נאָך דערצו אויסגענוצט דורך אַ שלעכטער און נאַרישער פּאָליטיק, קאָן עס פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טויט־געפאַר פאַר דעם לאַנד גופא, וואָס באַנוצט זיך מיט דעם.

קאַפּיטל דריי

די גאַראַנטיע פון טעהעראַן

דער טעהעראַנער אָפּמאַך איז ניט קיין אויטאָמאַטישע זאַך, וואָס קאָן זיך אַליין דורכפירן אין לעבן און באַפרייען אונז פון יעדער זאָרג און אַרבעט פאַר זיין פאַרווירקלעכונג. פאַרקערט, טהעראַן פאָדערט פון אונז אַ מאַקסי־מום פון נאַציאָנאַלער און פּערזענלעכער אָנשטרענגונג, סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיג, אויב מיר ווילן דערגרייכן דעם הויכן ציל, וואָס דער אָפּמאַך האָט געשטעלט פאַר אַמעריקע און פאַר גאַר דער וועלט. ס'איז פאַראַן בלויז איין גאַראַנטיע, אַז די אויסזיכטן פון טעהעראַן זאָלן פאַרווירקלעכט ווערן, און דאָס איז, אַז דאָס פאָלק זאָל זיך מאָביליזירן און אָרגאַניזירן צו אונטערשטיצן אַ גאַנצע סיסטעם פון פּאָליטישע שריט, וואָס ווערן אינספּירירט און באַהערשט דורך די צילן און דעם גייסט פון דעם הסכם אין טעהעראַן.

אַ ריכטיגע פּאָליטיק איז דער ריכטיגער אויסדרוק פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. זי קאָן געבויט ווערן בלויז אויף דעם פּינקטלעכער פעסטשטעלונג פון דעם וואָר עס זיינען די פריינט און וואָר עס זיינען די שונאים און אויף דער באַהאַנדלונג פון פריינט אַלס פריינט און פון שונאים ווי שונאים.

דאָס קאָן קלינגען ווי אַ צו־פּשוט'ע זאַך, אָבער דאָס איז פּאָרט דער עצם פון די שווערסטע פּראָבלעמען, וואָס שטייען איצט פאַר אונזער לאַנד. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אויב די פאַראייניגטע שטאַטן וואָלטן אין די לעצטע צען יאָר קלאָר אונטערגעשיידט אונזערע פריינט פון אונזערע שונאים, וואָלטן מיר געקאָנט איינגאַנצן אויסמיידן די איצטיגע מלחמה.

ווען אַ מלוכה האָט אַ לאַנגע צייט געפירט אַ פאַלשע פּאָליטיק און האָט זי דערפירט ביז איר לאָגישן און ביטערן סוף, מוז זי זיך געפינען, ווי איטאַליע ביי היינטיגן טאָג, אין דער שווערער לאַגע פון מוזן באַגריסן די אויסערלעכע קראַפט — איצט פון די עליים, — וואָס רייסט זי אַרויס מיט גוואַלד פון די אָרעמס פון דער שותפות — מיט דייטשלאַנד, — אויף וועלכער

זי האָט פאַרשוועכט אַלע אירע כחות. אָדער זי געפינט זיך, ווי פינלאַנד אונטער דעם מאַנערהיים־רעזשים, אין דער לאַגע פון אַ שקלאַף ביי איר פאַרברעכן־שותף, וועלכן זי האָט איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, כדי צוזאַמען דורכצופירן אַ פאַרברעכערישן פּלאַן און זי זאָגט זיך אָפּ צו פאַרלאָזן די פאַרברעכערישע שותפות אפילו ווען זי האָט זיך שוין איבערציינגט, אַז „פאַר־ברעכן באַצאָלט זיך ניט". אָדער זי קאָן זיך געפינען אין דער לאַגע פון דייטשלאַנד, וואָס האָט זיך פולשטענדיג אונטערגעגעבן צו איר אייגענער פאַרברעכערישער אונטערוועלט און האָט דערנאָך ניט געקאָנט געפינען דעם אינערלעכן כוח צו רעוואָלטירן אפילו ווען זי איז געשטאַנען פאַר אַ געפאַר פון אונטערגיין אַלס אַ מלוכה.

אונזער אייגענע לאַנד, די פאַראייניגטע שטאַטן, האָט אויסגעמיטן די געפאַר פון מוזן אויסטרינקען דעם ביטערן כוס ביזן סוף. אָבער מיר האָבן אויך געליטן אין משך פון יאָרן פון די רעזולטאַטן פון אַ פאַלשער פּאָליטיק. מיר זיינען געווען טיף פאַרפּלאָנטערט אינעם מיאוס'ן און טראַגישן מינכען־ענין און מיר האָבן נאָך ביז איצט ניט אינגאַנצן באַפרייט אַלע פּרטים פון אונזער פּראַקטישער פּאָליטיק פון די רעשטן פון מינכעניזם.

ס'איז ניט זייער אַנגענעם צו דערמאָנען וועגן אַזעלכע זאַכן און מיר טוען עס נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל דאָס איז נויטיג, כדי אַרויסצוראַמען איינינע געפערלעכע רעשטלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס סמ'ען אָפּ נאָך ביז איצט אונזער פּאָליטישן לעבן.

די איצטיגע מלחמה האָט געשטעלט פאַר אַמעריקע איינינע פון אירע שווערסטע פּראָבלעמען אין דער פאָרם פון אַ כסדר'דיגן פּלאָנטער וועגן דעם, ווער עס זיינען אונזערע פריינט און ווער די שונאים. לאָמיר מאַכן אַ קורצן איבערזיכט פון איינינע פון די פּלאָנטערס, ווי זיי דריקן זיך אויס אין דער שטעלונג פון ס'רוב פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע:

1. מאַנערהיימ'ס פינלאַנד ווערט נאָך אַלץ באַטראַכט אַלס אַ „פריינט", וועלכן מיר זיינען מקריב צוליב אַן „אומגליקלעכער נויטווענדיגקייט", אָבער צו וועמענס פּאָזיציע מיר דאַרפן פילן די „טיפסטע סימפּאַטיע".

2. די פּויליששע גלות־רעגירונג, וואָס איז טיף פאַרפּלאָנטערט אין אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די נאַציס, ווערט נאָך אַלץ באַהאַנדלט ווי אַ ספּעציעלע שוצקינד פון אַמעריקע און ענגלאַנד, בעת דער וואַקסנדיגער דעמאָקראַטישער לאַגער פון פּוילן ווערט באַצייכנט אַלס „סטאַלינ'ס אַ שמד־שטיק".

3. די לאַנג־פאַרצויגענע אָנערקענונג און הילף פאַר מאַרשאַל טיטאָ'ן פון יוגאָסלאַוויע ווערט דערקלערט ניט ווי אַן אויס...עסערונג פון אַ פריער־דיגער ניט־ריכטיגער שטעלונג, נאָר ווי אַ טרויעריגע, געצוואונגענע „הנחה" צום סאָוועטן־פאַרבאַנד; דער נאַצישער אַגענט, מיכאַילאָוויטש, אפילו נאָכ־דעם ווי טשוירטשיל האָט אים שוין אָפיציעל אַרויסגעוואָרפן אין מיסטקאַסטן פון דער געשיכטע, ווערט נאָך אַלץ גלאָריפיצירט אַלס אַ פריינט, פון וועלכן

מיר האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן געגן אונזער ווילן צוליב די אומפּאָראויס־געזעענע צרות פון דער מלחמה.

4. א גרויסער טייל פון דער פּרעסע איז נאָך אַלץ געגן אָנווענדן בנוגע איטאַליע די פּאָליטיק, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ (פון סעקרעטירי האַל און אַנטאָני אידען מיט מאָלאָטאָוו׳ן), — און אין דער זעלביגער צייט ווערט די קאָאַליציע פון די איטאַליענישע דעמאָ־קראַטישע פּאַרטייען, דער באַפרייאונג־קאָמיטעט, נאָך אַלץ באַהאַנדלט אַלס א מאַכט, וואָס איז פיינטלעך צו אונז און וואָס פאַרדינט ניט קיין צוטרוי.

5. א גרויסער טייל פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע אונטערשטיצט נאָך אַלץ היטלער׳ס ליאַלקע, גענעראַל פראַנקאָ אין שפּאַניע, בעת זיין אינטער־נאַציאָנאַלע פאַשיסטישע אַגענטור, די „פאַלאַנגע״, אַרבעט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער אַלס היטלער׳ס א שפּיאָנען־נעץ, אָרגאַניזירט דאָרטן אויפשטאַנדן געגן רעגירונגען, וואָס זיינען פאַר די יונאַיטעד נעישאָנס, און האָט שוין אויפגעשטעלט צוויי אַנטשיידן פּראָ־נאַצישע רעזשימען אין אַרגענ־טינע און אין באָליוויע.

6. און ענדלעך — הגם דאָס שעפּט ווייט ניט אויס אַלע ביישפּילן, — האָבן מיר פאַר זיך די לאַגע אין כינע. א גרויסער טייל פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע האַלט זיך נאָך אַלץ אָן דער פאַלשער איינרעדעניש, וועלכע יאַפּאַן האָט באַנוצט צו באַפאַלן כינע, נעמלעך: אַז זי האָט עס „געמוזט״ טאָן, כדי צו „אונטערדריקן די קאָמוניסטן״. דער דאָזיקער פאַלשער און שעדלעכער אויסרייד ווערט געשטיצט אויך איצט, ווען ער באַהערשט דאָס פּאָליטישע לעבן פון כינע און מאַכט אומבאַוועגלעך די גרעסטע, בעסט־צוגעגרייטע און בעסט־באַוואָפנטע כינעזישע רעגירונג־אַרמייען, געבנדיג דורך דעם די יאַפּאַ־נעזער א בערך־פרייע האַנט אין כינע.

ס׳איז אמת, אַז אין די אַלע זעקס וויכטיגע פּונקטן פון אינטערנאַציאָ־נאַלער פּאָליטיק טאָפּט אָן סעקרעטערי אָוו סטעיט קאָרדעל האַל אַלץ קלאָרער און קלאָרער א וועג צו א רעאַליסטישער און פּראַקטישער פּראָגראַם, וואָס איז מער אין הסכם מיט אונזערע אומצווייפלהאַפטע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און מיט דעם באַגריף פון יונאַיטעד נעישאָנס. אָבער זיין וועג ווערט זייער ערנסט געשטערט און פאַרלאַנגזאַמט דורך דעם ווידערשטאַנד אין די פאַראייניגטע שטאַטן גופא, וואָס ווערט אויסגעדריקט דורך דער מערהייט פון דער אַמערי־קאַנישער פּרעסע.

דער עצם פון דעם דאָזיקן פּלאָנטער אין אַמעריקע׳ס באַציאונג צו דער אויסערלעכער פּאָליטיק באַשטייט אין דעם, וואָס א סך זיינען ביי אונז נאָך אַלץ מסכים מיט היטלער׳ס הויפּט־אַרגומענט, — די מורא פאַרן סאָוועטן־פאַרבאַנד און פאַר דער „געפאַר פון באָלשעוויזם״, און די שרעק, אַז די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַלע לענדער טראָגט אין זיך א „געפאַר פון רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן״.

דער הסכם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין טעהעראַן, שאַפט דעם פונדאַמענט און דעם אויסגאַנג־פונקט פאַר דער לייזונג פון דעם דאָזיגן גרונטאָוונעם ווידערשפּרוך אין אונזער אויסלענדישער פּאָליטיק. די גאַראַנטיע פון טעהעראַן באַשטייט אין דעם, אַז מיר זאָלן ברענגען אַלע אונזערע ספּעציעלע פּראָגראַמען אין אַ הסכם מיטן גייסט און בוכשטאַב פון דער טעהעראַנער דעקלאַראַציע, וואָס שטעלט איין אויף אַ לאַנגער צייט באַציאונגען פון צוטרוי און מיטאַרבעטערשאַפט צווישן די קאַפּיטאַליסטישע דעמאָ־קראַטיס און דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן געביט, און צווישן אַלע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, די קאָמוניסטן איינגע־שלאָסן, אין די לענדער גופא.

די שטערונגען אויפן וועג צו דערגרייכן דעם דאָזיגן ציל באַשטייען כמעט אויסשליסלעך אין דער איינגעשפּאַרטקייט, מיט וועלכער עס האַלטן זיך אַלטע פּאַראורטיילן און געוואוינהייטן. די רעאַלקייטן פון לעבן זיינען אָבער אַלע אויף דער זייט פון דער טעהעראַנער פּאָליטיק און פון דעם, ווי זי ווערט פּראַקטיש פּאַרווירקלעכט אין דעם אינערלעכן פּאָליטישן לעבן פון יעדן מיט־גליד פון די יונאַיטעד נעישאָנס.

טעהעראַן גיט דעם שליסל צום זיג ניט נאָר אין אייראָפּע אַליין, נאָר אין אַ וועלט־מאַסשטאַב.

די קאָנפערענץ אין קאַיראָ צווישן רוזוועלט'ן, טשוירטשיל'ן און טשיאַנג־קאַי־שעק'ן האָט געהאַט אַן אומגעהויערע וויכטיגקייט, וואָס קאָן פאַרשטאַנען ווערן ווי געהעריג נאָר אין ליכט פון טעהעראַן. זי האָט פעסטגעשטעלט די ליניעס פון דר מיליטערישער פּראָגראַם געגן יאַפּאַן און האָט, פאַרזיכערנדיג פאַר כינע אַ געהעריגן פּלאַץ אין דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט, געלייגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ ווייט־מזרח'דיגער פּאָליטישער סטראַטעגיע אין אַ ריכטונג, וואָס איז פיל ברייטער אַנטוויקלט געוואָרן אין טעהעראַן פאַר אייראָפּע.

אָבער אין כינע שטייען מיר נאָך אַלץ פאַר אַן אומגעלייזטן גרויסן קריזיס, וואָס איז די גרעסטע סכנה פאַר אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג אין יענעם טייל פון דער וועלט. בלויז אַ דרייסטע אָנווענדונג פון אַ פּאָליטיק, וואָס איז ענלעך צו דער וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין טעהעראַן, קאָן לייזן דעם קריזיס אין די אינטערעסן פון אַלע מיטגלידער פון די יונאַיטעד נעישאָנס.

די קרעפטן פון דעם כינעזישן ווידערשטאַנד געגן די יאַפּאַנעזער שטייען נאָך ביז היינטיגן טאָג בלויז פאָרמעל אונטער טשיאַנג־קאַי־שעק'ן. פאַקטיש באַשטייען זיי פון צוויי באַזונדערע לאַגערן, צווישן וועלכע ס'האָט אין משך פון אַ גאַנצן יאָרצענדליג, צווישן 1927 און 1937, געפלאַקערט אַ בירגער־קריג. בלויז צוליב דער גרויסער יאַפּאַנישער אינוואַזיע פון יאָר 1937 האָבן זיי איינגעשטעלט צווישן זיך אַ וואַקלדיגע „איינינקייט", וואָס איז מער ענלעך אויף אַ וואַפן־שטילשטאַנד, וועלכער איז אַגב שוין ניט איינמאָל געבראָכן

געוואָרן. אפילו אַט די פּאַרמעלע אייניגקייט איז אין אַ שטענדיגער געפאַר צעפאַלן צו ווערן אין אַ באַנייטן בירגער־קריג, — און די דאָזיגע געפאַר איז געוואָרן באַזונדערס גרויס זינט דעם מיטן פון יאָר 1943.

אויב דאָס זאָל פּאַסירן, וואָלט עס געווען אַ שווערע קאַטאַסטראָפע פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן און פאַר גרויס־בריטאַניע אויף דעם פּאַסיפישן אָקעאַן. דאָס וואָלט גלייכצייטיג געווען אַ גרויסער טריאומף פאַר דער יאַפּאַנעזישער סטראַטעגיע און וואָלט אומגעהויער פאַרגרעסערט די יאַפּאַנישע מאַכט אין כינע. ס'איז אַ סכנה, וועלכע די פאַראייניגטע שטאַטן און ענגלאַנד מוזן זען באַזייטיגן, אויב זיי זיינען נאָר בכוח דאָס צו טאָן. וואָרים די הויפּט־אויפגאַבע פון אַ ריכטיגער אויסלענדישער פּאָליטיק באַשטייט דאָך טאַקע אין באַזייטיגן אַזעלכע געפאַרן געגן אונזער פּאָזיציע אין דער וועלט.

די כינעזישע פּראָבלעם שפּיגלט אין זיך אָפּ אויף אַ גיגאַנטישן מאַס־שטאַב דעם עצם פון די פּראָבלעמען פון אייראָפּע, אַפריקע און לאַטיין־אַמעריקע, מיטן צוגאָב נאָר, וואָס דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דירעקט ניט פאַרמישט אין דעם וויים־מזרח'דיגן טייל פון דער מלחמה. אויף וויפיל די דאָזיגע פּראָבלעם שטייט פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן איז עס אַ פראַגע פון געפינען די געהעריגע מיטלען צו פאַראייניגן אַלע אונזערע פריינט אין דעם געמיינזאַמען קאַמף און אויסצומיידן אַלץ, וואָס וואָלט געקאָנט אַריינשפּילן אין די הענט פון די שונאים. די אַמעריקאַנישע אויסלענדישע פּאָליטיק איז דעריבער מחויב צו העלפן און פאַרזיכערן די נאַציאָנאַלע אייניגקייט אין כינע צוליב דער מלחמה געגן דער יאַפּאַנעזישער אַגרעסיע.

פאַראַן מענטשן, וואָס זאָגן, אַז אַזאַ אַמעריקאַנער פּאָליטיק וואָלט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ דרויסנדיגע אַריינמישונג אין די אינערלעכע ענינים פון כינע. אָבער דאָס איז ניט מער ווי אַ פּוסטע פּראָבע אויסצודרייען זיך פון דער אמת'ער פּראָבלעם. כינע און אַמעריקע פירן אַ שותפותדיגע מלחמה, — ליגט דעריבער אויף אַמעריקע די פליכט צו איבערצייגן כינע, אַז מיר טוען אַלץ וואָס נאָר מענלעך צו באַזיגן דעם שונא און צו געבן די מאַקסימאַלע מאַטעריעלע הילף צו כינע גופא. בעת אויף כינע ליגט די פליכט צו איבער־צייגן אַמעריקע, אַז זי לייגט אַריין אין דער מלחמה אַלע אירע קרעפטן און ניט בלויז אַ טייל פון זיי, און אַז די אַמעריקאַנישע מאַטעריאַלן, וואָס ווערן געשיקט קיין כינע, וועלן ווערן פאַרנוצט דורך אַלע כינעזער, וואָס זיינען וויליג צו קעמפן געגן יאַפּאַן און ניט דורך איין כינעזישער גרופּע געגן אַן אַנדער כינעזישער גרופּע. אַזעלכע פּראָבלעמען מוזן אומפאַרמיידלעך באַטראַכט און געלייזט ווערן צוזאַמען דורך ביידע פאַראינטערעסירטע מלוכות. זיי זיינען ניט קיין „פּריוואַטער עסק" פון בלויז איין צד. אויב עס וואָלט פּאַסירט, אַז ניט כינע, נאָר אַמעריקע זאָל ערשט אַרוים פון 10 יאָר בירגער־קריג און גלייך אַריין אין אַ וועלט־מלחמה און כינע וואָלט געשיקט מאַטעריאַלן צו אַמעריקע, וואָלטן די כינעזער געווען די, וואָס וואָלטן געמוזט פאָדערן פון

אַמעריקע אַ גאַראַנטיע פון אונזער נאַציאָנאַלער איינינקייט צוליב דער שותפות׳דיגער מלחמה־אַנשטרענגונג און געגן צוריקקערן זיך צו אַ צושטאַנד פון בירגער־קריג, וואָס וואָלט עפּענען אַ טיר פאַר דעם געמיינזאַמען שונא.

עס קומט אויס מאָדנע, וואָס אַזעלכע עלעמענטאַרע זאַכן דאַרפן נאָך אַלץ דיסקוסירט ווערן אין די פאַראייניגטע שטאַטן. דאָס איז אָבער דערפאַר, ווייל די עפנטלעכע מיינונג פון אַמעריקע איז נאָך אַלץ דורכגעדרונגען מיט פאָראורטיילן, וואָס שטימען איין מיט די קרעפטן אין כינע, וועלכע פירן צו אַ בירגער־קריג. ביי אונז אין די פאַראייניגטע שטאַטן האַלטן מיר נאָך אַלץ איין אין אונזערע געזעצן און אין דער אַדמיניסטראַטיווער פּראַקטיק דעם באַגריף וועגן דעם, אַז קאָמוניסטן מוזן אונטערדריקט ווערן אַלס אַ „צע־שטערנדיגע קראַפט״, אַלס אַ „שונא פון דער מלוכה״. אין אונזער לאַנד פירט עס צו אַלערליי פאַרקריפּלונגען פון אונזער פּאָליטישן לעבן; אָבער אין כינע שאַפט עס אַ שטענדיגע געפאַר פון אַ בירגער־קריג, פון אַ צוזאַמענבראָך פון אונזערע שותפות׳דיגע מלחמה־באַמיאונגען. און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז לאַגיש קאָנען מיר ניט פאָדערן פון די כינעזער, זיי זאָלן אויפגעבן זייערע פאָר־אורטיילן, אַזוי לאַנג ווי אַמעריקע קלאַמערט זיך נאָך אָן זיי אַליין ביז איצט.

די אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט צו דערשלאָגן זיך אין כינע צו איינינקייט דורך אַ קאָמפּראָמיס עקזיסטירט אומאָפּהענגיג פון דעם עצם פון די פראַגן, וואָס צעטיילן ביידע לאַגערן פון דער כינעזישער רעפּובליק. זי עקזיסטירט דערפאַר, ווייל עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז איינינקייט קאָן ניט דערגרייכט ווערן אויף קיין שום אַנדער וועג און ווייל די ווייטערדיגע אומאייניגקייט אין כינע ברענגט די געפאַר פון אַ יאַפּאַנעזישן נצחון. עס איז פּשוט אָן אומזין צו דענקען, אַז טשיאַנג־קאַי־שעק וואָלט מיט גוואַלד געקאָנט פאַראייניגן כינע איצט, ווען דאָס איז ניט געלונגען פריער אין משך פון גאַנצע צען יאָר, ווען ער איז אַקטיוו געשטיצט געוואָרן געגן די קאָמוניסטן דורך די דייטשן און יאַפּאַנעזער און האָט געהאַט אויף זיין זייט וויגציגסטנס די פריינטלעכע נייטראַליטעט פון ענגלאַנד און פון די פאַראייניגטע שטאַטן. דער ערשטער און וויכטיגסטער רעזולטאַט פון טשיאַנג־קאַי־שעק׳ס אַ באַנייטער פּראָבע אָפּצושאַפן דעם אויטאָנאָמען גרענעץ־געביט פון צפון־מערב כינע מיטן כוח פון געווער וואָלט פּשוט געווען, אַז די מאַכט אין טשונקינג וואָלט פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די פּראָ־יאַפּאַנעזישע קרייזן.

פאַר אַמעריקאַנער ווערט דער ענין פון איינינקייט אין כינע דורך אַ קאָמפּראָמיס נאָך פיל וויכטיגער, ווען מיר קוקן זיך איין טיפער, איידער אין דער בלויזער פּאַרהעלטעניש פון די קרעפטן, ווען מיר אונטערזוכן פון דעם פּשוט׳סטן דעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט די באַדייטונג פון ביידע לאַגערן. דאָס, וואָס עס ווערט באַצייכנט אַלס דער „קאָמוניסטישער״ צד אין כינע, דערפאַר ווייל ער ווערט אָנגעפירט דורך די וויכטיגסטע מיטגלידער פון דער כינעזישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, איז אין דער אמת׳ן פיל נעענטער צו

דעם אַמעריקאַנער באַגריף וועגן דעמאָקראַטיע, איידער דער אַזוי־גערופענער קאָמינטאַנג־לאַגער. ער איז נעענטער צו אונז אין יעדן פּרט, אַפילו אין פּרט פון געבן מער פּלאַץ דער „פּרייער אונטערנעמונג" אין עקאָנאָמישן לעבן. און ער איז נאָך אין טויזנט מאָל נעענטער צו די אמת'ע באַדערפענישן און שטרעבונגען פון דעם כינעזישן פאָלק גופא.

די דאָזיגע פּשוט'ע פאַקטן וועגן די כינעזישע אינערלעכע פּראָבלעמען זיינען באַשטעטיגט געוואָרן דורך יעדן אויפריכטיגן אַמעריקאַנער, וואָס האָט באַריכטעט וועגן דעם, וואָס ער האָט אַליין אויסגעפונען אויף די טעריטאָריעס פון ביידע צדדים. דער אַמעריקאַנישער ליוטענאַנט־קאָרנעל איוואַנס פ. קאַרלסאָן איז איינער פון די אָנגעזעענסטע צווישן די דאָזיגע עדות. אין די באַאָבאַכטונגען, וואָס ער ברענגט אין זיין בוך „די צווילינג שטערן פון כינע" און אין דער מאָווי „גאָנג־האָ", וואָס פאַרצייכנט די ערשטע אַמעריקאַנישע אַטאַקע אויפן פּאַסיפיק, קאָן מען פילן דעם בייטראַג פון די העלדישע כינעזישע קאָמוניסטן צו אונזער אייגענער מלחמה־אָנשטרענגונג. איינע פון די לעצטע פאַרצייכענונגען פון אָט דעם בייטראַג פון די כינעזישע קאָמוניסטן געפינען מיר אין דעם מערקווירדיגן בוך „שאַרק'ס פינס ענד מילעט" פון איילאָנאַ ראַלף סיוז, — אַ שרייבערין, וואָס האָט מיטגענומען מיט זיך קיין כינע אַ ריי פּאָראורטיילן און אַ הינטערגרונט, וואָס איז געווען דורכאויס פריינטלעך צום קואָמינטאַנג. אָבער זי איז אין די עטלעכע יאָר, וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין כינע, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערדיגער פאַרטיידיגערין פון דעם רעזשים, וואָס הערשט אין דעם צפון־מערב'דיגן אויטאָנאָמען דיסטריקט (דעם אַזוי־גערופענעם קאָמוניסטישן), אַלס אַן אמת'ן אויסדרוק פון דעמאָקראַטיע אין כינע.

דער בעסטער פּרוביר־שטיין פאַר דעם ווער עס זיינען אין כינע די אמת'ע פריינט פון אַמעריקע, קאָן געפונען ווערן, ווען מיר וועלן אַ טראַכט טאָן וואָס עס וואָלט פּאַסירן, אויב אַלע באַמיאונגען אויסצומיידן אַ בירגערקריג אין כינע זאָלן דורכפאַלן און דער ברודער־קאַמף, וואָס דראָעט איצט כסדר, זאָל באמת אויסברעכן. אין וועלכע קרייזן וואָלט יאַפּאַן געפונען פאַרבינדעטע, וואָס וואָלטן זיך אָנגעשלאָסן אָן זייער ליאַלקע־רעזשימס פון וואַנגטשין־וועי אין נאַנקין? דער איינציגער ענטפער אויף דעם איז, אַז זיי וואָלטן אים געפונען אין די מעכטיגסטע הערשנדיגע קרייזן פון טשונגקינג. און אויף וואָס פאַר אַמאַכט קאָן מען זיך פאַרלאָזן, אַז וואָס עס זאָל נים פּאַסירן, וועט זי אָנהאַלטן ביזן סוף אַ כינעזישן קאַמף־פראָנט געגן יאַפּאַן? יעדער איינער מוז צוגעבן, אַז דאָס איז קודם כל די אַכטע פראָנט־אַרמיי (די „קאָמוניסטישע") און דער צפון־מזרח'דיגער אויטאָנאָמער דיסטריקט אין כינע.

אָט די פאַרלעסלעכסטע פריינט פון אַמעריקע אין כינע האָבן אין אַ משך פון עטלעכע יאָר אָנגעפירט געגן יאַפּאַן ווינציגסטנס אַ העלפט פון אַלע שלאַכטן. אָבער זיי האָבן פון דער צענטראַלער רעגירונג אין טשונגקינג

פּאַקטיש כמעט די גאַנצע צייט ניט באַקומען קיין געלט, קיין געווער, קיין אַמוניציע און אַפילו ניט קיין מעדיצינישע הילף. פּאַרקערט, זיי געפינען זיך די גאַנצע צייט אונטער אַ בלאָקאַדע, וואָס שניידט זיי אָפּ פון דער רעשט פון דעם לאַנד, — אַ בלאָקאַדע, מיט וועלכער עס זיינען אינגאַנצן פאַרנומען די גרעסטע, בעסט־צוגעגרייטע און באַוואָפנטע אַרמייען פון דעם טשונגקינג־רעזשים, וואָס וואָלטן על פּי שכל און על פּי יושר גאָר געדאַרפט זיין פאַר־נומען מיטן קאַמף געגן די יאַפּאַנעזער. קיין איין איינציגע ביקס, קיין איין איינציגע קויל פון די לענד־ליס מאַטעריאַלן, וואָס אַמעריקע האָט געשיקט צו כינע, זיינען ניט דערגאַנגען צו דעם צפון־מערב'דיגן אויטאָנאָמען דיסטריקט, אָבער גאָר אַ סך פון די אַמעריקאַנישע געווער איז באַנוצט געוואָרן געגן אים!

אויב מיר וואָלטן אָנגעווענדט די פּרינציפּן פון טעהעראַן צום ווייטן מזרח, — אַ זאַך, וואָס מיר וועלן דאָך סוף כל סוף מוזן טאָן, — וואָלטן מיר דורך דעם געראַטעוועט די לעבנס פון הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער סאָלדאַטן און וואָלטן שנעלער געבראַכט צו אַ זיג איבער יאַפּאַן. מיר וואָלטן איינגעשטעלט אַן אַמעריקאַנישע מיליטערישע און קאָנסולאַרישע פאַר־טרעטונג אין דעם כינעזישן צפון־מערב דיסטריקט; מיר וואָלטן געזען, אַז דער חלק פון דער אַמעריקאַנישער לענד־ליס הילף, וואָס איז פּראָפּאָרציאָנעל מיט זייער חלק אין קאַמף געגן די יאַפּאַנעזער, זאָל דערגיין צו די דאָזיגע אַרמייען; מיר וואָלטן פאַרלאַנגט פון דעם טשונגקינג־רעזשים, אַז ער זאָל אין הסכם מיטן גייסט פון טעהעראַן און פון דעם אַטלאַנטיק־טשאַרטער זיך אָפּרופן אויף די אָפּט־איבערגע'חזר'טע אַפּילס פון די כינעזישע קאָמוניסטישע פירער וועגן דער איינשטעלונג פון דער כינעזישער נאַציאָנאַלער איינינקייט און דער איינפירונג פון אַ דעמאָקראַטישן רעזשים.

דער הסכם אין טעהעראַן האָט שוין געבראַכט דערצו, אַז עס זאָלן אָנהויבן געלייזט ווערן פיל איינגעשפּאַרטע פּראָבלעמען פון אייראָפּע, וואָס זיינען אין עצם פון דעם זעלביגן מין, ווי די פּראָבלעם פון כינע.

די גאַראַנטיע פון אַ נצחון און פון אַ שטאַנדהאַפטיגן שלום פאַר דורות, וואָס ליגט אין עצם פון דעם הסכם אין טעהעראַן, פאַרלאַנגט אַז אויך מיר, אין די פאַראייניגטע שטאַטן פון אַמעריקע, זאָלן פאָרמולירן אַלע אונזערע פּראַקטישע פּראָגראַמען און שריט אין אַלע טיילן פון דער וועלט אין גייסט פון דעם דאָזיגן הסכם. בלויז דורך דער פּראַקטישער דורכפירונג פון אָט דער פּאָליטיק אין אונזער אייגן לאַנד קאָנען מיר פאַרווירקלעכן די גאַראַנטיע פון טעהעראַן.

טעהעראַן נויטיגט זיך אין אַ באַוואוסטזיניגער און פּראַקטישער אונטער־שטיצונג מצד יעדער פּערזאָן, גרופּע און קלאַס. די באַשלוסן פון טעהעראַן מוזן זיך שטיצן אויף אַ פעסטער מערהייט פון אַמעריקאַנער. אַנדערש וועט פון טעהעראַן גאָר ניט אַרויסקומען. אַלע זיינע צוזאָגן וועלן צעשוואומען ווערן אין אַ כאַאָס.

צווייטער טייל:

די מלחמה באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דער נאָך-מלחמה וועלט

קאַפּיטל פיר

דער ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנער בונד

עס וואָלט געווען אַרויסגעוואָרפן צו רעדן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ כאַראַקטער די וועלט וואָלט באַקומען נאָך דער מלחמה, אויב מען זאָל ניט וויסן ווי זי מוז באַווירקט ווערן דורך דעם זיג אין דער מלחמה. עס איז אוממעגלעך צו געווינען דעם זיג אין דער מלחמה, אויב מיר וואַרפן אָפּ דעם מין וועלט, וואָס מוז קומען אַלס רעזולטאַט פון אַזאַ זיג. אין דעם היסטאָרישן פּראָצעס, וואָס ברענגט צוזאַמען אין אַ פּראַקטישער צוזאַמענאַרבעט מענטשן און פעל־קער פון די פאַרשיידנסטע אידעאָלאָגישע ריכטונגען, ליגט אַ געוויסע לאָגישע נויטווענדיקייט. בלויז אויף דעם דאָזיגן באַזיס קאָן דער באַגריף וועגן יונאַיטעד נעישאַנס באַקומען אַ פּראַקטישע באַדייטונג. דער ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישער בונד, דער יאָדער פון די יונאַיטעד נעישאַנס, איז געוואָרן ביי היינטיגן טאָג דער צענטראַלער פאַקט פון דער געשיכטע בלויז אויף דעם דאָזיגן גרונט.

טשוירטשיל, סטאַלין און רוזוועלט האָבן אין טעהעראַן געפונען פאַר מעגלעך צו דערקלערן, אַז זייערע רעגירונגען זיינען אַנטשלאָסן „צו אַרבעטן צוזאַמען אין דער מלחמה און אין דעם שלום, וואָס וועט נאָכדעם קומען". מען דאַרף אָננעמען, אַז זיי האָבן געפונען פאַר מעגלעך אַזוי צו רעדן, ווייל זיי האָבן קודם כל אויסגעפונען, אַז דאָס איז אַ נויטווענדיקייט. אָן אָט דער נויטווענדיקייט וואָלט מען וואַרשיינלעך באַשלאָסן, אַז אַזאַ זאַך איז „אומ־מעגלעך".

אַ סך מענטשן אין אַמעריקע, — אפילו אייניגע קאָמוניסטן צווישן זיי, — האַלטן, אַז די דריי גרויסע שטאַטסלייט האָבן זיך פּשוט געזוכט צרות, ווען זיי האָבן אַריינגעצויגן די פּראָבלעם פון דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט אין דער באַטראַכטונג וועגן דעם ווי אַמשנעלסטן צו געווינען די מלחמה. „פאַר יעדן טאָג זיינען געגוג זיינע אייגענע פּראָבלעמען", טענה'ן זיי און זיי ווילן וויסן פאַרוואָס מיר קאָנען זיך ניט קאָנצענטרירן אויף דער פראַגע וועגן געווינען די מלחמה און קאָנען ניט איבערלאָזן די שווערע פּראָבלעמען פון שלום אויף דעם טאָג, ווען די מלחמה וועט זיין געענדיקט. די צרה מיט

אזעלכע עצות באשטייט בלויז אין דעם, וואס מען האט שוין אזוינס געפרואווט טאן און די דערפארונג האט באוויזן, אז עס ארבעט ניט.

אין די ערשטע צוויי יאר נאך פּוירל־הארבאר האט די קאאליציע פון די גרויסע מלוכות קאנצענטרירט איר אויפמערקזאמקייט אויף די פראגן פון מלחמה־פירונג, אויסלאזנדיג דערווייל דעם הסכם וועגן די גרעסערע פאליטישע פראבלעמען. ס'איז נישטא קיין גרונט צו צווייפלען, אז די מיליטערישע פלענער פאר זיך האבן געקאנט זיין גוט גענוג. אפילו וועגן דער שווערסטער פראגע פון דער קאאליציע מלחמה־פירונג, וועגן דעם צווייטן פראנט, איז וועגן א מיליטערישן הסכם געמאלדן געווארן שוין אזוי פרי, ווי אין יוני 1942. אבער ווען אט די שורות ווערן געשריבן אין צוויי יאר ארום, איז נאך דער צווייטער פראנט אלץ ניט געעפנט געווארן.

פארוואס קאנען מיר האבן מער צוטרוי צו דעם מיליטערישן אפמאך, וואס איז אנאנסירט געווארן אין טעהעראן, איידער צו דעם יוני־אפמאך פון 1942 ?

די הויפט־אורזאך פארוואס מיר קאנען זיין זיכער, אז איצט וועט שוין דער צווייטער פראנט ניט אפגעלייגט ווערן, איז דער פאקט, וואס דער מיליטערישער אפמאך אליין איז ניט פארבליבן אין טעהעראן איזאלירט, נאר ער איז געבויט געווארן אויף א שותפותדיגער פראגראם, וואס זעט פאראויס די פארם פון דער וועלט, וואס דארף ארויסקומען פון דער איצטיגער מלחמה. דאס מיינט צו זאגן, אז דער צווייטער פראנט איז די גאנצע צייט פריער אפגעלייגט געווארן דערהויפט ניט צוליב מיליטערישע אורזאכן, נאר צוליב פאליטישע שטערונגען, צוליב דעם, ווייל ס'האט געפעלט א הסכם וועגן דעם, וואס מען וועט טאן מיט דעם נצחון, וועלכן מען וועט געווינען דורך דער עפענונג פון דעם צווייטן פראנט.

דער ענגליש־סאוועטיש־אמעריקאנישער בונד אין זיין ריין־מיליטערישער פארם איז ניט געווען שטארק גענוג אליין צו ברענגען צו א זיג. ער האט געדארפט פארטיפט און באפעסטיגט ווערן דורך א שותפות'דיגער פראגראם, דורך א וועלט־פראגראם, דורך א ווייט־גייענדיגער פאליטיק, וואס נעמט ארום די הויפט־פראבלעמען פון דער מלחמה־וועלט, איידער די מיליטערישע זייט פון דעם אפמאך האט געקאנט ווי געהעריג פארווירקלעכט ווערן.

עס וואלט קנאפ־וואס העלפן סיי אונז אליין, סיי דער וועלט בכלל, אויב מיר זאלן איצט נעמען קריטיקירן, אדער באדויערן דעם דאזיגן „פעיט אקאמפלי”, דעם געשעענעם פאקט פון דער געשיכטע. אין אזא וועלט לעבן מיר שוין און אונזער אויפגאבע איז אויסצוגעפינען ווי אונזער לאנד קאן איבערלעבן דעם מלחמה־קריזיס, ראטעווען פון אים אזוי פיל ווי מעגלעך פון דער פאר־מלחמה'דיגער ציוויליזאציע, און צוריק אוועקשטעלן די וועלט אויף די רעלסן פון פראגרעס, האבנדיג צו טאן ניט מיט קיין וועלט, וואס מיר וואלטן וועלן זען, נאר מיט אזא, וואס מיר האבן איצט פאר זיך.

באַפרייען די וועלט פון היטלעריזם איז אַ זייער שווערע און בלוטיגע אויפגאַבע. ס'איז אַזוי שווער, אַז כדי צו דערגרייכן דאָס מוזן מיר אָנהויבן מיט דער ענדערונג פון איינעם פון די גרונט־אומשטענדן, פון וועלכן דער היטלעריזם איז אַרויסגעוואַקסן.

דער דאָזיגער גרונט־אומשטאַנד, וואָס מוז געענדערט ווערן, איז די צעטיילונג פון דעם אַנטי־היטלערישן לאַגער אין צוויי לאַגערן, וואָס האָבן ניט געהאַט ניט קיין געמיינזאַמע פּראָגראַם, ניט קיין געמיינזאַמען אויסקוק אויף דער וועלט בכלל, — דאָס הייסט, די צעטיילונג צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות און דער סאָציאַליסטישער אין דער אַנטי־היטלערישער קאָאַליציע. אַזוי ווי קיין איינער פון אָט די לאַגערן קאָן ניט פּשוט אָפּגעשאַפט ווערן דורך דעם צווייטן, בלייבט דער איינציגער וועג, אַז זיי זאָלן זיך צופּאַסן איינער צו דעם אַנדערן, אַז זיי זאָלן זוכן אַ פּראָגראַם און אַן אויסזיכט ניט אין זייערע באַזונדערע פּאַרלאַנגען און אידעאָלאָגיעס, נאָר אין די מעגלעכקייטן פון אַ הסכם צווישן זיי, וואָס זאָל אָפּהיטן די וויכטיגסטע לעבנס־אינטערעסן פון יעדן טייל באַזונדער און זאָל אויף אַזאַ אופן שאַפן אַ מעגלעכקייט ווידער אויפצובויען אַ גאַנצע וועלט־אָרדענונג.

אַזעלכע מעגלעכקייטן פאַר אַ הסכם צווישן די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות מיט דער סאָציאַליסטישער זיינען פאַראַן. מיר האָבן אין דעם פאַר עדות טשוירטשיל'ן, סטאַלינ'ען און רוזוועלט'ן, וואָס האָבן אין טעהעראַן צוזאַמען דערקלערט, אַז זיי האָבן „באַטראַכט די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט" און אַז זיי „זיינען זיכער, אַז אונזער הסכם וועט ברענגען צו אַ דויערהאַפטיגן שלום". און אַ „דויערהאַפטיגער שלום", ווי זיי באַצייכענען אים, וועט זיין אַ שלום, וואָס „וועט פאַרטרייבן דעם אומגליק און דעם טעראָר פון מלחמה אויף פיל דורות".

קאָן זיך די מערהייט פון דעם אַמעריקאַנישן פאָלק דערהויבן צו דער הויך פון טעהעראַן און מיטן גאַנצן האַרצן אָנשליסן זיך אין דער דעקלאַראַציע, וואָס רוזוועלט האָט אין נאָמען פון אַמעריקע געמאַכט צוזאַמען מיט סטאַלינ'ען און טשוירטשיל'ן?

קיין אָפענע אָפּאָזיציע געגן טעהעראַן איז אין אַמעריקע ביז איצט כמעט ניט געווען. אָבער צום באַדויערן איז די באַהאַלטענע אָפּאָזיציע צוליב דעם בלויז געפערלעכער. די אַמעריקאַנער פּרעסע האָט געזוכט איינצורעדן אירע לייענער, אַז טעהעראַן איז געווען ניט מער, ווי איינע פון פיל קאָנפערענצן, וואָס איר הויפּט־אויפגאַבע איז אָפּצושטופּן די צייט, ביז עס וועט קומען אַ צווייטע קאָנפערענץ, וואָס וועט זי פאַרבייטן. אפילו ווענדעל ווילקי, וואָס זיין זייער דערפאָלגרייכער בוך „איין וועלט", האָט געמאַכט, אַז פיל זאָלן דערוואַרטן פון אים עטוואָס בעסערס, האָט באַוויזן, אַז ער קוקט אויף טעהעראַן בלויז ווי אויף אַ פּלאַץ, וואו מען האָט דורכגעפירט טונקעלע געשעפטן, און ער גלויבט, אַז ווען ער וואָלט דאָרטן געווען וואָלט ער געקאָנט אויסדינגען

ביי סטאַלינ׳ען און טשוירטשיל׳ן גרעסערע מציאות איידער רוזוועלט האָט עס נעטאָן.

מר. ווילקי׳ס ציניש באַמערקונג, קאָן זיין, איז ניט מער ווי א מין אויטאָמאַטישער, פּראַקציאָנעלער שאָס פון א קאַנדידאַט, וואָס זוכט צו פאַר־נעמען דעם אָרט פון א צווייטן, — וואָס דאָס איז שוין אַן אַלטע, כאָטש ניט קיין זייער גוטע, אַמעריקאַנער טראַדיציע. דאָס אַליין וואָלט געווען שלעכט גענוג און וואָלט געדאַרפט זיין א וואָרנונג וועגן געוויסע ערנסטע געפאַרן, וואָס וועלן לויערן אויף אונזער לאַנד אין גאַנג פון דעם וואַל־קאַמפּעין פון יאָר 1944. אָבער עס ווערט נאָך ערגער, ווען עס ווערט א טייל פון דעם דענקען פון א באַדייטנדיגן טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג. וואָרים דאָס גיט איבער צוריק אין היטלער׳ס הענט א געווער, וואָס טעהעראַן האָט זיך אונטערגענומען אַרויסצורייסן ביי אים, — דאָס געווער פון אויפשפּילן די כלומרשט „אומבאַזיגבאַרע" דיפערענצן סיי צווישן דעם סאָציאַליסטישן און די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סיי צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד.

אויב טעהעראַן איז געווען ניט מער ווי א פלאַץ פאַר א כיטרען „קור־האַנדל" אין דער וועלט־פּאָליטיק, דאַן איז אָט דער בוך גאָר נישט ווערט, — א חוץ זיין אַרגומענט, אַז דער טעהעראַן, ווי מיר שאַצן אים אָפּ, וועט פאַרט מוזן פאַרווירקליכט ווערן, אויב אַמעריקע און די גאַנצע וועלט ווילן זיך ראַטעווען פון א טראַגעדיע, וואָס שטייגט איבער אַלץ, וואָס עס איז ביז איצט פאָרגעקומען.

איך פון מיין זייט נעם אָן די דעקלאַראַציע פון טעהעראַן, ווי זי שטייט און גייט. איך וואַרף אָפּ די צינישע אָפּשאַצונג פון טעהעראַן, ווי זי ווערט געגעבן דורך ווענדעל ווילקי אָדער דורך וועמען עס איז אַנדערש. אין יעדער שטים, וואָס זוכט צו זייען צווייפלען וועגן דער גילטיגקייט פון טעהעראַן, הער איך אַן אָפּקלאַנג פון היטלער׳ס רעדע!

נאַטירלעך, די שטאַטסלייט, וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען אין טעהע־ראַן, האָבן פאַר זיך געהאַט גרויסע שוועריגקייטן. און פאַרשטייט זיך, אַז מען וועט נאָך מוזן איבערקומען גרויסע שוועריגקייטן ביים פאַרווירקליכן דעם טעהעראַנער אָפּמאַך. אָבער די ערגסטע שוועריגקייט, די שווערסטע שטערונג און די גרעסטע סכנה פאַר דעם טעהעראַנער הסכם איז, ווען מענטשן קאָנען ניט אָדער ווילן זיך ניט אויפהויבן צו א העכערן בליק און צו דער פאַרשטענדעניש, אַז דער הסכם איז נויטיג, אַז ער איז מעגלעך און אַז ער דריקט אויס די וויכטיגסטע לעבנס־אינטערעסן פון יעדן לאַנד און פון יעדן פאָלק אין גאָר דער וועלט אָן שום אויסנאַם!

ס׳איז א שאָד, — אָבער ס׳איז ליידער אמת, — אַז אַפילו געוויסע קאָמוניסטן, ניט קיין סך פון זיי, זיינען אַריינגעפאַלן אין דער פאַסטקע פון דער צינישער אונטערשאַצונג פון טעהעראַן. נאַטירלעך, באַקומט עס ביי זיי א באַזונדערן אויסדרוק. זיי דריקן אויס זייער צופרידנקייט איבער דעם,

וואָס סטאַלין איז אַ „דורכגעטריבענער יונג“ און האָט רוזוועלט’ן און טשוירטשיל’ן „פּאַרפּאַקט“; זיי פאַרזיכערן מיט אַ טאָן פון קענער, אַז אַלע געווינסן, וואָס טשוירטשיל האָט באַקומען אין טעהעראַן, קאָן מען „באַהאַלטן אין אַ לעכל פון אַ צאָן“. אַזעלכע מענטשן שיינען ניט צו פאַרשטיין, אַז זיי חזר’ן בלויז איבער אויף אַ פאַרקערטן אופן די טראָצקיסטישע „חכמות“ און אַזביידע סברות זיינען בלויז קאָפּיעס פון היטלער’ס פּראָפּאַגאַנדע.

רוזוועלט’ס, סטאַלינ’ס און טשוירטשיל’ס גרויסקייט אין טעהעראַן האָט זיך אויסגעדריקט גראַד אין דעם, וואָס זיי האָבן דאָרטן געהאַנדלט אויף אַ הויכן גראַד שטאַטסמאַנשאַפט, וואָס זוכט און געפינט די געמיינזאַמע אינטערעסן, וועלכע קאָנען געווינען פון געמיינזאַמע האַנדלונגען, און זיי האָבן ניט געטאָן קיין זאַך, וואָס זאָל אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט, אַז איינער פּרואווט עפּעס געווינען אויפן חשבון פון דעם צווייטן.

דער וויכטיגסטער רעזולטאַט פון טעהעראַן, דאָס וואָס איז אַממערסטן ווערטפול פאַר די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, איז דאָס, וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד און גרויס־בריטאַניע האָבן אומגעהויער פאַרבעסערט זייערע פּאָזיציעס בנוגע אַלע זייערע פּראָבלעמען, ווייל טעהעראַן שטעלט מיט זיך פאָר דעם וויכטיגסטן פּונקט, אָן וועלכן די גאַנצע וועלט שטייט אין געפאַר פון צעשטערונג, — ס’איז דער פּונקט, פון וועלכן עס הויבט זיך אָן די אָרגאַניזירונג פון דער וועלט אין מיטן פון דער אַלגעמיינער אַנאַרכיע. יעדע מלוכה, יעדער שטאַטסמאַן, יעדער יחיד, וואָס פאַרלאָזט דעם וועג פון טעהעראַן מוז אויסגעפינען, אַז ער באַוועגט זיך אין דער ריכטונג פון אַ פּוסטקייט. דאָס איז די אַנטשיידנדיגע אורזאַך פאַרוואָס מיר קאָנען האָבן דעם פולן צוטרוי אין דעם דויערהאַפטיגן כאַראַקטער פון דעם טעהעראַנער הסכם.

דער ברייטער פאַרנעם פון דער וועלט־פּראָגראַם, וואָס דער טעהעראַנער הסכם הויבט מיט זיך אָן, איז קלאָר פאַר יעדן פאַרשטענדלעכן באַאָבאַכטער. ס’איז אַפילו טראַגי־קאָמיש, וואָס די באַרימטע קאָלומניסטקע, דאָראָטהי טהאַמפּסאָן, האָט קאָמענטירנדיג מיין בראָשור וועגן טעהעראַן, אויסגעפונען, אַז די דאָזיגע בראָשור האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג, ווייל דאָס איז „די שטים פון סטאַלינ’ען“, וואָס „דערציילט פון חדר“ געננוי וואָס עס איז פאָרגעקומען הינטער די קוליסן פון טעהעראַן. איך קאָן פאַרזיכערן מיס טהאָמפּסאָן, אַז וואָס איז שייך אינפאָרמאַציע האָב איך עס געהאַט ניט מער, ווי זי, נאָר דער אונטערשייד צווישן אונז איז, וואָס מיר האָבן ביידע געטאָן מיט דער דאָזיגער אינפאָרמאַציע נאָכדעם, ווי מיר האָבן זי באַקומען און דורכגעטראַכט. מען דאַרף אָבער צוגעבן, אַז הגם מיס טהאָמפּסאָן איז אַרויסגעגאַנגען פון אַ פולשטענדיג פאַלשער הנחה, איז זי אָבער געקומען צו אַ ריכטיגן אויספיר, אַז די טעהעראַנער קאָנפערענץ האָט געבראַכט צו אַן אמת’ן הסכם, וועלכער איז לויט זיין באַדייטונג עפּאָכן־מאַכנדיג.

עס איז זיכער גאָר ניט נויטיג צו האָבן אַ געהיימע פאַרבינדונג מיט נומער 10 דאַונינג־סטריט (מר. טשוירטשיל׳ס אָפיס אין לאָנדאָן), מיטן קרעמל אָדער מיטן ווייסן הויז, כדי צו באַגרייפן דעם אַלגעמיינעם פאַרנעם פון דעם הסכם. עס איז אפשר אפילו ריכטיגער צו זאָגן, אַז פּערזאָנען, וואָס מוזן זיך פאַרלאָזן אויף „הינטער־קוליסן״־אינפאָרמאַציע, ווייזן דערמיט גופא, אַז זיי זיינען אומפּייאיג צו פאַרשטיין די אַלגעמיין־באַקאַנטע פּאָליטישע פאַקטן פון לעבן. וואָרים גראָד די „אויסערלעכע אינפאָרמאַציע״ דערקלערט אַ סך מער.

די ערשטע נויטווענדיגקייט צו דערגרייכן אַ הסכם אין טעהעראַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז אַמעריקע און ענגלאַנד זאָלן אָנערקענען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אַלס אַ גלייכן צד און זאָלן איינשטימען וועגן אַ שותפות־דיגער מלחמה־פּראָגראַם, — אַ זאַך, וואָס איז פריער פאַר טעהעראַן ניט געטאָן געוואָרן.

אָבער כדי אַמעריקע און ענגלאַנד זאָלן קאָנען מאַכן דעם דאָזיגן גרויסן קער אין זייער פּאָליטיק, האָבן זיי געמוזט פריער איבערצייגט ווערן, אַז אַ זיגרייכע רויטע אַרמיי וועט ניט אַריבערטראָגן אויף אירע באַיאָנעטן דעם סאָציאַליזם אין די אַנדערע טיילן פון אייראָפּע ביזן סאַמע ענגלישן קאַנאַל. ערשט ווען דאָס איז פאַר זיי געוואָרן קלאָר, איז געעפנט געוואָרן דער וועג פאַר דער לייזונג פון אַלע פּראַקטישע פּראָבלעמען דורך אונטערהאַנדלונגען.

קאָרדעל האַל האָט אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ פון די אַליאירטע אויסלענדישע מיניסטאָרן אָנגעוויזן דעם וועג פאַר דער מעגלעכקייט צו דער־גרייכן דעם טעהעראַנער אָפּמאַך. זיין ראָל דאָרטן איז געווען אויסער־געוויינלעך וויכטיג, ווייל ער איז געווען דער אויסדערוויילטער וואָרט־פירער פון די מער איינגעהאַלטענע און צווייפלענדיגע שיכטן פון די הערשנדיגע קלאַסן פון אַמעריקע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזן אויף דעם נייעם וועג. ווען קאָרדעל האַל האָט מיט זיכערקייט גענומען גיין אויף דעם דאָזיגן וועג, איז דערמיט אָנגעצייכנט געוואָרן די פּאָזיציע פון די קאָנסערוואַטיווסטע, אַנט־שלוסנדיגסטע קרייזן פון אַמעריקע. נאָך דעם האָט שוין פּרעזידענט רוזוועלט געקאָנט קומען קיין טעהעראַן מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ער האַנדלט אין נאָמען פון אַ נאַציאָנאַלער איינינקייט, וואָס נעמט אַרום די פאַראַנטוואָרט־לעכסטע מענטשן פון אַלע קלאַסן און פּאַרטייען.

די מאָסקווער קאָנפערענץ מוז דערפאַר באַטראַכט ווערן פאַר אַן אינערלעכן טייל פון דעם טעהעראַנער הסכם. און עס איז דעריבער זייער וויכטיג צו דערמאָנען דאָ וועגן אירע דערגרייכונגען. דער פאַראייניגטער קאָמוניקאַט (פון די אויסלענדישע מיניסטאָרן פון ענגלאַנד, סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַמעריקע) האָט פאַרצייכנט, אַז „קודם כל זיינען פאַרגעקומען אָפנהאַרציגע און אויסשפּענדיגע דיסקוסיעס וועגן די מיטלען וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן, כדי צו פאַרקירצן די מלחמה געגן דייטשלאַנד און אירע אַרויסהעלפער

אין אייראָפּע", און אַז די דאָזיגע דיסקוסיעס „האָבן געשאַפן אַ באַזיס פאַר דער ענגסטער מיליטערישער צוזאַמענאַרבעט אין דער צוקונפט צווישן די דריי מלוכות" (אַמעריקע, ענגלאַנד און דער סאָוועטן־פאַרבאַנד). די קאָמוניקאַט ווייזט ווייטער אָן אויף דעם אויסגעברייטערטן אָפּמאַך צווישן די דאָזיגע לענדער אין דעם פאָלגנדיגן זאַץ:

„דער צווייטער באַשלוס, וואָס איז כמעט אַזוי וויכטיג ווי די פאַרשנעלע־רונג פון דער מלחמה, איז געווען די אָנערקענונג מצד די דריי גרויסע רעגי־רונגען, אַז עס איז זייער נויטיג סיי אין זייערע אייגענע אינטערעסן, סיי אין די אינטערעסן פון אַלע שלום־ליבנדיגע מלוכות, פאַרצוזעצן די איצטיגע ענגע מיטאַרבעטערשאַפט און קאָאָפּעראַציע אין דער אָנפירונג פון דער מלחמה אויך אין דעם פּעריאָד, וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה, און אַז בלויז אויף אַזאַ אופן קאָן דער שלום אָנגעהאַלטן ווערן און עס קאָנען פולשטענדיג באַזאָרגט ווערן דער פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער וואוילזיין פון זייערע פעלקער."

באַלד נאָך דער מעלדונג וועגן די מאָסקווער אָפּמאַכן, האָב איך פאַר־עפנטלעכט אַן אָפּשאַצונג פון זיי, וועלכע איך האַלט איצט פאַר וויכטיג איבערצו'חזר'ן דאָ צוליב די דיסקוסיעס, וואָס זי האָט אַרויסגערופן, כדי צו באַקענען מיט איר אַ ברייטערן עולם. איך האָב דעמאָלט אונטערגעפירט דעם פאָלגנדיגן סך־הכל פון דער מאָסקווער קאָנפערענץ:

„דער מאָסקווער צונויפקום פון די אויסלענדישע מיניסטאָרן האָט זיך פאַרזאַמלט אַלס אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ אויף צוצוגרייטן דעם וועג פאַר אַ קומענדיגער באַגעגעניש פון פּרעזידענט רוזוועלט'ן, פּרעמיער־מיניסטער טשוירטשיל'ן און פּרעמיער סטאַלינ'ען. איידער די קאָנפערענץ איז פאָר־געקומען, זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען ניט אויפצובלאָזן קיין צו גרויסע האָפענונגען אויף די רעזולטאַטן פון איר אַרבעט, ווייל מען האָט אומעטום דערוואַרט, אַז די וויכטיגסטע אָפּמאַכן וועלן קאָנען דערגרייכט ווערן ערשט שפּעטער, ווען די גרויסע פירער וועלן זיך צוזאַמענקומען.

„אָבער געגן אַלע דערוואַרטונגען האָט די מאָסקווער קאָנפערענץ אַליין פאָרמולירט די גרונט־אָפּמאַכן, וואָס צייכענען שוין אָן דעם וועג פאַר דער קאָאַליציע (פון די דריי גרויסע מלוכות), וואָס גייט אין שפּיץ פון די יונאַיטעד נעישאָנס. איר דערפאָלג האָט איבערגעשטייגט אַלע דערוואַרטונגען.

„דער געפּלאַנטער מיטינג פון די פירער פון דער קאָאַליציע איז אָבער צוליב דעם דאָזיגן דערפאָלג ניט געוואָרן איבעריג, און עס איז אויך ניט וואַרשיינלעך, אַז ער זאָל איבער דעם אָפּגעלייגט ווערן. פונקט ווי די גיגאַנ־טישע נצחונות פון דער רויטער אַרמיי צוזאַמען מיט דעם אַנגלאָ־אַמעריקאַנישן פאַרמאַרש אין אַפריקע און אין איטאַליע און מיט דער לופט־מלחמה איבער דייטשלאַנד, האָבן אויסגעברייטערט דעם אויפטו פון דער מאָסקווער קאָנ־

פערענץ, אַזוי ווערן איצט די נייע, פאַרשנעלערטע מיליטערישע נצחונות, פאַרשטאַרקטע דורך די פּאָליטישע קלעפּ פון דער מאָסקווער קאָנפערענץ געגן די אַקס־מלוכות און געגן די אַפּיזערס, בלויז נאָך מער מיטהעלפן צוצוגרייטן די היסטאָרישע בינע פאַר דעם צוזאַמענקום פון רוזוועלט׳ן, סטאַלינ׳ען און טשוירטשיל׳ן, וואָס וועט מאַכן ווייטערדיגע שריט אין דער זעלביגער ריכטונג.

„די וועלט האָט געעפנט אַ נייע עפּאָכע אין איר געשיכטע.״ *)

די קאָנפערענצן אין מאָסקווע, קאַירא און טעהעראַן שטעלן מיט זיך פאַר אויף אַזאַ אופן אַ ריי שריט אין איין ריכטונג, טיילן פון איין גרויסן בילד, וואָס מיר באַצייכענען איצט מיטן איינציגן נאָמען טעהעראַן.

די הויפּט־שטריכן פון דער פּאָליטיק, וואָס בילדעט דעם גוף און די נשמה פון דעם טעהעראַנער הסכם, קאָנען כאַראַקטעריזירט ווערן אַלס דאָס פרייל‍אָזן פון אַ דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעוואָלוציע אין אייראָפּע, די באַזייטיגונג פון דעם אבסאָלוטיזם, און די מאָביליזאַציע פון די פאַראייניגטע פאָלקס־קרעפטן פאַר זייער אייגענער באַפרייאונג אין צוזאַמענאַרבעט מיט די גרויסע מאַכטן; דאָס אָפּלייגן פון די ענדגילטיגע באַשלוסן וועגן די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע סיסטעמען פון די באַפרייטע לענדער ביז מען וועט געווינען דעם נצחון און יעדע מלוכה וועט דעמאָלט זיין פריי אַליין צו באַשטימען איר אייגענעם גורל אָן אַ אַריינמישונג פון דרויסן; די אונטערשטיצונג פון די גרופּירונגען און פירער אין די פאַרשיידענע לענדער אויסשליסלעך אויפן גרונט פון זייער פאַקטישן בייטראָג צו דער מלחמה געגן די נאַצי־פאַרכאַפּער, פאַר זייער אייגענער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, און בשום אופן ניט אויפן גרונט פון וועלכע עס איז פריערדיגע אידעאָלאָגישע חשבונות אָדער דורך אַ פּאַרלאַנג צו באַשטימען פאַראויס דעם נאָך־מלחמה׳דיגן גורל פון די דאָזיגע לענדער.

אַזאַ פּאָליטיק פאַרלאַנגט פון די אַלע, וואָס נעמען זי אָן, אַז זיי זאָלן אָנווענדן דעם מאַקסימום קרעפטן געגן דעם נאַצישן שונא און זיינע קווי‌זלינג־אַגענטן, וואָס דאָס מיינט אויך, אַז עס מוזן פּאַרקלענערט, און אויף וויפיל מעגלעך אינגאַנצן באַזייטיגט ווערן אַלע אינערלעכע רייסערייען אין דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונג־פראָנט פון יעדן לאַנד. אין יעדער מלוכה מוז איינגעשטעלט ווערן איין ברייטער, אַלץ־איינשליסנדיגער, אַנטי־פאַשיסטישער לאַגער, וואָס אין אים גופא זאָלן אַלע באַציאונגען באַשטימט ווערן און אַלע פּראָבלעמען געלייזט ווערן דורך אַ פרייער דיסקוסיע, דורך פרייע פּאָליטישע פאַראייניגונגען און דורך אַן אַלגעמיינעם שטימרעכט. אַזאַ דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע קאָאַליציע אין יעדן לאַנד מוז זיין אָפן פאַר אַלעמען, וואָס ווילן קעמפן געגן די נאַצים און וואָס זיינען גרייט צו פאָלגן אַ שותפות׳דיגער

---

*) „די קאָנפערענצן פון די דריי מאַכטן אין מאָסקווע״, — זשורנאַל „קאָמוניסט״, דעצעמבער 1943. דער אַרטיקל איז געווען געשריבן אין אָנהויב נאָוועמבער.

דיסציפּלין אונטער דער אַלגעמיינער וועלט־אָנפירונג פון דער אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישער קאָאַליציע, אָן אונטערשייד פון זייערע אידעאָלאָגיעס.

פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן שאַפט דאָס אַ גרונט־פּראָבלעם, וואָס איז דאָ נאָך ניט געלייזט געוואָרן: וועגן אַריינגעמען די קאָמוניסטן אין דעם אַלגעמיינעם לאַגער פון די דעמאָקראַטישע קרעפטן אָן שום דיסקרימינאַציעס און אָן שום אויסנאַם־געזעצן, אויף דעם זעלביקן באַזיס, ווי אַלע אַנדערע פּאָליטישע ריכטונגען.

די דאָזיקע פּראָבלעם, אויף וויפיל זי איז פאַרבונדן מיט דער אינערלעכער פּאָליטיק, וועט גענוי באַטראַכט ווערן אין אַ ווייטערדיקן טייל פון דעם בוך. אָבער דאָ מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף איר ווי אויף אַ פּראָבלעם פון אונזער אויסלענדישער פּאָליטיק. דער בעסטער וועג, ווי צו כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע פּראָבלעם וועט זיין, ווען מיר וועלן ברענגען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל, אָנרופנדיק נעמען און אַדרעסן.

אין דער עלאַיד מיליטערי גאָווערנמענט אין איטאַליע (א.מ.ג. — די אַליאירטע מיליטערישע אַדמיניסטראַציע) איז ליוטענאַנט־קוירנעל פּאָלעטי דער וויכטיגסטער אַמעריקאַנישער באַאַמטער. ער אַליין איז אַן אַמעריקאַנער פון איטאַליענישער אָפּשטאַמונג. אין איטאַליע איז ער דער, וואָס באַשטימט אונזערע באַציאונגען מיט דער איטאַליענישער באַפרייאונג־קאָמיטע, די דעמאָקראַטישע קאָאַליציע פון די זעקס איטאַליענישע פּאַרטייען, וואָס שליסן איין אַלע איטאַליענישע דעמאָקראַטן, פון די קאָמוניסטן ביז קאַטאָליקן. ער האָט באַנוצט זיין פּאָזיציע אין איטאַליע כדי צו דערקלערן די איטאַליענישע דעמאָקראַטן, אַז די פאַראייניגטע שטאַטן פאַרלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלן ברעכן זייער פאַראייניגטן פראָנט, אַז זיי זאָלן אויסשליסן די איטאַליענישע קאָמוניסטן, אַנדערש קאָן ער מיט זיי ניט האָבן צו טאָן. ער האָט באַרעכטיגט די דאָזיקע פּאָדערונג דורך דער ענלעכער פּאָזיציע, וואָס ער האָט פאַרנומען בנוגע די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן, וואָס דאָס איז אויך די פּאָזיציע פון דער אַנטאָניני־דובינסקי־פּאָפּע קליקע אין די פּאָליטישע און אַרבעטער־קרייזן פון ניו יאָרק. ער האָט דערקלערט, אַז ער קאָן ניט אָננעמען איין שטעלונג צו די קאָמוניסטן אין אַמעריקע און דערנאָך גאָר אַן אַנדער שטעלונג צו די קאָמוניסטן אין איטאַליע. ער האָט אָפּגעוואָרפן די אָנווענדונג פון דער רעזאָלוציע וועגן איטאַליע, וואָס די מאָסקווער קאָנפערענץ פון די אויסלענדישע מיניסטאָרן האָט אָנגענומען. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס די אַמעריקאַנער מאַכט אין איטאַליע האָט ניט אָנגענומען קיין שריט צו מאָביליזירן דאָס איטאַליענישע פאָלק אין קאַמף געגן די דייטשן. דאָס איז די אורזאַך פאַרוואָס דער איטאַליענישער פראָנט איז — אין דעם מאָמענט ווען די שורות ווערן געשריבן — „איינגעפרווירן" און אונזערע אַמעריקאַנער און ענגלישע סאָלדאַטן באַקומען קנאַפּ־

וואָס הילף פון די מיליאָנען איטאַליענער, וואָס בעטן זיך מען זאָל זיי געבן א געלעגנהייט צו קעמפן צוזאַמען מיט זיי.

מר. פּאָלעטי׳ס פריינט, די ניו יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פעדע־ראַציע, האָבן אָנגענומען א ספּעציעלע רעזאָלוציע, אין וועלכער זיי פאָדערן אויף די רעגירונג אין וואַשינגטאָן אויסצוראַמען פון אַלע אירע אַנשטאַלטן, ספּעציעל פון די וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד, אַלע אַמעריקאַנער קאָמו־ניסטן, — און זיי האָבן געהאַט די חוצפּה צו דערקלערן, אַז דאָס איז נויטיג, כדי נ י ט צו דערלאָזן די דורכפירונג פון דער פּראָגראַם פון טעהעראַן!

דער דאָזיגער ביישפּיל ווייזט אונז דעם טיף פון דעם איינגעשפּאַרטן ווידערשטאַנד געגן דער פאַרווירקלעכונג פון דער טעהעראַנער פּאָליטיק, — א ווידערשטאַנד וואָס איז א דירעקטער רעזולטאַט פון אונזער היימישן פּאָ־ליטישן לעבן און וואָס שוואַכט אָפּ זייער ערנסט דעם בונד צווישן אַמעריקע, ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און אָט איז א צווייטער ביישפּיל:

באַלד נאָך טעהעראַן האָט דער בריטישער טרייד־יוניאָן קאָנגרעס אַרויס־געלאָזן א רוף וועגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר פון טרייד־יוניאָן פאַרטרעטער פון די אַליאירטע און נייטראַלע לענדער, כדי אָנצוצייכענען די ראָל פון די אַרבעטער אין געווינען די מלחמה און אין דעם ווידער־אויפבוי פון דער וועלט. קלאָר, אַז אַזאַ שריט איז נויטיג, כדי צו פאַרזיכערן דעם דערפאָלג פון טעהעראַן. אָבער גראָד ביי אונז אין אַמעריקע איז דער דאָזיגער פאָרשלאָג צוריקגעוואָרפן געוואָרן — דורך דעם עקזעקוטיוו־קאָונסיל פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לעיבאָר, — אויפן גרונט פון דעם, וואָס עס איז פאַר זיי כלומרשט אוממעגלעך מיטצואַרבעטן מיט קאָמוניסטן אין א וועלכער עס איז פאָרם, און ווייל די טרייד־יוניאָנס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועלן — ווי זיי רעכענען — שיקן צו אַזאַ צוזאַמענפאָר אַלס דעלעגאַטן פּראָמינענטע קאָמוניסטן, וואָס פאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין דער סאָוועט־רעגירונג!...

פון דעם אַלעמען איז קלאָר, אַז דער וועג פון טעהעראַן, דער וועג פון פאַרשטאַרקן דעם אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישן בונד, כדי צו געווינען די מלחמה און א פעסטן שלום פאַר די קומענדיגע דורות, איז אין אונזער לאַנד ניט פון די גרינגע. מיר זעען פון דעם, אַז עס איז אוממעגלעך אויפ־צושטעלן א בינעזישע וואַנט צווישן דער אויסלענדישער פּאָליטיק און דער היימישער. מיר געפינען אויס, אַז אייניגע פון די איינגעשפּאַרטסטע פּאָ־ליטישע טענדענצן, וואָס באַהערשן נאָך אַלץ דעם אינערלעכן לעבן פון אונזער לאַנד, זיינען אין פולסטן היפּוך מיט דער פּאָליטיק פון טעהעראַן.

אָבער דאָס מיינט בלויז, אַז פאַר דער פּאָליטיק פון טעהעראַן מוז מען קעמפן. פון זיך אַליין קאָן זי ניט אַראָפּפאַלן פאַרטיגערהייט פון הימל. אַלצדינג וואָס איז א שטערונג אין וועג פון זיג און פון א דויערהאַפטיגן

שלום מוז באַזייטיגט ווערן. קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ, — סיידן אינטערנאַציאָנאַלע אַנאַרכיע און כאַאָס.

קאַפּיטל פינף

די רעקאָנסטרוקציע פון אייראָפּע

כמעט גאַנץ אייראָפּע צו מערב פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז נאָך אַלץ אונטער דער מאַכט פון היטלעריזם און מוז אַרויסגעריסן ווערן פון זיינע בלוטיגע נעגל מיט פייער און שווערד אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט.

די פאָרם, וואָס אייראָפּע וועט אָננעמען נאָך דער מלחמה, וועט באַשטימט ווערן דורך דעם גאַנג פון דעם קאַמף פאַר איר באַפרייאונג.

אין יאָר 1942 האָט קאָרדעל האָל פעסטגעשטעלט אָט דעם גרונט־פּרינציפּ, ווען ער האָט אין זיינער אַ פּראָגראַם־רעדע געוואָרנט די אייראָפּייאישע מלוכות, אַז זיי זאָלן ניט דערוואַרטן זייער באַפרייאונג אויסשליסלעך דורך דרויסנדיגע קרעפטן און אַז זייערע רעכט וועלן אין אַ געוויסער מאָס באַשטימט ווערן דורך דעם גראַד פון זייער אָנטייל אין דעם קאַמף פאַר זייער באַפרייאונג. די זעלביגע וואָרנונג איז איבערגע׳חזר׳ט געוואָרן אויף דער מאָסקווער קאָנפערענץ אין דער דערקלערונג וועגן עסטרייך.

פּשוט גערעדט מיינט עס, אַז די אַרכיטעקטן פון דער נאָך־מלחמה׳דיגער אייראָפּע וועלן אויסגעקליבן ווערן פון צווישן די, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן די גרעסטע פעיאיגקייט צו פאַרניכטן נאַציס און אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע צו דעם, ווי זיי האָבן די דאָזיגע אויפגאַבע דורכגעפירט. דאָס איז איינער פון די אומפאַרמיידלעכע פאַקטן פון לעבן, וועגן וועלכן מען פאַרגעסט אָפט אין אַמעריקע, וואו כמעט יעדער ציטונג־קאָלומניסט טראַכט זיך אַליין צו אַ נייע מאַפּע פון אייראָפּע וויינגסטנס איין מאָל אַ חודש, און וואו אַן עקספּערט אין קאָרטן־שפּיל (ווי אילאַי קאַלבערטסאָן) קאָן זיך אין זיין פרייער צייט צוטראַכטן אַ סכעמע פון דער נאָך־מלחמה־וועלט און דערפאַר וואַרעם אַפּלאָדירט ווערן אין די פאַרשיידענע פרויען־קלובן, דיסקוסיע־גרופּעס, דורך די פאַרשיידענע „אינטעלעקטואַלן״ און אין די בוך־איבערזיכטן פון דער ניו יאָרק טאַימס.

טעהעראַן האָט ניט אָפּגעשאַפט דעם פּרינציפּ פון שייכות צווישן רעכט און פאַראַנטוואָרטלעכקייטן, אָבער ער האָט איינגעשטעלט אַ הסכם, וואָס שליסט איין דעם דאָזיגן פּרינציפּ און מאַכט אים פאַר אַ גרונט, אויף וועלכן די אַלע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאַרניכטן די נאַציס, קומען צו אַ געוויסער איינשטימיגקייט וועגן זייערע צילן, — אַזוי אַז זיי זאָלן ניט אויסשליסן איינער דעם צווייטן און זאָלן ניט נעמען דערנאָך אויס׳הרג׳ענען איינער דעם

אַנדערן. טעהעראַן איז געוואָרן היסטאָריש וויכטיג, ווייל די קאָנפערענץ דאָרטן האָט געבראַכט צו אַ הסכם צווישן די דריי הויפּט־מאַכטן, וואָס זיינען פאַרנומען מיט פאַרניכטן דעם גרעסטן טייל נאַציס, אַז זיי זאָלן עס טאָן נאָך גרינטלעכער צוליב אַ פאַראויס־אָנגעצייכנטן רעזולטאַט.

אָבער אַזוי ווי מיר האָבן ניט קיין אַמביציע אָנצוצייכענען דאָ אַן אַלץ־ענטפערנדיגן פּלאַן, קאָנען מיר באַגרענעצן אונזער דיסקוסיע וועגן דער רע־קאָנסטרוקציע פון אייראָפּע מיט אַ פּאָר ביישפּילן וועגן די פאַרשיידענע מעטאָדן, וואָס ווערן צוליב דעם אויסגעאַרבעט. מיר וועלן אָנהויבן מיט פּוילן.

די פאַר־מלחמה'דיגע פּוילן האָט אונטערגעשריבן איר טויט־אורטייל, ווען זי האָט מיט אימפּעט צוריקגעוואָרפן יעדע מיטאַרבעטערשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט זיך געוואָרפן אין היטלער'ס אָרעמס, באַטייליג־דיג זיך צוזאַמען מיט אים אין דער פאַרגוואַלטיגונג פון טשעכאָסלאָוואַקיע. איידער די איצטיגע מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט פּוילן ווידער צוריק־געשטויסן דעם פאָרשלאָג וועגן סאָוועטישער הילף. אַלס רעזולטאַט פון דעם איז פּוילן איינגענומען געוואָרן אין איינע צוויי וואָכן, ווען היטלער האָט זיך אויסגעקערט געגן זיינע פּוילישע „פריינט". דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך דעמאָלט אַריינגעמישט און האָט געראַטעוועט די אוקראַינישע און ווייס־רוסישע טעריטאָריעס, וואָס פּוילן האָט ביי אים געהאַט פאַרכאַפּט אין יאָר 1920. ביז יוני 1941 האָט די פּוילישע גלות־רעגירונג, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין לאָנדאָן, ניט געהאַט קיין שום אויסזיכטן אויסער זיצן און וואַרטן ביז עס וועט זיך וואָס עס איז מאַכן. ווען היטלער איז באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט גענעראַל סיקאָרסקי (אַלס פּוילישער פּרעמיער־מיניסטער) געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט מאָסקווע און האָט דורך דעם שוין אין יאָר 1941 געוואונען אַן אָפּמאַך, וואָס וואָלט געשטעלט די פּוילישע גלות־רעגירונג אין זייער אַ שטאַרקער פּאָזיציע, ווען זי וואָלט אים ערנהאַפטיג דורכגעפירט.

אָבער די פּוילישע גלות־פירערשאַפט האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אומ־פייאיג ערנהאַפט צו דערפילן אירע פאַרפליכטונגען. נאָכדעם, ווי זי האָט אויסגעבילדעט אַ פּוילישע אַרמיי פון די פליכטלינגען און געפאַנגענע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט זי באַוואָפנט און באַזאָרגט אויפן סאָוועטישן חשבון, האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו באַנוצן די דאָזיגע אַרמיי געגן היטלער'ן אויפן מזרח־פראָנט און האָט זי אַרויסגעפירט דורך פערסיע אין דעם נאָענטן מזרח צו באַדינען דאָרטן ענגלאַנד אַלס גאַרניזאָן־מיליטער.

די פּוילישע גלות־רעגירונג האָט גלייכצייטיג אויסגענוצט איר פאַר־טרעטערשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ערשטנס, כדי צו זאַמלען דאָרטן מיליטערישע אינפאָרמאַציע, וואָס איז שפּעטער אויף אַ „געהיימניספּולן" אופן אַריינגעפאַלן אין היטלער'ס הענט, — און צווייטנס, כדי צו פאַרשפּרייטן אַ דעפיטיסטישע, אונטערגראָבערישע פּראָפּאַגאַנדע, פאַר וועלכער די „סאָ־

ציאַליסטן" ערליך און אַלטער — אַגענטן פון דער פּוילישער רעגירונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — זיינען דערשאָסן געוואָרן. און ענדלעך — און דאָס איז געווען די לעצטע שטרוי, — האָבן די דאָזיגע פּוילישע גלות־„פּירער" זיך אָנגעשלאָסן אָן היטלער'ן מאָרד־פּראָוואָקאַציע געגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אין פאַרבינדונג מיט דעם מאָרד פון פּוילישע אָפיצערן אין דעם קאַטינער וואַלד אַרום סמאָלענסק, — אַ היטלער־מאָרד, וועלכן די פּוילישע „רעגירונג" האָט, דירעקט נאָכזאָגנדיג בערלין, געפּרואווט אָנהענגען אויף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. די סאָוועט־רעגירונג האָט דאַן אָפּגעבראָכן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער לאָנדאָנער פּוילישער גלות־רעגירונג. די פּוילישע פּליכטלינגען, וואָס זיינען פאַרבליבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן געגרינדעט דעם פאַר־באַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן און האָבן אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פּוילישע אַרמיי־טיילן, כדי צו קעמפן צוזאַמען מיט דער רויטער אַרמיי געגן די נאַציס.

אין דער צייט ווען די רויטע אַרמיי ברענגט אין איר זיגרייכן מאַרש צו די גרענעצן פון פּוילן די באַפרייאונג פאַר דעם דאָזיגן לאַנד, האָט די פאַר־רעטערישע פּוילישע גלות־רעגירונג אַרויסגעשיקט צו אירע אָנהענגער אין פּוילן באַפעלן צו שטעלן זיך געגן דער רויטער אַרמיי, ווען זיי וועלן זיך מיט איר טרעפן, — הגם זי האָט זיי פאַר די לעצטע פינף יאָר כסדר איינ־סטרואירט ניט צו שטעלן זיך געגן די נאַציס. עס זיינען פאַראַן מאַסן באַ־ווייזן, אַז אין פּוילן גופא האָבן די דאָזיגע פאַרשווינען מיטגעאַרבעט מיט די נאַציס אין דער אויסראָטונג פון די אמת'ע פּוילישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געפירט אַ פּאַרטיזאַנישן קאַמף געגן די נאַצישע פאַרכאַפּער.

די פּוילישע גלות־רעגירונג פאַרלאַנגט פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד איין קליייניגקייט. זי וויל „בלויז", אַז די רויטע אַרמיי זאָל אַרויסטרייבן פון פּוילן די נאַציס, צוריקקערן אונטער דער פּוילישער מיסהערשאַפט די אוקראַאינישע און ווייסרוסישע טעריטאָריעס, וואָס זיינען באַפרייט געוואָרן אין יאָר 1939, און מיט דער הילף פון רויטאַרמייאישע באַיאָנעטן צוריק־ברענגען צו דער מאַכט איבער פּוילן די אַנטלאָפענע דזשענטעללייט, כדי זיי זאָלן קאָנען ווייטער אָנפירן אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב זייערע אַנטי־סאָוועטישע אינטריגעס. און זיי האָבן געהאָפט, אַז מיט דער מאַכט פון די פאַראייניגטע שטאַטן און ענגלאַנד וועט זיי געלינגען אַרויפצווינגען אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד די דאָזיגע „קליינע" פאָדערונג, וואָרים זיי ווייסן, אַז זיי אַליין, מיט זייער גאַנצער בלינדער חוצפה, פאַרמאָגן ניט קיין שום מאַכט אויסצופירן דאָס.

דער הסכם אין טעהעראַן האָט געמאַכט אַ סוף צו אָט דעם ציניש, געפערלעכן און שעדיגערישן שפּיל פון די פּוילישע רעאַקציאָנערן. טשויר־טשיל האָט געמאָלדן אין דעם בריטישן פּאַרלאַמענט, אַז זיין רעגירונג באַ־טראַכט די סאָוועטישע פּאָליטיק בנוגע פּוילן פאַר אַ דורכאויס־באַרעכטיגטער און פאַר אַזאַ, וואָס איז געבויט אויף אַן אומפּאַרטייאישן בריטישן פאַר־

שלאַג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך אין יאָר 1919. ס'איז קיין צווייפל ניט, אַז וואַשינגטאָן וועט נאָכפאָלגן דעם ביישפּיל פון לאָנדאָן אויף דעם דאָזיגן אומפאַרמיידלעכן וועג. די פּוילישע רעאַקציאָנערע קליקע איז פאַרבליבן הענגען אין דער לופטן, און עס שיינט, אַז זי איז פעסט אַנטשלאָסן שוין צו בלייבן אַזוי הענגען אויפן עק פון דער שטריק, וואָס זי אַליין האָט פאַר זיך אויסגעפלאָכטן.

אָבער אין דער זעלביגער צייט ווערן די אויסזיכטן פון פּוילן גופא בעסער מיט יעדן טאָג. די רויטע אַרמיי קומט צו נעענטער און נעענטער און צוזאַמען מיט איר די פּוילישע פּאַטריאָטן־אַרמיי אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל בערלינג. ווען זי וועט אַריין אין דער פּוילישער טעריטאָריע, איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז דאָס פּוילישע פאָלק וועט תיכף אויפשטעלן זיינע אייגענע אָרגאַנען פון פּאָליטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און וועט זיך מיט אַלע כוחות אָנשליסן אָן דער מלחמה קעגן די דייטשן, באַטייליגנדיג זיך אין דער פולער מאָס אין דער אויפגאַבע פון זיין אייגענער באַפרייאונג. פּוילן וועט דעמאָלט אַרויס פון פייער אויסגערייניגט פון דער פאַרעטערישער פּירערשאַפט, וואָס האָט איר געבראַכט צו איר חורבן. פּוילן וועט דעמאָלט באַקומען אַ שטאַרקע פאָלקס־הערשאַפט, אַ דעמאָקראַטיע, וואָס זי האָט פריער קיין מאָל ניט געהאַט די געלעגנהייט צו אַנטוויקלען.

די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּאַנעס אין לאָנדאָן וואָלטן זיך קיינמאָל ניט דערוועגט אונטערצונעמען זייער ווילדע און זעלבסטמערדערישע אַוואַנטורע קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען זיי וואָלטן ניט ספּעקולירט אויף דער מעגלעכקייט אָפּצושיידן און אָפּצופרעמדן וואַשינגטאָן און לאָנדאָן פון מאָסקווע. זיי האָבן דערפאַר ביטער געקעמפט קעגן דער טעהעראַנער קאָנפערענץ און אירע באַשלוסן. זייער איינציגע האָפענונג איז געבויט אויף אומאייניגקייט, אויף ברעכן דעם אַנטי־היטלער בונד, — זיי האָבן ספּעקולירט אויף אַ זיג פון היטלעריזם איבער אייראָפּע. און ווי אַלע, וואָס האָבן געקעמפט קעגן טעהעראַן, זיינען זיי דערגאַנגען צו אַן אָפּגרונט.

אין שאַרפן היפוך צו דער פּוילישער גלות־רעגירונג, האָט די טשעכאָסלאָוואַקישע גלות־רעגירונג געשפּילט אַן אויסגעהאַלטענע, קאָנסטרוקטיווע ראָל. דאָס דאַרף פאַר אונז זיין אַ וואָרנונג ניט צו וואַרפן אין איין קופּע אַלע גלות־רעגירונגען. די טשעכאָסלאָוואַקישע גלות־רעגירונג האָט זיך אויך אירע שוואַכע זייטן, — און גאַנץ ערנסטע דערביי, — אָבער זי האָט קיינמאָל ניט אינטריגירט צו ברעכן, אָדער אָפּצושוואַכן דעם ענגליש־סאָוועטיש־אַמעריקאַנישן בונד און האָט ניט געפּרוּאווט ספּעקולירן אויף די דיפערענצן צווישן די דריי מלוכות. זי איז די גאַנצע צייט אויסגעהאַלטן פאַר אייניגקייט, און זינט דער מינכענער קאַטאַסטראָפע האָט זי אַרויסגעוויזן אַ וואַקסנדיגע פאַרשטענדעניש פאַר דעם פאַקט, אַז די ענגע מיטאַרבעטערשאַפט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איר בעסטע גאַראַנטיע פון אַ פעסטן שלום נאָכדעם

ווי די מלחמה געגן די נאַציס וועט געוואונען ווערן. די טשעכאָסלאָוואַקישע גלות־רעגירונג איז געבויט אויף אַ קאָאַליציע פון דעמאָקראַטישע פּאַרטייען, די קאָמוניסטן איינגעשלאָסן. די אויסזיכטן פון טשעכאָסלאָוואַקיע אין דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט זיינען קלאָרע און ליכטיגע, און זיי קאָנען פאַר־טונקלט ווערן בלויז דורך אַן אָפּגעלאָזנקייט אין דעם קאַמף פאַרן נצחון, דורך דער לאַנגזאַמקייט פון נעמען זיך צום געווער.

אַן אַנדער ראָל אין דעם פּראָצעס פון דער באַפרייאונג און פון דער רעקאָנסטרוקציע פון אייראָפּע שפּילט יוגאָסלאַוויע. גאַנץ אַמעריקע, די גאַנצע וועלט ווייסט איצט וועגן דער איבערראַשנדיגער גרינדונג און וואוקס פון דער פאָלקס־רעגירונג און פאָלקס־אַרמיי אין יוגאָסלאַוויע אונטער דעם קנאַפּל פון דער נאַצישער אינוואַזיע, וועגן זייערע וואונדערלעכע מיליטערישע דערפאָלגן פון איין זייט געגן דעם שונא און גלייכצייטיג אויך געגן די אַגענטן פון קעניג פּעטער'ס לאָנדאָנער יוגאָסלאַווישער גלות־רעגירונג. דער נאָמען פון מאַרשאַל טיטאָ, דעם הויפּט־אָנפירער פון דעם יוגאָסלאַווישן באַפרייאונג־קאַמף, איז איצט באַקאַנט איבער גאָר דער וועלט. ווינסטאָן טשוירטשיל האָט אין זיינע רעדעס אין ענגלישן פּאַרלאַמענט אָפן און פול־שטענדיג אָנערקענט די גרויסע פאַרדינסטן פון גענעראַל טיטאָ און פון זיין רעגירונג פאַר די יונאַיטעד נעישאָנס און האָט זיך פּונקט אַזוי אָפנהאַרציג אָפּגעזאָגט פון דעם פאַררעטער, מיכאַילאָוויטש'ן.

ווי אַנדערש די פּראָבלעם פון יוגאָסלאַוויע האָט אויסגעזען ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק!

אלס אַ ביישפּיל פון דעם, ווי שווער עס קומט אָן אויסצואַרבעטן אַ ריכטיגע אַמעריקאַנישע פּאָליטיק בנוגע אייראָפּיאישע פּראָבלעמען, וויל איך דאָ עובר זיין אויף מיינעם אַן אייגענעם כלל און דאָס מאָל „דערציילן פון חדר". אין אָקטאָבער 1942 האָט די דעמאָלט־הערשנדיקע „דובינסקי־ניו־לידער" קליקע אין דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי באַשלאָסן צו באַפרייען זיך פון אַ דאָרן אין זייט דורך פּועל'ן ביי אַטורני־דזשענעראַל בידל, אַז ער זאָל פּאַרמאַכן דעם דעילי וואָירקער. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַ גוטער אויסרייד פאַר דעם וואָלט געווען צו באַשולדיקן דעם דעילי וואָירקער, אַז ער צעשטערט די איינזיגקייט פון די יונאַיטעד נעישאָנס דורך דעם, וואָס ער אַטאַקירט „אונזער פאַרבינדעטן", גענעראַל מיכאַילאָוויטש'ן. האָבן זיי איבערגעגעבן דעם דאָזיגן פּלאַן זייער גוטן פריינט און מיטהעלפער, אַדאָלף בוירלע, דעם אַסיסטענט סעקרעטערי אָוו סטעיטס. בוירלע האָט זיך מיט ענטוזיאַזם אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן און האָט אים פאָרגעבראַכט פאַר אַטורני־דזשענעראַל בידל, וועלכער האָט וועגן דעם ענין פאַררופן אַ ספּע־ציעלע „באַראַטונג" אין דעם דעפּאַרטמענט אָוו דזשאַסטיס. די דאָזיגע „באַ־ראַטונג" האָט נאָך אַ פּאָר שעמעוודיגע דערווידערונגען מצד איינציגע פון

אירע אָנטיילנעמער ענדלעך „איינגעשטימט אין פּרינציפּ" מיט בווירלע'ס פּאָרשלאָג, אָבער זי האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן, איידער מען גייט עפּעס טאָן וועגן דעם דעילי וואָירקער, אָפּיציעל קלאָר מאַכן דעם ענין מיט דעם סטעיט־דעפּאַרטמענט און מיט דער מיליטערי־אינטעלידזשענס (מיליטערישער אויסשפּיר־אָפּיס). אָבער צום גליק פאַרן דעילי וואָירקער האָבן ביידע אַנשטאַלטן, — סיי דער סטעיט־דעפּאַרטמענט, סיי די מיליטערישע אינטעליגענס, געענטפערט, אַז מען זאָל בעסער „ניט צורירן זיך" צו מיכאַילאָוויטשעס פאַרבינדונגען מיט היטלער'ן, וועלכע איין באַאַמטער האָט כאַראַקטעריזירט אַלס „הייסע קוילן"...

פונדעסטוועגן האָבן ס'רוב אַמעריקאַנער צייטונגען מער ווי אַ גאַנצן יאָר נאָכדעם מיט אַלע כוחות אונטערשטיצט מיכאַילאָוויטש'ן און האָבן פּונקט אַזוי מיט אַלע קרעפטן פאַרדאַמט מאַרשאַל טיטאָ און זיינע מיטקעמפער, וועלכע זיי האָבן באַצייכנט אַלס „קאָמוניסטישע באַנדיטן". די אַלע צייטונגען — מיטן אויסנאַם פון דעילי וואָירקער און עטלעכע פּרעמדשפּראַכיגע צייטונגען — האָבן סיסטעמאַטיש מיסאינפאָרמירט אונזער לאַנד וועגן דער אמת'ער לאַגע אין יוגאָסלאַוויע, הגם סיי די אַמעריקאַנישע, סיי די בריטישע רעגירונג־אָרגאַנען האָבן פון אָנהויב אָן גוט געוואוסט וועגן מיכאַילאָוויטשעס פאַררעטערישע געשעפטן מיט היטלער'ן און מיט מוסאָליני'ן. בלויז לואיס אַדאַמיק'ס סענסאַציאָנאַלער בוך „מאַי נעיטיוו לענד" („מיין געבורטלאַנד"), וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן צום סוף פון יאָר 1943 און האָט אַרויסגעבראַכט אַ ים מיט שטוינענדיגע פאַקטן, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אָפּגעלייקנט ווערן, האָט ענדלעך געבראָכן די צייטונג־בלאָקאַדע געגן דעם אמת וועגן יוגאָסלאַוויע. באַלד נאָך אַדאַמיק'ס בוך זיינען געקומען די ניט־וויניגער סענסאַציאָנעלע באַריכטן פון ס. ל. סולצבערגער'ן פון קאַירא אין דער ניו יאָרק טאַימס, אין וועלכע ער האָט אַנטפּלעקט די פאַקטן, וואָס ער האָט פריער ניט געוואָגט צו פאַרעפנטלעכן.

ס'איז קלאָר, אַז די איינינקייט פון אַמעריקע, ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אונטערשטיצן מאַרשאַל טיטאָ אין יוגאָסלאַוויע און די אויפּדעקונג, אַז גענעראַל מיכאַילאָוויטש מיט זיין גלות־רעגירונג זיינען פאַררעטער, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן שונא, איז אַ זיג פאַר אַלע פאַראייניגטע מלוכות. וואָס־זשע זאָלן מיר איצט דענקען וועגן די גרויסע אַמעריקאַנישע צייטונגען, וואָס האַלטן נאָך אַלץ אין איין אַרויסשטעלן דאָס אָפּזאָגן זיך פון מיכאַילאָוויטש'ן אַלס אַ „קלאַפּ" פאַר אַמעריקע און ענגלאַנד און אַלס אַ „באַאומרואיגינדיגן זיג פאַר סטאַלינ'ען"? גראָד אין דער צייט, ווען אָט די שורות ווערן געשריבן, דרוקט די ניו יאָרק טאַימס אַן אַרטיקל פון איר מיליטערישן עקספּערט, הענסאָן באַלדווין, וועלכער באַטראַכט דאָרטן דעם דערפאָלג פון מאַרשאַל טיטאָ אַלס איינע פון די „פיל באַאומרואיגנדיגע טענדענצן", וואָס צעשטערן, פּכלומרשט, „די הויכע האָפענונגען אויף אַ נאָך־

מלחמה'דיגער וועלט, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן נאָך די קאָנפערענצן אין מאָסקווע, קאַירא און טעהעראַן".

האָבן הענסאָן באַלדווין און די ניו יאָרק טאַימס באמת געבויט זייערע האָפענונגען פון טעהעראַן אויף דעם געדאַנק, אַז די גרויסע מאַכטן וועלן זיך פאַראייניגן הינטער מיכאַילאָוויטש'ן אָנשטאָט טיטאָ'ן אין יוגאָסלאַוויע? איז עס אין די אינטערעסן פון אַמעריקע אומעטום צו נעמען אויף אונזערע פּלייצעס דעם קאַמף פאַר די באַנקראָטירטע און דיסקרעדיטירטע אַרויס־העלפער פון היטלעריזם און צוריקברענגען זיי צו דער מאַכט איבער זייערע פעלקער מיט דער הילף פון אונזערע באַיאָנעטן, — איז דאָס אַ טייל פון אונזער קאַמף געגן זייערע אַלטע באַלעבאַטים, די נאַציס? שרעקט זיך אַמעריקע באמת פאַר דעם וואוקס פון אַ קרעפטיגער דעמאָקראַטיע אין איי־ראָפּע, וואָס קאָן פאַראייניגן אין זיך אַלע פּראָגרעסיווע גרופּעס און פּאַרטייען, פון קאַטאָליקן ביז קאָמוניסטן? איז יעדער זיג פון דעמאָקראַטיע אין איי־ראָפּע באמת אַ „קלאַפּ" פאַר אַמעריקע און פאַר ענגלאַנד און אַ „זיג פאַר סטאַלינ'ען"?

אויב אַמעריקע קאָן ניט ענטפערן מיט אַ שאַרפן און קלאָרן „ניין!" אויף די ספּעקולאַציעס פון הענסאָן באַלדווין און פון זיין גלייכן, דעמאָלט וועט טעהעראַן באמת זיין ניט מער ווי אַ פאַרביילויפנדיגע פּאַסירונג אין דער געשיכטע. וואָרים די ליניע פון הענסאָן באַלדווינ'ען און זיין גלייכן פירט דירעקט צום אָנצינדן אַ גרויסן בירגער־קריג אויף די חורבות פון איי־ראָפּ,ע וואָס וועט מוזן אָנהאַלטן און זיך פאַרשטאַרקן אפילו נאָכדעם שוין, ווי דער היטלעריזם וועט באַזיגט ווערן. אין אַזאַ קריג וואָלטן די באַלדווינס צוזאַמענגעבראַכט אַמעריקע און ענגלאַנד מיט די קרעפטן פון דער פעאָדאַלער רעאַקציע און וואָלטן דערמיט גופא געשטויסן די כוחות פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטיע אין אָרעמס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָס וואָלט מיינען, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע זאָלן אויף זיך איבערנעמען די אויפגאַבע, אין וועלכער היטלער איז דורכגעפאַלן, — די אויפגאַבע צו פּרואוון מיליטעריש צעשטערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער צוועק פון דעם טעהעראַנער אָפּמאַך איז אויסדריקלעך געווען צו ליקווידירן דעם געשפּענסט פון מינכען ענדגילטיג און אויף שטענדיג. טעהע־ראַן איז געווען און איז פאַרבליבן נויטיג טאַקע צוליב אָט דער אָפּשאַפונג פון די פּראָבעס אַרויסצושטעלן אַ פּראָ־סאָוועטישע אָריענטאַציע געגן אַ פּראָ־אַנגלאָ־זאַקסישער אָריענטאַציע און פאַרקערט אַלס אַ צעטיילונג־ליניע צווישן די אייראָפּייאישע לענדער. דער צוועק פון טעהעראַן איז צו פאַרבייטן די אַלע שעדלעכע איינשטעלונגען מיט אַן איינציגער פּראָ־אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישער אָריענטאַציע.

אונזערע ביישפּילן פון דער ברייטער פּראָבלעם פון דער רעקאָנסטרוקציע פון אייראָפּע זיינען נענוג, כדי צו פאַרשטיין דעם עצם פון דער פּראָבלעם,

וואָס שטייט אין איר פּאָליטישער פאָרם פאַר גאַנץ אייראָפּע מיט בלויז קליינע אונטערשיידן פאַר דעם אַדער יענעם לאַנד. פאַר דער ציל פון אונזער בוך איז נים נויטיג צו אונטערזוכן די פּראָבלעמען פון יעדן לאַנד באַזונדער.

ס'איז אָבער פאַראַן איין פּונקט, וועלכן עס איז יאָ נויטיג צו דערמאָנען, כדי שאַרף אַרויסצוברענגען די פראַגע וועגן דער רעקאָנסטרוקציע פון אייראָפּע אין ליכט פון די אַמעריקאַנישע אינטערעסן, וואָס דאַרפן רעאַליזירט ווערן אויפן באַדן פון דעם טעהעראַנער אָפּמאַך. דער פּונקט האָט צו טאָן מיט דער אייראָפּייאישער עקאָנאָמיק.

די עקאָנאָמיק פון אייראָפּע איז שוין פאַר דער מלחמה געווען ענג פאַרבונדן דורך אַ סיסטעם פון אינטערנאַציאָנאַלע קאַרטעלן. די דאָזיגע קאַרטעלן־סיסטעם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פאַרשמעלצונג פון דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל מיט דער פעאָדאַלער און האַלב־פעאָדאַלער פּאָליטישער מאַכט. דאָס איז געווען דער הויפּט־קאַנאַל פון דער נאַצישער אַריינדרינגונג אין די שכנישע לענדער נאָך פאַר דער מלחמה, און די דאָזיגע סיסטעם איז נאָכן איינגעמען פון אייראָפּע פולשטענדיג אַריבער אין די הענט פון נאַצי־דייטשלאַנד אַלס דער פונדאַמענט פון זייער „נייער אָרדענונג". געוויסע קרייזן פון ענגלישן און בריטישן קאַפּיטאַל האָבן זיך באַטייליגט אין דער דאָזיגער קאַרטעלן־סיסטעם און האָבן מיט איר אויך אין דער צייט פון דער מלחמה ניט איבערגעריסן אַלע באַציאונגען, האָפנדיג אָפּצו'ירש'ענען דאָס וואָס מען וועט קאָנען ראַטעווען פון דער סיסטעם נאָכדעם ווי היטלער וועט באַזיגט ווערן.

דאָס איז געווען דער הויפּט־איינפלוס, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אַז ענגלאַנד און אַמעריקע זאָלן מאַכן געוויסע פאַרפליכטונגען פריער צו ווישי־פראַנקרייך, און שפּעטער צו גענעראַל פראַנקאָ'ן אין שפּאַניע, צו דער סאַוואָי־דינאַסטיע אין איטאַליע, צו מיכאַילאָוויטש'ן און קעניג פּעטער'ן אין יוגאָסלאַוויע, צו דעם גריכישן קעניג און זיינע פאַשיסטישע ראַטגעבער, צו דער פּוילישער גלות־רעגירונג, א. אז. וו., א. אז. וו. דאָס איז אַן איינפלוס, וואָס איז הונדערט מאָל געפערלעכער איידער טשווירטשיל'ס סענטימענטאַלע צוגעבונדנקייט צו די פּרינציפּן פון מאָנאַרכיזם און לעגיטימיזם. דאָס איז אפשר די הויפּט־שטערונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם צוזאָג פון טעהעראַן.

דער ענטפער אויף דער דאָזיגער האַרבער פּראָבלעם איז ניט די פּראָגראַם פון טראַסט־ברעכעריי, די פאָדערונג אָפּצושאַפן קאַרטעלן, אויף וועלכער דער טיפּישער אַמעריקאַנער ליבעראַל לייגט געוויינלעך אַלע זיינע האָפענונגען. אַזוי לאַנג ווי די קאַפּיטאַליסטישע וועלט־עקאָנאָמיק האַלט זיך, וועט איר הויפּט־שטריך באַשטיין פון גרויסע אָנזאַמלונגען פון מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַלן, וואָס זיינען גרופּירט אין קאַרטעלן. דער איינציגער ווירקלעכער אויסוועג

פון אָט דער לאַגע איז די סאָציאַליסטישע עקאָנאָמישע סיסטעם פון דעם טיף, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געביידע פון דער קאַרטעליזירטער אייראָפּייאישער עקאָנאָמיק קאָן אָבער ניט איבערלעבן די מפּלה פון היטלעריזם און קאָן ניט איבערגענומען ווערן אינגאַנצן, אָדער טיילווייז, דורך דעם אַמעריקאַנישן און בריטישן קאַפּיטאַל. זי מוז פולשטענדיק אויפגעלייזט ווערן, און די אויפשטייגנדיגע דעמאָקראַטיע אין אייראָפּע האַלט זי איצט אין צעשטערן. וואָרים די דאָזיגע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געביידע פון דער אייראָפּייאישער קאַרטעל־סיסטעם איז אינגאַנצן געבויט אויף די צעפוילטע רעשטן פון פעאָדאַליזם, אויף דער שאַרפער אונטערדריקונג פון די אַרבעטער און פּויערים, אויף אַן אַבסאָלוטיזם און טאָטאַליטאַריזם, אויף אַ מיליטערישער קאַסטע־סיסטעם, אויף דער אונטערדריקונג פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, אויף דער גוואַלדזאַמער באַהערשונג און פאַרניכטונג פון גאַנצע פעלקער און מלוכות. די אָפּשאַפונג פון אָט די אַלע רעשטן פון פעאָדאַליזם איז דער עצם פון דער דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעוואָלוציע אין אייראָפּע, זי איז דער אַבסאָלוט־נויטווענדיגער באַגלייטער פון דער צעשטערונג פון דעם היטלעריזם און זי וועט אומפאַרמיידלעך אַרויסרופן אַ ווידער־אויפבוי פון דער אייראָפּייאישער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיק, איינשליסנדיק אויך די קאַרטעלן, אין נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע ראַמען.

ס'איז אַ נאַרישער טעות אָנצונעמען, אַז וועלכע עס איז אַמעריקאַנישע אינטערעסן, אַפילו די אינטערעסן פון דעם אַמעריקאַנער מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל, זיינען אין ווידערשפּרוך מיט דער דאָזיגער נויטיגער פאָלקס־רעוואָלוציע אין אייראָפּע. פאַקטיש איז אָט די פאָלקס־רעוואָלוציע דער איינציגער וועג, דורך וועלכן אייראָפּע קאָן ווערן דער מאַרק, וועלכער איז אַבסאָלוט נויטיג, כדי די אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק זאָל זיך קאָנען איינהאַלטן אויף איר איצטיגן קאַפּיטאַליסטישן באַזיס. די אַלטע „מינכענער" אייראָפּע מוז איבערגיין אין באַנקראָט־געריכט פון דער געשיכטע און אַ נייע, דעמאָקראַטישע אייראָפּע מוז זי אָפּ'ירשנ'ען, שוין צוליב דעם אַליין אַפילו, וואָס בלויז אַ נייע דעמאָקראַטישע אייראָפּע וועט זיין בכוח צו קויפן און פאַרקויפן אויפן וועלט־מאַרק און צאָלן אירע וועקסלען אויף אַן אופן און אין אַ מאָס, וואָס איז נויטיג, אַז זי זאָל זיך צוזאַמען מיט אַמעריקע אַריינפּאַסן אין איין וועלט־אָרדענונג.

אויב מען וויל אויסדריקן די דאָזיגע פּראָבלעם אין איר סאַמע פּשוטסטער פאָרם, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך אַפילו פאַר דעם פאַרנומענסטן און אומוויסנדיגסטן מעקלער אויף דער בערזע, קאָן מען זאָגן, אַז די פּראָבלעם פון דער קומענדיגער אייראָפּע ווערט אַמבעסטן סימבאָליזירט דורך דעם וואַרשיינלעכן היינטיגן מאַרק־ווערט פון מיכאַילאָוויטשעס באָנדס, פאַר וועלכע קיינער וואָלט היינט ניט געגעבן אַפילו קיין פּעני, בעת דער ווערט

פון באַנדס, וואָס טיטאָ וואָלט אַרויסגעלאָזן, וואָלט זיך געענדערט בלויז אין די ראַמען פון דעם, ווי דער באַנד־מאַרק אורטיילט וועגן די פּראָבלעמען פון אייראָפּע. וואָרים עס איז קלאָר, אַז אויב אייראָפּע וועט געלינגען אויסמיידן אַ האַלבן יאָרהונדערט פון כאַאָס, וועט טיטאָ׳ס קרעדיט אויף דער אַמעריקאַנער פינאַנץ־בערזע שטיין פיל העכער, איידער וועלכער עס איז נאָמען אין די נאַצי־אָקופּירטע לענדער. דאָס איז זייער אַ קאָנקרעטע מאָס צו באַשטימען וואו עס ליגן די אמת׳ע אינטערעסן פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַל בנוגע די פּראָבלעמען פון אייראָפּע, פון איר באַפרייאונג און פון איר ווידער־אויפבוי.

קאַפּיטל זעקס

די נאַציאָנלע באַפרייאונג אין אַזיע

Dי שטריכן פון אַ ברייטער פּראָגראַם פאַר אַזיע האָבן זיך גענומען ווייזן צוזאַמען מיט דער פאַרעפנטלעכונג פון דעם פאַראייניגטע קאָמוניקאַט פון דער קאַירער קאָנפערענץ צווישן רוזוועלט׳ן, טשאַינג קאַי־שעק׳ן און טשוירטשיל׳ן.

יאַפּאַן דאַרף פאַרלירן אַלע טעריטאָריעס, וואָס זי האָט פאַרכאַפּט דורך אַ מיליטערישער אַגרעסיע. די טעריטאָריעס, וואָס זי האָט באַרויבט פון כינע, דאַרפן צוריקגעקערט ווערן צו דער כינעזישער רעפּובליק. קאָרייע דאַרף ווערן פריי און אומאָפּהענגיג. „האָבנדיג די דאָזיגע אויפגאַבן אין זינען, וועלן די דריי עלאַיס, אין הסכם מיט די פון די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס זיינען אין קריג מיט יאַפּאַן, אָנהאַלטן אויף ווייטער די ערנסטע און דויערהאַפטיגע אָפּעראַציעס, וואָס זיינען נויטיג צו ברענגען צו דעם אומקאָנדיציאָנעלן אונטערגעבן זיך פון יאַפּאַן.״

דאָס איז דער עצם פון דער קאַירער קאָנפערענץ.

דער דאָזיגער אָפּמאַך האָט צו זיך אַלס צוגאָב די פעסטגעשטעלטע פּראָגראַם פון די פאַראייניגטע שטאַטן וועגן אַ פרייער און אומאָפּהענגיגער פיליפּינער רעפּובליק, דעם אָפּזאָג מצד ענגלאַנד און אַמעריקע פון זייערע עקס־טעריטאָריעלע רעכט אין כינע, די אָפּשאַפונג פון די „ניט־גלייכע אָפּמאַכן״, וואָס האָבן אַ לאַנגע צייט געשטערט און פאַרקריפּלט די נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג פון כינע.

אינגאַנצן אומפאַרענטפערט פאַרבלייבן נאָך אַלץ די פּראָבלעמען וועגן דעם קומענדיגן סטאַטוס פון מער ווי אַ העלפט פון אַזיע, — פון אינדיע, בורמע, אינדאָנעזיע, די מאַלאַישע שטאַטן און אינדאָכינע, — לענדער מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער אַ האַלבן ביליאָן מענטשן.

מען קאָן פולשטענדיג אָננעמען, אַז די קאַירער קאָנפערענץ האָט איינ־געשטעלט אַ געוויסן מיניִמום פון אַ שותפות׳דיגער פראָגראַם, וועלכע איז נויטיג צוליב דעם מיליטערישן זיג איבער יאַפאַן, וואָרים די פראָגראַם פון באַזיגן נאַצי־דייטשלאַנד איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אין טעהעראַן.

אָבער מען קאָן ניט אָננעמען, אַז די באַשלוסן פון קאַירא זיינען גענוג אויף איינצושטעלן פאַר אַזיע דעם שלום און די לאַנג־טערמיניגע נאָך־מלחמה׳דיגע אויסזיכט פון אינטערנאַציאָנאַלער אָרדענונג, וואָס בילדעט דעם עצם פון דער טעהעראַנער קאָנפערענץ.

עס איז אַבסאָלוט אוממעגלעך, אַז אַזיע זאָל נאָך דער מפלה פון יאַפאַן קאָנען סטאַביליזירט ווערן אין אַ וועלכער עס איז פאָרם פון אַ צוריק־געשטעלטער פאַר־מלחמה׳דיגער סיסטעם פון קאָלאָניאַלע אימפּעריעס. אַ נייע אַזיע פאַרלאַנגט די אַנטשטייאונג פון פרייע און אומאָפּהענגיגע נאַציאָנאַלע מלוכות, וואָס נעמען אַריין אַלע הויפּט־פעלקער פון דעם קאָנטינענט און זיינען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש איינגעשלאָסן אין דעם הויפּט־שטראָם פון דער וועלט־אַנטוויקלונג.

אַזוי לאַנג ווי די דאָזיגע אויסזיכט ווערט ניט אַרויסגעשטעלט דורך די גרויסע מלוכות, בלייבן מיר אַלץ פאַר דער געפאַר, אַז די אַזיאַטישע פעלקער, וואָס וועלן באַפרייט ווערן פון אונטער דעם יאַפּאַנישן יאָך, וועלן ווידער באַהערשט ווערן דורך דער אַלטער אייראָפּייאישער קאָלאָניאַלער סיסטעם; דערמיט ווערט צוריקגעוואָרפן דער געדאַנק וועגן דער שותפות פון די אַזיאַטישע פעלקער אין דער נאָך־מלחמה׳דיגער וועלט און מען שלאָגט זיי פאָר אַלס באַלוינונג פאַר זייער אָנטייל אין העלפן באַזיגן יאַפאַן בלויז דעם צווייפלהאַפטן צוזאָג, אַז „בעסערע הערשער" וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון „ערגערע הערשער".

קלאָר, אַז דאָס אַנטשפּרעכט ניט די בעסטע אינטערעסן פון אַמעריקע. אונזער לאַנד מוז אויף זיך טראָגן די הויפּט־לאַסט פון דער מלחמה קעגן יאַפאַן. די אויסזיכט, אַז נאָך אונזער זיג איבער יאַפאַן וועט צוריקגעשטעלט ווערן די אַלטע קאָלאָניאַלע סיסטעם, מאַכט די דאָזיגע לאַסט פיל מאָל שווערער. אָבער אויב אַזאַ אויפגעלעבטע קאָלאָניאַלע סיסטעם זאָל באמת ווידער אויפגעשטעלט ווערן, וועט עס ניט קאָנען זיין אין די אינטערעסן פון אַמעריקע, — אפילו ניט אין די אינטערעסן פון דעם אַמעריקאַנער מאָנאָ־פּאָליסטישן קאַפּיטאַל.

צוליב וואָס־זשע שלעפּן מיר נאָך אַלץ אויף זיך די דאָזיגע שווערע און אומנוצלעכע לאַסט?

אַזוי ווי ס׳איז דאָך אוממײַדלעך, אַז נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיגקייט זאָל סוף כל סוף געגעבן ווערן די אַזיאַטישע פעלקער, פרעגט זיך: פאַרוואָס ניט געבן זיי די דאָזיגע הנחה איצט, ווען דאָס וואָלט אַראָפּגענומען פון אונזערע פּלייצעס אַ באַדייטנדיגן טייל פון דער לאַסט, וואָס מיר טראָגן

אויף זיך אין דער מלחמה אויפן פאסיפיק? פארוואס ניט מאביליזירן די אומצייליגע מיליאנען פון די אזיאטישע פעלקער אין קאמף פאר זייער אייגענער באפרייאונג? זאלן די מזרח־פעלקער פארדינען זייער פרייהייט אין קאמף געגן יאפאן, ווי כינע טוט עס, כדי זיי זאלן עס ניט דארפן פאר־דינען שפעטער אין קאמף געגן די פאראייניגטע מלוכות.

אויף דער דאזיגער פראגע איז פאראן א סקארבאווער ענטפער: אז די פראבלעמען פון דער נאציאנאלער באפרייאונג אין אזיע זיינען אזוי קאמ־פליצירט און שווער, אז זיי קאנען בשום אופן ניט געלייזט ווערן אין מיטן דער מלחמה און מוזן אפגעלייגט ווערן אויף שפעטער, ווען דער זיג וועט געוואונען ווערן און מען וועט זיך קאנען רואיג און זאכלעך פארנעמען מיט זיי. אבער די אזיאטישע פעלקער קאנען אבסאלוט ניט אננעמען אזא ענטפער.

נאך וויכטיגער פאר דער שטעלונג פון אמעריקע אין דער דאזיגער פראגע איז אבער דאס, וואס אזא ענטפער איז פולשטענדיג אומאננעמבאר אויך פארן פאלק פון די פאראייניגטע שטאטן.

כדי צו מאכן די דאזיגע פראבלעם אזוי קלאר און שארף ווי מעגלעך, לאמיר דא באטראכטן איר סאמע עצם, וואס איז פארבונדן מיט דער אמערי־קאנישער און מיט דער וועלט־עקאנאמיק, און לאמיר דערווייל דורכלאזן אלע אנדערע זייטן פון דער פראבלעם, וואס זיינען פארטונקלט דורך אידעאלאגישע דיפערענצן און פאראורטיילן.

וואס זיינען די עקאנאמישע פאקטארן, וואס מאכן, אז אמעריקע זאל ניט קאנען איינשטימען מיט א פראגראם פון צוריק אויפשטעלן אין אזיע די אלטע קאלאניאלע סיסטעם? דער הויפט־פונקט באשטייט אין דעם, וואס אמעריקע, וועלכע פארמאגט איצט די סאמע שטארקסטע קאפיטאליסטישע ווירטשאפט אין דער וועלט, נויטיגט זיך פאר איר פראדוקציע אין קאלאסאלע נאך־מלחמה־דיגע מערק, און די וויכטיגסטע מעגלעכקייטן פאר אזעלכע מערק געפינען זיך אין אזיע. די דאזיגע מערק מוזן זיין פון א פארנעם, וועגן וועלכן מען האט פריער אפילו ניט געחלומט, און וואס קאנען יערלעך פאר־ברויכן אויף צענדליגער ביליאנען דאלער. אן אזעלכע מערק וועט אמעריקע ניט קאנען אנגיין ווייטער מיט איר ווירטשאפט. די שנעלע אנטוויקלונג פון אזעלכע מערק באלד ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגן, איז א פראגע פון לעבן און טויט פאר דעם אנגענומענעם אמעריקאנער „אופן פון לעבן".

אונטער א צוריקגעשטעלטער קאלאניאלער סיסטעם קאן אזיע אפילו ניט אנהויבן אויסבילדן קיין קליינעם טייל פון דעם מארק, אין וועלכן אמע־ריקע נויטיגט זיך. ווארים א קאלאניאלע אזיע, אן אזיע וואס איז ווי פריער צעטיילט אין א מאסע קאלאניעס פון אייראפע, וואלט מוזן פארבלייבן אן ארעמער, אפגעשטאנענער, אגרארישער קאנטינענט, א רעזערוואר פון ביליגער ארבעט־קראפט און פון ביליגן רויווארג פאר אנדערע מערק, — און דורך דעם גופא אויסגעשלאסן ווערן פון דער מעגלעכקייט צו אנטוויקלען

זיך אין אַ מאַרק, אין וועלכן אַמעריקע נויטיגט זיך און וואָס קאָן אַריינ־נעמען יעדן יאָר אויף ביליאָנען דאָלער פּראָדוקטן פון אונזער שווערער אינ־דוסטריע. די איינציגע אויסזיכט צו קאָנען באַזאָרגן אַמעריקע מיט די מערק, אין וועלכע מיר נויטיגן זיך, איז אויב אַזיע וועט זיך שנעל מאָדערניזירן און אינדוסטריאַליזירן.

אויב עפּעס איז דערוויזן געוואָרן אין דער עקאָנאָמישער דערפאַרונג פון דער וועלט אויסער יעדן צווייפל, איז עס דער פאַקט, אַז אַ קאָלאָניאַלער רעזשים איז אַ טויט־געפאַר פון אַ מאָדערנער דורכאויסיגער אינדוסטריאַלי־זאַציע. קיין שום לאַנד האָט קיינמאָל נים דערגרייכט און קאָן ניט דערגרייכן איר אינדוסטריאַליזאַציע אַנדערש ווי אויפן באָדן פון אומאָפּהענגיגקייט, אייניגקייט און זעלבסט־באַשטימונג.

אויב אַמעריקע וויל קריגן אַ גרויסן מאַרק אין אַזיע פאַר אירע פּראָ־דוקטן נאָך דער מלחמה, מוז זי צוליב דעם פאַרלאַנגען די אָפּשאַפונג פון דער קאָלאָניאַלער סיסטעם און די איינשטעלונג אויף איר פּלאַץ פון אַ סיסטעם פון פרייע, זעלבסט־רעגירנדיגע, פאַראייניגטע מלוכות. קאָלאָניאַלע און האַלב־קאָלאָניאַלע לענדער קאָנען בילדן בלויז ענגע און באַגרענעצטע מערק, בעת אומאָפּהענגיגע, זעלבסט־רעגירנדיגע מלוכות בילדן אוים וואַקסנ־דיגע מערק.

די אַמעריקאַנער עקאָנאָמישע אינטערעסן מוזן באַאיינפלוסן אונזער שטעלונג צו די אינעווייניגסטע פּאָליטישע גרופּירונגען פון די אַזיאַטישע פעלקער. אָננעמענדיג אומקאָנדיציאָנעל דעם פּרינציפּ פון זעלבסט־באַשטימונג און זעלבסט־רעגירונג פאַר די דאָזיגע פעלקער אין זייער אינערלעכן לעבן, איז עס אָבער אויך אומפאַרמיידלעך, אַז אַמעריקע זאָל זיין שטאַרק פאַר־אינטערעסירט אין דעם, וואָס פאַר אַן אינערלעכן רעזשים יעדער פון אָט די פעלקער פירט איין. און אויך אין דעם פּרט געפינען מיר דעם ריכטיגן וועג ווען מיר האַלטן זיך אָן די אינטערעסן פון אַ וואַקסנדיגן מאַרק.

לאָמיר פון אָט דעם שטאַנדפּונקט אין קורצן באַטראַכטן די אינערלעכע פּראָבלעמען פון כינע. די רעפּובליקאַנישע כינע איז שאַרף צעטיילט אויף צוויי לאַגערן, וועלכע די ציימונגען באַצייכענען אַלס „קואָמינטאַנגיש" און „קאָמוניסטיש", אַלס „קאָנסערוואַטיוו" און „ראַדיקאַל". אַזאַ באַשרייבונג גייט אַרוים פון דער הנחה, אַז אונזער קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע פילט, אַז אירע אינטערעסן זיינען אַמבעסטן פאַרטראָטן דורך דעם „קואָמינטאַנג" און דער „קאָנסערוואַטיווער" כינע, און אַז זי מוז קוקן שלעכט אויף דער „קאָמוניסטישער", אָדער „ראַדיקאַלער" כינע. אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל האָבן מיר שוין באַוויזן, אַז די דאָזיגע טעאָריע האַלט ניט אוים ניט אויפן פּאָליטישן, ינט אויפן מיליטערשן געבט. און עקאָנאָמישע חשבונות העלפן נאָך מער צו באַזייטיגן די דאָזיגע אַלטע איינרעדענישן און פאַראורטיילן.

עס איז לייכט צו דערווייזן, אַז די עקאָנאָמישע פּאָליטיק, וואָס איז

כאראקטעריסטיש פאר דער „קאָמינטאנג"־כינע, איז היינט אזא, וואָס איז געגן דעם אינטערעס פון אמעריקע אין א וואקסנדיגן כינעזישן מארק, בעת די עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער „קאָמוניסטישער" כינע איז אזא, וואָס איז זייער גינסטיג פאר דער אויסברייטערונג פון דעם מארק. דער אנטי־דעמאָקראטישער, אבסאָלוטיסטישער אינערלעכער רעזשים פון דער „קאָמינ־טאנג"־כינע איז געבויט אויף אן עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס קולטיווירט לענדלאָרדיזם, ספעקולאציע, מארק־מאָנאָפּאָליעס, וואוכעריי און אלע מינים פּראָפיטירער, וואָס מאכן זייערע פּראָפיטן ניט דורך דער אויסברייטערונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן, נאָר דורך פּאראזיטישן איינזויגן זיך אין אים. אָבער דער דעמאָקראטישער אינערלעכער רעזשים פון דעם נאָרד־וועסטלעכן גרענעץ־ראיאָן, פון דער אזוי־גערופענער „קאָמוניסטישער" כינע, איז גע־בויט אויף אן עקאָנאָמישער פּאָליטיק, וואָס באגרענעצט און פארקלענערט די לאנד־באזיצערישע עקספּלואטאציע, פארבאָט ספעקולאציעס, דאָס אויס־באהאלטן פון סחורות און די באגרענעצונג פון מארק, גיט א פרייע האנט דעם עקאָנאָמישן אונטערנעמונג־גייסט אויף א פּראָדוקטיווער באזע, שאפט־אָפּ די וואוכער־געשעפטן און דערמוטיגט די וואָס ווילן מאכן פּראָפיטן בלויז דורך דער אויסשפרייטונג פון דער פּראָדוקציע און אין אזעלכע פאָרמען, וואָס העלפן הויבן דעם עקאָנאָמישן צושטאנד פון דער גאנצער געזעלשאפט. איז דאָס אלזאָ א „ריין־היימישע פראגע" פון כינע, בנוגע וועלכער אמעריקע טאָר ניט נעמען קיין שטעלונג?

אמעריקע באזאָרגט איצט און וועט איניגיכן באזאָרגן אין א פיל גרע־סערער צאָל געווער און אמוניציע פאר דער כינעזישער רעפּובליק. איז עס באמת ניט אונזער עסק, צי דאָס דאָזיגע געווער ווערט פארנוצט אינגאנצן און אויסשליסלעך געגן די יאפּאנעזער, אָדער א גרויסער טייל פון דעם ווערט באשטימט אויסגענוצט צו ווערן געגן א געוויסן טייל פון דעם כינעזישן פאָלק גופא, וואָס זיין פּאָליטיק שטימט גראָד אמבעסטן מיט די אמעריקאנישע עקאָנאָמישע אינטערעסן?

אמעריקע באזאָרגט די כינעזישע רעפּובליק מיט הלוואות פון הונדערטער מלייאָנען דאָלער, — און דער אָפיציעלער צוועק פון דעם איז צו סטאביליזירן די כינעזישע וואליוטע. איז עס טאקע ניט אונזער עסק, אויב די דאָזיגע סומען ווערן פארברויכט אויף ספעקולירן מיט שפּייז־פּראָדוקטן, אויף ארויס־צוגעבן וואוכער־הלוואות, אויף מאניפּולאציעס מיט דער וואליוטע, וואָס שאפן הונדערטער נייע מולטי־מיליאָנערן און שטויסן ארויס די אָרטיגע קאפּיטאלן פון פּראָדוקטיווע באשעפטיגונגען און צווינגען ארויף אויפן כינעזישן פאָלק א צעווילדעוועטע אינפלאציע?

אמעריקע גרייט זיך צו אנטלייען כינע נאָך דער מלחמה ביליאָנען דאָלערס פאר אינדוסטריאליזאציע־צוועקן. קאָן מען זאָגן, אז אונז גייט ניט אָן, וואָס אין שפּיץ פון דער כינעזישער רעגירונג שטייען מענטשן, וואָס

וואַרפן צוריק דעם גאַנצן באַגריף וועגן אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס באַזייגען דעם פּאַרצייטיגן כינעזישן פעאָדאַליזם אַלס די „גאָלדענע עפּאָכע”, צו וועלכער כינע מוז זיך צוריקקערן, און וואָס זעען די אורזאַך פון אַלע צרות פון כינע אין דער „אינוואַזיע” פון כינע, דורך „פרעמדע” איינפלוסן פון דעמאָקראַטיע און וויסנשאַפט?

עס איז קלאָר אויסער יעדן צווייפל, אַז אויב אַמעריקע וויל האָבן וועלכע עס איז באַציאונגען מיט כינע, מוזן מיר אומפאַרמיידלעך באַטראַכטן די אַלע אויבנדערמאָנטע פּראָבלעמען, ווי זאַכן, וואָס גייען אונז שטאַרק אָן. מיר מוזן נעמען אַ שטעלונג צו זיי. און דאָס איז באַזונדערס נויטיג שוין דערפאַר אַליין, ווייל די פּאָליטיק, וואָס דריקט אויס די בעסטע אינטערעסן פון אַמעריקע אין כינע, איז אין דער זעלביגער צייט אַ פּאָליטיק, וואָס פירט צו אַ וואַקסנדיגן סטאַנדאַרט פון לעבן און פון אַן אויסגעברייטערטער דעמאָקראַטישער זעלבסט־רעגירונג פאַר די הונדערטער מיליאָנען פון דעם כינעזישן פאָלק.

דער עצם פון דער פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, איז דער זעלביגער פאַר גאַנץ אַזיע. ער אונטערשיידט זיך פון איין לאַנד ביזן צווייטן בלויז אין דער פאָרם, ווי די פּראָבלעם ווערט געשטעלט.

אין אינדאָ־כינע, מאַלאַיאַ, בורמאַ און אינדאָנעזיע ווערן די גרונט־פּראָבלעמען פאַרשטעלט דורך די אינטערעסן פון דער פראַנצויזישער, האָלענדישער און בריטישער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. ס'איז קלאָר, אַז אַמעריקע וועט ניט און קאָן ניט אָנפירן איר מלחמה ביז אַ זיג אין פּאַסיפיק בלויז כדי צוריק אויפצושטעלן די אַלטע, קאָרופּטע, אויף דורך און דורכגעפוילטע קאָלאָניאַלע סיסטעם. און עס ווערט אַלץ קלאָרער, אַז די דאָזיגע פּראָבלעם קאָן ניט אָפּגעשטופּט ווערן ביז אויף נאָך דער מלחמה, וואָרים דאָס וועט מוזן פאַרגרעסערן די קאָסטן פון נצחון פיל מער, וויפיל מיר קאָנען פאַרטראָגן.

אינדיע, דער איינציגער טייל פון דעם קאָלאָניאַלן וווייט־מזרח'דיגן הויפּטלאַנד, וואָס איז ניט אַריינגעפאַלן אין די יאַפּאַנישע הענט בעת זייערע ערשטע פאַרכאַפּונג־זיגן, דריקט אויס די דאָזיגע גרונט־פּראָבלעם אין איר קאָמפּליצירטסטער פאָרם. דאָ האָבן מיר פאַר זיך אַ בילד פון באַוואָפנטע אַמעריקאַנער כוחות, וואָס געפינען זיך אין אינדיע ניט נאָר דירעקט אויף אָפּצושטויסן דעם געמיינעם יאַפּאַנישן שונא און צוצוגרייטן דעם צוריקקער פון די פאַרכאַפּטע לענדער; נאָר זיי דינען דאָרטן אויך כדי צו פאַרשטאַרקן געגן די אַמעריקאַנער אינטערעסן די בריטישע קאָלאָניאַלע הערשאַפט, וועלכע איז פּונקט אַזוי פאַרעלטערט, צעפוילט און שעדלעך ווי די, וואָס די יאַפּאַ־נעזער האָבן צעשמעטערט מיט זייערע ערשטע קלעפּ אין סינגאַפּור און אין דעם רעשט פון ווייטן מזרח.

ניט אַריינלאָזנדיג זיך אין קיין שום פּרטים וועגן די פּראָבלעמען פון דער בריטיש־האָלענדיש־פראַנצויזישער קאָלאָניאַלער אימפּעריע אין אַזיאַטישן

ווייטן־מזרח, איז אָבער קלאָר, אַז יעדע האָפענונג אויף אַן אָרדענונג־מעסיגער, פרידלעכער לייזונג פון די דאָזיגע פּראָבלעמען נאָך דעם זיג איבער דייטשלאַנד און איבער יאַפּאַן הענגט אָפּ פון דעם, צי עס וועט מעגלעך זיין צונויפצוברענגען די בריטישע און די אַמעריקאַנישע אינטערעסן אונטער איין שותּפות׳דיגער פּאָליטיק, וואָס זאָל אין דער זעלביגער צייט אויפבינדן די קרעפטן פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג־באַוועגונג פון די אַזיאַטישע פעלקער.

די הויפּט־אורזאַך פאַרוואָס די ענגלענדער קלאַמערן זיך אַזוי איינגעשפּאַרט אין זייער אָפּגעלעבטער קאָלאָניאַלער סיסטעם ליגט ניט אין דעם כלומרשט־איינגעבוירענעם קאָנסערוואַטיזם פון דעם בריטישן כאַראַקטער און אין זיין אומפייאינקייט צו וועלכע עס איז ענדערונגען. ניכער ליגט די אורזאַך אין דעם, וואָס די ענגלענדער זעען פאַר זיך ניט קיין שום אַנדער מיטל, וואָס זאָל זיי העלפן ניט פאַרפּלייצט צו ווערן דורך די גיגאַנטישע כּוחות פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם. די בריטישע קאַפּיטאַליסטן קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן ווי זיי וועלן קאָנען דערפאָלגרייך קאָנקורירן מיט די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אין אַ וועלט פון פרייע מערק, אויב זיי וועלן נאָך דער מלחמה פאַרלירן זייער פריערדיגע קאָלאָניאַלע מאָנאָפּאָליע. דאָס איז שוין אַן אַלטע מורא ביי די בריטישע קאַפּיטאַליסטן, און די דאָזיגע מורא זייערע האָט זיך הונדערטפאַך פאַרגרעסערט דורך דער מערקווירדיגער אויסשפּרייטונג פון דעם אַמעריקאַנער פּראָדוקציע־אַפּאַראַט אין דער צייט פון דער מלחמה. אויב מען וועט ניט געפינען קיין וועג ווי אַזוי די דאָזיגע גוט־באַגרינדעטע מורא פון דעם בריטישן קאַפּיטאַל זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן, וועט ניט זיין די מינדסטע אויסזיכט, אַז מיר זאָלן קאָנען אויסבילדן מיט זיי אַ שותּפות־דיגע לאַנג־טערמיניגע פּאָליטיק בנוגע אַזיע.

אַ שותּפות׳דיגע בריטיש־אַמעריקאַנישע פּאָליטישע ליניע, וואָס האָט דעם ציל צו סטאַביליזירן אַזיע, קאָן געבויט ווערן בלויז אויף אַ הסכּם צווישן זיי, וואָס וועט באַגרענעצן די פרייע קאָנקורענץ צווישן זיי אויפן וועלט־מאַרק און וועט גאַראַנטירן דער עקאָנאָמיש־שוואַכערער מאַכט,—ענגלאַנד,—אַ געוויסן פּראָפּאָרציאָנעלן חלק פון דעם וועלט־מאַרק. אָן אַזאַ גאַראַנטיע וועט זיך די שוואַכערע מאַכט בשום אופן פרייוויליג ניט אָפּזאָגן פון אירע היסטאָרישע תּביעות אויף אַ קאָלאָניאַלער מאָנאָפּאָליע, און אָן אַזאַ אָפּזאָגן זיך איז ניטאָ די מינדסטע אויסזיכט אויף אַ לענגערן פּעריאָד פון שלום.

אָבער אַפילו אַזאַ הסכּם צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע קאָן אַליין ניט באַזאָרגן די ראַמען פון דער סטאַביליזאַציע אין אַזיע. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דירעקט ניט פאַרמישט אין דעם ווייט־מזרח׳דיגן טייל פון דער וועלט־מלחמה, אָבער ער איז און פאַרבלייבט איינע פון די גרעסטע מלוכות אין אַזיע. זיין אַקטיווע מיטאַרבעטערשאַפט אין יעדן לאַנג־טערמיניגן פּלאַן פון אַזיאַטישע באַציאונגען איז דעריבער אומבאַדינגט נויטיג. די ענגליש־

אמעריקאַנישע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָגראַם פאַר אזיע מוז זיין פון אזאַ כאַראַקטער, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל זיך קאָנען אונטערשרייבן און באַטייליגן אין איר. אזאַ פּאָליטישער און עקאָנאָמישער הסכם, וואָס וואָלט פאַרמולירט און שוין איצט פאַרעפנטלעכט געוואָרן, וואָלט געבראַכט דער וועלט אַ סך און אומגעהויערע נוצן. ער וואָלט קודם־כל צונישט געמאַכט דעם לאָזונג פון די יאַפּאַנישע באַנדיטן וועגן „אזיע פאַר די אזיאַטן".

ער וואָלט תיכף אָנגעהויבן מאָביליזירן די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג־באַוועגונגען איבער גאַנץ אזיע אַלס אונזערע אַקטיווע שותפים אין דער מלחמה.

ער וואָלט אויפגעלייזט די שאַרפסטע ווידערשפּרוכן צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע, — ווידערשפּרוכן, וואָס שטערן דער אַנטוויקלונג פון אונזערער אַ שותפות'דיגער סטראַטעגיע און טאַקטיק אויף דעם געביט פון דעם פּאַסיפיק.

עס וואָלט געהאָלפן דער פאַראייניגונג און דער דעמאָקראַטיזירונג פון כינע און פון די אַנדערע אזיאַטישע לענדער און וואָלט זיי צוגעגרייט פאַר אַ ווירקזאַמער, גרויסצוגיגער אינדוסטריאַליזאַציע־פּראָגראַם, וואָס זאָל זיך אָנהויבן באַלד נאָך דעם נצחון איבערן שונא.

ער וואָלט איינגעשטעלט אַ פונדאַמענט, אויף וועלכן אויך דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָלט געקאָנט אַריינגעצויגן ווערן אין דער אַקטיווער מיטאַרבעטער־שאַפט פאַר דער סטאַביליזירונג פון דעם ווייטן מזרח.

ער וואָלט געשאַפן די נויטיגע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פאַר־באַדינגונגען סיי אין אזיע און סיי אין אייראָפּע, פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם צוזאָג פון טעהעראַן צו פאַריאָגן דעם שרעקלעכן אומגליק פון דער מלחמה פון גאָר דער וועלט אויף לאַנגע, לאַנגע דורות.

קאַפּיטל זיבן

אַפריקע און דער נאָענטער מזרח

אַפריקע פאַרבלייבט ביז איצט דער אומקלאָרסטער פונקט פאַר אַ לאַנג־טערמיניגער וועלט־פּאָליטיק. אין איר איצטיגן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן סטאַטוס געפינען מיר ניט קיין איין וויכטיגן פאַקטאָר, וואָס פירט צו אַ שטאַנדהאַפטיגער אָרדענונג. ניט אַריינלאָזנדיג זיך אין דעם גאַנצן פּלאָנטער פון די פּרטים פון דעם בילד, וואָס אַפריקע שטעלט מיט זיך פאַר, לוינט זיך פונדעסטוועגן צו זען, צי עס איז פאַר אַמעריקע מעגלעך צו האָבן אַ לאַנג־טערמיניגע פּאָליטיק, וואָס איר ציל איז צו לעזן איינינגע פון די וויכטיגסטע ווידערשפּרוכן.

די הויפּט־מאַסע פון דער אַפריקאַנישער טעריטאָריע און פון איר באַ־פעלקערונג איז איינגעשלאָסן אין דער בריטישער און אין דער פראַנצויזישער

קאָלאָניאַל־סיסטעם. די דאָזיגע סיסטעם ווידערשפּרעכט די אינטערעסן פון אַמעריקע, האָט זיכער ניט די סימפּאַטיע פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און איז פאַרהאַסט אין כינע. אין דער זעלביגער צייט דריקט די סיסטעם אויף אַ באַפעלקערונג פון אַ 150 מיליאָן מענטשן, האַלט אַ רייכן קאָנטינענט אין אַ צושטאַנד פון עקסטרעמער אָרעמקייט און שטערט יעדער אַנטוויקלונג אין דער ריכטונג פון דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיגקייט.

די גאַנצע לאַגע אין אַפריקע ווערט כאַראַקטעריזירט מיט איין וואָרט: ניט־שטאַנדהאַפטיגקייט. קוקנדיג אויף אַפריקע פון דעם שטאַנדפּונקט פון די אַמעריקאַנישע אינטערעסן אין די ראַמען פון דעם טעהעראַנער אָפּמאַך און פון דער וועלט־פּערספּעקטיווע בכלל, מוז אַמעריקע האָבן אירע אַן אייגענע פּאָליטיק בנוגע אַפריקע, — נאָר ביז איצט האָט זי ניט אַזאַ פּאָליטיק. אַמעריקע האָט זיכער וואָס בייצוטראָגן כדי צו באַשטימען די פאָרם און אינהאַלט פון דער אומפאַרמיידלעכער ענדערונג פון דער לאַגע פון אַפריקע אין שייכות צו דער אַרומיגער וועלט און צו איר אייגענער אינערלעכער רעאָרגאַניזאַציע. אָבער עס איז נאָך אַלץ ניט באַשטימט אין וואָס די אַמעריקאַנער פּאָליטיק דאַרף באַשטיין.

איך גלויב, אַז ס'איז ניט נויטיג צו פאַרלירן אַ סך ווערטער, כדי אָפּצוּוואַרפן דעם געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט, אַז אַמעריקע זאָל זיך אויך אַריינשפּאַרן אין דער אַפריקאַנער קאָלאָניאַלער סיסטעם זייט ביי זייט מיט ענגלאַנד און פראַנקרייך. דאָס איז געווען די ראָל, וואָס דייטשלאַנד האָט געזוכט צו שפּילן אין משך פון דעם 20טן יאָרהונדערט און וואָס האָט אַ סך מיטגעהאָלפן צו ברענגען די וועלט צו איר היינטיגן חורבן. יעדנפאַלס איז אַזאַ געדאַנק אַזוי קלאָר געגן די אַמעריקאַנער אינטערעסן און אידעאַלאָגיעס, אַז מען קאָן אים איגנאָרירן.

כדי אַן אַמעריקאַנישע פּאָליטיק בנוגע אַפריקע זאָל האָבן אַ פּראַקטישן ווערט, מוז זי פאַרמאָגן געוויסע שטריכן, וואָס מיר קאָנען שוין איצט באַשטימען מיט אַ געוויסן גראַד פּינקטלעכקייט. דאָס דאַרף זיין אַ פּאָליטיק, וואָס ווערט מעגלעך גראָד דורך דעם, וואָס אַמעריקע באַטייליגט זיך אין איר. דאָס מיינט, אַז אַמעריקע דאַרף העלפן אויפהויבן די אַפריקאַנישע פּראָבלעמען אויף אַ העכערן גראַד דורך דעם אַקט גופא פון באַטייליגן זיך אין זייער לעזונג און דורך מאַכן דערצו אַ בייטראָג, וואָס אַנדערע מאַכן ניט. דאָס דאַרף זיין אַ פּאָליטיק, וואָס שוואַכט ניט אָפּ די רעלאַטיווע פּאָזיציע פון ענגלאַנד און פראַנקרייך בנוגע אַמעריקע סיי אין דער וועלט בכלל, סיי ספּעציעל אין אַפריקע. און דאָס מוז, ענדלעך, זיין אַ פּאָליטיק, וואָס וועט תיכף ברענגען אין באַוועגונג דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פאָרשריט פון די אַפריקאַנער פעלקער גופא. בלויז אַזאַ פּאָליטיק, וואָס אַנטשפּרעכט די אַלע דריי פאָדערונגען, קאָן באַטראַכט ווערן אַלס אַ ווירקזאַמע אַמעריקאַנער פּאָליטיק בנוגע אַפריקע.

וואָס אזוינס קאָן אַמעריקע ביישטייערן, וואָס זאָל ווארפן א נייע ליכט אויף אַלע אפריקאַנישע פּראָבלעמען? אַמעריקע קאָן זיך באַטייליקן אין א גיגאַנטישער פּראָגראַם פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פון אַפריקע, וואָס זאָל זיך אָנהויבן באַלד נאָך דעם סוף פון דער מלחמה אין דעם זעלביקן מאָמענט, ווען די אַמעריקאַנער אינדוסטריען וועלן מוזן אריבערגיין פון קריגס־פּראָדוקציע צו א פרידלעכער פּראָדוקציע. קיין אנדער לאַנד א חוץ אַמעריקע קאָן דאָס ניט טאָן, און איינע פון די דרינגענדיגסטע נאָך־מלחמה׳דיגע אויפגאַבן, וואָס שטייט פאַר אַמעריקע, איז צו קריגן פאַר אירע אינדוסטריען אַזעלכע קאָלאָסאַלע מערק באַלד ווי די מלחמה ענדיגט זיך. אַזאַ פּראָגראַם פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פון אַפריקע וואָלט תיכף געשאַפן א באַזע אויף צו לעזן הונדערטער פּראָבלעמען, וואָס זיינען ביז איצט געווען אומ־לייזבאַר, און צווישן זיי — די סאַמע וויכטיגסטע פּראָבלעמען.

ס׳איז נאַטירלעך, אַז די בריטישע און פראַנצויזישע קאָלאָניאַל־אינטערעסן וואָלטן געמוזט שפּילן א וויכטיגע ראָלע אין אַזאַ אינדוסטריאַלי־זאַציע־פּראָגראַם. בריטאַניע און פראַנקרייך וואָלטן געמוזט קריגן א פאַר־גיטיגונג פאַר מקריב זיין זייער קאָלאָניאַלע מאָנאָפּאָליע. אָבער די פּרוכט פון דער אינדוסטריאַליזאַציע פון אַפריקע וואָלטן געווען אַזעלכע גראַנדיעזע, אַז דאָס וואָלט לייכט מעגלעך געווען. ביידע לענדער, סיי ענגלאַנד און סיי פראַנקרייך, וואָלטן אונטער אַזעלכע אומשטענדן בלויז געשטאַרקט געוואָרן דורך זייער אָפּזאָגן זיך פון זייערע קאָלאָניאַלע אינטערעסן.

אין לעצטן סך־הכל קאָן די אינדוסטריאַליזאַציע פון אַפריקע זיין דער־פאָלגרייך בלויז אין דער מאָס, אין וועלכער די אַפריקאַנישע באַפעלקערונג ווערט אריינגעצויגן אין איר פאַרווירקלעכונג און אין אירע געווינסן. די דאָזיגע אינדוסטריאַליזאַציע דאַרף מיט זיך אָנהויבן אַן אַלגעמיינעם און כסדר׳דיגן וואוקס פון דעם לעבן־סטאַנדאַרט פון די אַפריקאַנישע פעלקער, אין דער מאָס פון זייער אָנטייל אין דער גרויסער ארבעט. די אַפריקאַנער מוזן באַקומען אַן אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייט צו דערגרייכן יעדן אַמט און פּאָסטן ביז דעם סאַמע העכסטן אין דעם דאָזיגן פּראָצעס. די גאַנצע באַפעלקערונג מוז באַפרייט ווערן פון אַלע פעאָדאַלע און קאָלאָניאַלע קייטן. עס מוז איינגעפירט ווערן פאַר דער מאַסע פון דער אַפריקאַנישער באַפעל־קערונג א דערציאונג־סיסטעם, וואָס זאָל גלייכצייטיג געבן די העכסטע טעכנישע צוגרייטונג די, וואָס ווייזן זיך ארויס צו זיין אַממערסטן צוגעפּאַסט צו דעם. עס מוז תיכף איינגעפירט ווערן א סיסטעם פון לאָקאַלער זעלבסט־רעגירונג מיט דער אויסזיכט פון דער ענדגילטיגער פולשטענדיגער זעלבסט־באַשטימונג פאַר יעדן אַפריקאַנישן פאָלק און מיט א באַשטימטן טערמין פאַר דעם דאָזיגן ציל.

מיט דער הילף פון אַזעלכע שריט איז מעגלעך צו לייגן א סאָלידן פונדאַמענט פאַר דער אינדוסטריאַליזאַציע פון אַפריקע, וואָס וועט גאַראַנטירן

איר דערפאָלג. אָן אַזעלכע שריט מוז דער גאַנצער פּלאַן פאַרזינקען אין דעם זומפּ פון אינערלעכע און אינטערנאַציאָנאַלע ווידערשפּרוכן. א פאָלק, וואָס געפינט זיך אין אַן אונטערדריקטן און קאָלאָניאַלן צושטאַנד, קאָן ניט אויסבויען און אָנהאַלטן קיין מאָדערנע אינדוסטריאַליזירטע עקאָנאָמיק.

די אַלטע קאָלאָניאַלע אַדמיניסטראַציעס דאַרפן גרינטלעך פאַרביטן ווערן דורך אַ נייעם טיפּ אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אינטערנאַציאָנאַל לויט איר כאַראַקטער, און איז אָרגאַניזירט מיטן צוועק צו שאַפן און אָנצוהאַלטן די באַדינגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר אַ דערפאָלגרייכער אינדוסטריאַליזאַציע און אויף איבערצוגעבן טריט נאָך טריט די וואַקסנדיגע דעמאָקראַטישע אָנשטאַלטן צום פאָלק גופא, אַפּרלאָזנדיג סוף כל סוף אַליין די גאַנצע סצענע.

די יוניאָן אָוו סאַוטה אַפריקאַ וואָלט צוגעלאָזן ווערן צו באַטייליגן זיך אין דער אַלגעמיינער אינדוסטריאַליזאַציע פון דעם אַפריקאַנישן קאָנטינענט, בתנאי אַז זי זאָל אויך אויף איר אייגענער טעריטאָריע שאַפן דעם נויטיגן סטאַטוס פון גלייכקייט פאַר די אָרטיגע אַפריקאַנישע פעלקער, אין וועלכער זי זאָגט זיי ביז איצט אָפּ.

אָט דאָס, גלויב איך, זיינען די וויכטיגסטע שטריכן פון אַ פּראָגראַם, וואָס אַמעריקע, און בלויז אַמעריקע, וואָלט געקאָנט אַרויסשטעלן פאַר דער וועלט בנוגע אַפריקע אין די אינטערעסן פון אַלע פעלקער, וואָס זיינען אין דעם פאַראינטערעסירט.

אַזאַ פּראָגראַם וואָלט געבראַכט אומגעהויערע נוצן דורך דעם, וואָס זי וואָלט אַרויסגענומען אַפריקע פון דער נעץ פון אינטערנאַציאָנאַלע רייסערייען און וואָלט זי פאַרוואַנדלט אין אַ לאַבאָראַטאָריע פון אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַציע. זי וואָלט אַריינגעבראַכט אַ גרויסן און אומאַנטוויקלטן קאָנטינענט אין דעם הויפּט־שטראָם פון דעם וועלט־פּאָרשריט, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און סאָציאַל. זי וואָלט געעפנט פאַר אַמעריקע און ענגלאַנד איינעם פון די ריזיגע מערק, וואָס וועלן זיין נויטיג באַלד נאָכן סוף פון דער מלחמה, אויב מיר ווילן ניט, אַז די וועלט זאָל תיכף אַריינפאַלן אין אַ צווייטן פאַרניכטנדיגן עקאָנאָמישן קריזיס, ווי דער וואָס זי האָט געליטן אין 1929—1933. און זי וואָלט אויפגעבויט נאָך אַ שטאַרקן זייל אין דער סטרוקטור פון די פאַראייניגטע מלוכות, וואָס איז די איינציגע זאַך, וואָס קאָן ראַטעווען די וועלט פון דער דראָענדיגער אַנאַרכיע און כאַאָס.

ענג פאַרבונדן סאָציאַל, עקאָנאָמיש און פּאָליטיש מיט אַפריקע זיינען די לענדער פון נאָענטן מזרח, ווי אַראַביע, איראַק, איראַן, סיריע, לבנון, פּאַלעסטינע און טראַנסיאָרדאַניע, — מיט דעם וויכטיגן אונטערשייד בלויז, וואָס אויף דעם דאָזיגן געביט איז די מערהייט פון די טעריטאָריעס און באַפעלקערונג שוין אָרגאַניזירט געוואָרן אין נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיגע שטאַטן אָדער איז אויפן וועג צו אַזאַ אומאָפּהענגיגקייט. ווי טיף דער דאָזיגער געביט איז פאַרבונדן מיט דער גאַנצער פּראָבלעם פון אַפריקע קאָן מען זען פון

דעם גרויסן טומל, וואָס ווערט איצט געמאַכט אין אַמעריקע אַרום דעם פּראָיעקט פון אויפבויען פאַר אַמעריקאַנער געלט אַן אויל־רער־ליניע איבער אַראַביע צום מיטללענדישן ים און פון די שטילע, אָבער צוליב דעם ניט וויניגער שאַרפע מיינונג־פאַרשיידנקייטן צווישן אַמעריקע און ענגלאַנד אַרום די פאַרשיידענע זייטן פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון דעם נאָענטן מזרח. אויך אויף דעם דאָזיגן געביט איז אַבסאָלוט נויטיג צו האָבן אַ ברייטע פּראָגראַם פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואָס זאָל קאָנען אויסגלייכן די נאַציאָנאַלע סכסוכים דורך אינטערנאַציאָנאַלער מיטאַרבעטערשאַפט. און דאָ, ספּעציעל, אַנטשטייט די פראַגע וועגן דער מעגלעכקייט, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זאָל זיך קאָנען באַטייליגן אין דער דורכפירונג פון אַן עקאָנאָמישער פּראָגראַם צוזאַמען מיט די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות.

בלויז אויף אַ הינטערגרונט פון אַ גרויסער עקאָנאָמישער פּראָגראַם פאַרן נאָענטן מזרח, וואָס ווערט געשטיצט דורך די גרויסמאַכטן, אָבער וואָס איז גלייכצייטיג פולשטענדיג צוגעפּאַסט צו די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פון די געהעריגע פעלקער, קאָן דערגרייכט ווערן אַ וועלכע עס איז שטאַנדהאַפטיגע לעזונג פון די אידיש־אַראַבישע פאַרהעלטענישן אין פּאַלעסטינע. דאָס איז דער נויטיגער פונדאַמענט פאַר דער אָפּשאַפונג פון די פעאָדאַלע רעשטן, וואָס באַהערשן נאָך ביז איצט דאָס סאָציאַלע און פּאָליטישע לעבן פון דעם נאָענטן מזרח.

אַ רעאַליסטישער צוזאָג פון אַזאַ נאָך־מלחמה'דיגער פּערספּעקטיווע, ווי די וואָס מיר האָבן אויבן אָנגעצייכנט, פאַר אַפריקע און פאַר די איבעריגע טיילן פון דער וועלט, וואָלט תיכף פאַרשטאַרקט די אָנפירונג פון דער מלחמה, פאַרשנעלערט דעם זיג און פאַרקלענערט זיינע קאָסטן. דאָס וואָלט צוגעצויגן אַלס אַקטיווע שותפים די מעכטיגע כוחות פון אַ גאַנצן קאָנטינענט, אַנשטאָט צו לאָזן זיי ווייטער ראַנגלען זיך אין אַ טיפן פּלאָנטער פון שווערע פּראָבלעמען.

די צייט איז שוין לאַנג רייף, אַז אַמעריקע זאָל פאָרמולירן אירע פאָר־שלאָגן פאַר אַזאַ פּאָליטיק, זאָל באַקומען פאַר דעם די צושטימונג פון אירע פאַרבינדעטע און אָנהויבן זאַמלען די פרוכט פון אַ ווייטזיכטיגער, דרייסטער און ענערגישער פּראָגראַם, אויסשפּרייטנדיג דעם גייסט פון טעהעראַן איבער אַלע עקן פון דער ערד.

קאַפּיטל אַכט

אונזערע אַמעריקאַנישע שכנים

ס'איז אַ מערקווירדיגער פאַקט, אַז אין די ערשטע וואָכן פון 1944 האָט היטלער פאַרנומען נייע פּאָזיציעס בלויז אין די אַמעריקאַנער לענדער, וואו

ער האָט געמאַכט פאָרשריט אין דער זעלביגער צייט, ווען ער איז אומעטום אָפגעשטויסן געוואָרן אויף צוריק. די פראָ־נאַצישע קאָנספּיראַטאָרן האָבן באַפעסטיגט זייער קאָנטראָל איבער אַרגענטינע און האָבן זיך פאַרמאָסטן צו פאַרכאַפּן באָליוויע דורך אַן איבערקערעניש. אפשר נאָך מער אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס די באָליווישע כונטאַ*) האָט געהאַט גרונטן צו גלויבן, אַז זי וועט באַגריסט ווערן אין וואַשינגטאָן, ווייל אירע אַגענטן האָבן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציעס ביי דער וואַשינגטאָנער אַדמיניסטראַציע און זיינען אונטערשטיצט געוואָרן דורך דער ליבעראַלער און סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פרעסע.

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז פלענער זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אויס־צושפּרייטן דעם דאָזיגן נאַצישן אָנגריף נאָך אויף אַנדערע לאַטייניש־אַמעריקאַנישע לענדער. אַפילו אין מעקסיקאָ איז די „באַרימטע” סינאַרקיס־טישע באַוועגונג אָפּן דערמוטיגט געוואָרן דורך אַ הויכן פירער פון דער קאַטוילישער קירך אין די פאַראייניגטע שטאַטן, וועלכער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין מעקסיקאָ אונטערן מאַנטל פון אַ רעליגיעזער מיסיע.

ס'איז קלאָר, אַז ניט אַלץ איז גוט צווישן די גוטע שכנים פון לאַטייניש אַמעריקע, ווען דער וועלט־פאַשיזם, וואָס שטייט איצט פאַר אַ מפּלה אין דער אַלטער וועלט, קאָן דרייסט אָנגריפן אין דער אַמעריקאַנער העלפט פון דער וועלט. דער דאָזיגער אָנגריף וואָלט אוועק נאָך פיל ווייטער, ווען ניט די וואַכזאַמקייט און די דרייסטע געגן־שריט פון צווי מענטשן, — דעם אַמעריקאַנישן סעקרעטערי אָוו סטעיט, מר. קאָרדעל האַל, און דעם פרעזידענט פון דער קאָנפעדעראַציע פון די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע אַרבעטער (קטאַ”ל), סעניאָר וויסענטע לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ. קאָרדעל האַל האָט קאַליע געמאַכט די וואַשינגטאָנער זייט פון דער קאָנספּיראַציע, און לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ האָט מאָביליזירט אַלע דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־קרייזן אין אַלע דרום־אַמעריקאַנישע לענדער דורך אַ ספּעציעלן מיטינג פון דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע פון דער קאָנפעדעראַציע אין מאָנטעווידעאָ מיטן אָנטייל פון אַ דעלעגאַציע פון די פאַראייניגטע שטאַטן.

די אָפּענסיווע פון דעם פאַשיזם אויף דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז פאַרהאַלטן געוואָרן, אָבער די באַדינגונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די דאָזיגע אָפּענסיווע, זיינען ניט באַזייטיגט געוואָרן. צו אָט די באַדינגונגען, וואָס שאַפן אַ באַזע פאַר די אינטריגעס פון אונזערע שונאים, מוזן מיר ציען אונזער נאַציאָנאַלע אויפמערקזאַמקייט, כדי אויסצואַרבעטן אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל ענדערן די דאָזיגע באַדינגונגען צום בעסערן.

אין דער איצטיגער סיטואַציע זיינען פאַראַן דריי גרונט־עלעמענטן, וואָס זיינען גינסטיג פאַר נאַצישע אינטריגעס אין די אַמעריקאַנישע לענדער. דאָס

---

*) פאַרשווערער-גרופּע.

זיינען: 1) דער פאַקט, וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן האָבן ניט באַוויזן צו איבערצייגן די אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער אין דער פּערמאַנענטקייט פון זייער גוט־שכנ'עשאַפט פּאָליטיק, וואָס שטייט איצט אין קאַן אין די וואַלן פון יאָר 1944; 2) דאָס וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן האָבן ביז איצט ניט באַוויזן צו מאַכן אַ קלאָרן אונטערשייד צווישן פּריינט און פיינט, — ווי, למשל, טאָלעראַנץ צו דער פאַשיסטישער פאַלאַנגע, די גרייטקייט צו האָבן צו טאָן מיט די גרופּעס, וואָס האַלטן אָן באַציאונגען מיט די נאַציס און העלפן זיי אַפילו קומען צו דער מאַכט, און די צוריקגעהאַלטענע און אַפילו זייער קאַלטע באַציאונג צו די וואַקסנדיגע דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־באַוועגונגען אין לאַטיין־אַמעריקע, וועלכע זיינען אין דער אמת'ן די פאַר־לעסלעכסטע פריינט פון די פאַראייניגטע שטאַטן; און ענדלעך 3) — דער אַנהאַלטנדיגער געראַנגל צווישן די פאַראייניגטע שטאַטן און ענגלאַנד פאַר אַ פּריווילעגירטער פּאָזיציע אין די נאָך־מלחמה'דיגע מערק פון לאַטיין־אַמעריקע, — אַ געראַנגל, וואָס צעפּלאָנטערט יעדע פראַגע און יעדע גרופּירונג אין די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער.

עס איז גאָר ניט קיין חוב, אַז מיר זאָלן מוזן דורכקריכן דורך דעם איצטיגן וועלט־קריזיס אונטער אַזעלכע אומגינסטיגע באַדינגונגען, וואָרים עס איז פולשטענדיג מעגלעך, אַז די פאַראייניגטע שטאַטן זאָל דורך אַ דרייסטער איניציאַטיווע און אַ ריכטיגער פּאָליטיק קאָנען פאַרוואַנדלען די אומשטענדן אין גינסטיגע.

די אויפגאַבע פון דעם קאַפּיטל איז אָנצואווייזן אויף די הויפּט־שטריכן פון אַזאַ פּאָליטיק, וואָס זאָל פאַרשאַפן דעם פאַשיסטישן שונא אַ מאָראַלישע און פּאָליטישע מפּלה, פאַרשנעלערן אונזער זיג און באַפעסטיגן מיט אַ זיכערן פונדאַמענט די נאָך־מלחמה'דיגע אויסזיכטן, וואָס טעהעראַן האָט געעפנט פאַר דער מערב־העלפט פון דער וועלט.

וואָס איז שייך דעם ערשטן פּונקט, וועגן דער פּערמאַנענטקייט פון אונ־זער גוט־שכנ'עשאַפט פּאָליטיק, האָבן מיר איצט די מעגלעכקייט תיכף צו מאַכן אַ שריט, וואָס זאָל געבן די בעסטע פאַרזיכערונג אַלע לאַטיין־אַמערי־קאַנישע לענדער און אין דער זעלביגער צייט דינען אונזערע בעסטע אינ־טערעסן. אַלץ וואָס עס איז דערצו נויטיג איז אַן אומקאָנדיציאָנעלע דעקלאַראַציע וועגן דעם, אַז די פאַראייניגטע שטאַטן אָנערקענט דעם פּרינציפּ פון מלוכה'שאַפט פאַר פּאָרטאָ־ריקאָ און איז גרייט צו אָנערקענען איר אומ־אָפּהענגיגע רעגירונג אַזוי שנעל, ווי דער דאָזיגער שריט קאָן דורכגעפירט ווערן אין הסכם מיט די פאַרטרעטער פון דעם פּאָרטאָ־ריקאַנער פאָלק.

איבע גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע וואָלט אַזאַ שריט תיכף געווען אַ צע־שמעטערנדיגער קלאַפּ אַנטקעגן אַלע נעסטן פון פראָ־נאַצישע אינטריגעס און וואָלט געווען אַ זייער גרויסער שריט פאָראויס אין דער ריכטונג פון אָפּצו־שוואַכן די ברייט־פאַרשפרייטע מורא פאַר דעם „יענקי־אימפּעריאַליזם", —

א מורא, וואָס שפּייזט די דאָזיגע אינטריגעס. דער גורל פון פּאָרטאָ־ריקאָ איז אין די אויגן פון די 150 מיליאָן איינוואוינער פון די אַמעריקאַנישע דרום־לענדער געוואָרן אַ סימבאָל פון די ווייט־גרייכנדיקע פּלענער פון די פּאַראייניגטע שטאַטן. אַזוי לאַנג ווי 2 מיליאָן פּאָרטאָ־ריקאַנער זיינען „אונ־טערטאַנען" און זייער לאַנד איז אַ „באַזיצונג" פון די פּאַראייניגטע שטאַטן, — און דער דאָזיגער צושטאַנד זייערער ווערט נאָך דערצו באַגלייט דורך אַן עקסטרעמער אָרעמקייט, אָפּגעשטאַנענקייט, נויט און אַ פולשטענדיק פּאַר־פּלאָנטערטער אויסזיכט, אַזוי לאַנג וועט די מערהייט פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע פעלקער באַטראַכטן אונזער „פּאָליטיק פון גוט־שכנ'עשאַפט" אַלס אַ צייטווייליגן קאָמפּראָמיס, דורך וועלכן די פּאַראייניגטע שטאַטן זוכט איבערצוואַרפן אַ בריק איבער דעם פּעריאָד פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס און די שוועריגקייטן פון דער נאַצי־יאַפּאַנישער געפאַר.

אַזאַ שריט וואָלט, ווייטער, געווען אין די אינטערעסן פון די פּאַר־אייניגטע שטאַטן, ווייל ער וואָלט באַזייטיגט די געפאַר פון דער שאַפונג פון אונזערן אַן „אירלאַנד" ביים סאַמע שוועל פון אונזער טיר. אין געוויסע קרייזן פון דעם פּאָרטאָ־ריקאַנער פאָלק מערקט זיך איצט אַ וואוקס פון אַן עקסטרעמער, אומדענקענדיגער שנאה צו די פּאַראייניגטע שטאַטן, וואָס איז זייער ענלעך צו דער שטעלונג, וואָס דע־וואַלעראַ פאַרנעמט איצט בנוגע ענג־לאַנד און וואָס פירט, פונקט ווי אין אירלאַנד, צו אַ טאָלעראַנץ, און אַפילו צו אַ קרובה'שאַפט מיטן פאַשיזם. איך אַליין האָב געהאַט די געלעגנהייט אָנצושטויסן זיך אויף ערנסטע סימפּטאָמען פון אַזאַ דערשיינונג, ווען איך האָב זיך באַמיט צו קאָאָפּערירן מיט נאַציאָנאַליסטישע גרופּעס פון פּאָרטאָ־ריקאָ. זיכער וועט עס ניט העלפן די פּאַראייניגטע שטאַטן, אויב אַזעלכע נאַציאָנאַליסטישע דערשיינונגען וועלן בלויז פאַרדאַמט אָדער אונטערדריקט ווערן, ווי פאַרפירט זיי זאָלן בעצם ניט זיין. די אויפגאַבע פון אונזער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק איז אָפּצושאַפן די באַדינגונגען, אונטער וועלכע עס וואַקסן אויס פּאָרטאָ־ריקאַנער „דע־וואַלעראַס", און טאָן עס אין צייט. ווען פּאָרטאָ־ריקאָ זאָל איצט באַקומען פון אונז איר אומאָפּהענגיקייט אַלס אויס־דרוק פון אונזער גוטן ווילן, וואָלט עס אונז גאַראַנטירט אַ פריינטלעכע פּאָרטאָ־ריקאָ און אַן אמת־גוטן שכן.

אַ זייער וויכטיגער באַוויז, ווי די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער רופן זיך אָפּ אויף דער פּאָליטיק פון גוט־שכנ'עשאַפט און ווי זיי פאַרשטייען די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער מלחמה געגן די אַקס־לענדער, איז דער טיפער מאָראַלישער איינפלוס, וואָס עס האָט איבער גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע די נייע צייטונג „פּועבלאָס היספּאַנאָס" (שפּאַנישע פעלקער), וואָס דער באַרימטער שרייבער און פּאָרטאָ־ריקאַנער פּאַטריאָט, כואַן אַנטאָניאָ קאָרעטיער, גיט איצט אַרויס אין ניו יאָרק. די טיפע איבערצייגטקייט און קלאָרע פאַרשטענ־דעניש, מיט וועלכער „פּועבלאָס היספּאַנאָס" באַטראַכט די אינעווייניגסטע

פאַרבינדונג צווישן דער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיגקייט פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער און דעם זיג פון די פאַראייניגטע מלוכות געגן די צו אַ קרובה׳שאַפט מיטן פאַשיזם. איך אַליין האָב געהאַט די געלעגנהייט אַקס־לענדער, און צייכנט אָן די פּראָבלעמען פון דער צווישן־אַמעריקאַנישער איינינקייט, זיינען באמת אַ גרויסער ביטראָג צו די אויפגאַבן פון אונזער צייט.

לאָמיר איצט נעמען דעם צווייטן פונקט: די נויטיגקייט צו אונטער־שיידן צווישן אונזערע פריינט און שונאים אין לאַטיין־אַמעריקע. עס איז נאָך לײדער אַלץ אמת, אַז אין געוויסע פּרטים שטאַרקט נאָך אַלץ די אָפיציעלע פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע שטאַטן די שונאים פון לאַטיין־אַמעריקע און אַנטמוטיגט אירע פריינט. די פאַראייניגטע שטאַטן האָבן געהאָלפן פראַנקאָ׳ן קומען צו דער מאַכט אין שפּאַניע דורך דער מיליטערישער צעשטערונג פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, — מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פּאָלגן אונזערע בפירוש׳ע אָפּמאַך־פאַרפליכטונגען מיט דער שפּאַנישער רעפּובליק און האָבן אָנשטאָט דעם זיך צוגעאײַלט צו אָנערקענען פראַנקאָ׳ן אין דעם מאָמענט, ווי ער איז מיט היטלער׳ס הילף אריין אין מאַדריד. מיר האַלטן ביז איצט אָן אין מאַדריד אונזערן אַן אַמבאַסאַדאָר, וואָס לויבט עפנטלעך פראַנקאָ׳ס רעזשים און פאַרטיידיגט זיין פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, די פאַלאַנגיסטן.

די דאָזיגע פאַלאַנגע אַרבעט איצט אַלס היטלער׳ס פאַרשווערערישע שפּיאָנען־נעץ איבער גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע און אין די פאַראייניגטע שטאַטן גופא. פאַרשיכורט פון דעם געדאַנק צו ווירקן אַלס אַגענטור פון דעם זיג־רייכן היטלעריזם, האָט פראַנקאָ׳ס רעגירונג שוין אַזוי ווייט ווי אין יאָר 1940 געדרוקט אָפיציעלע מאַפּעס, אין וועלכע זי האָט אַרויסגעשטעלט פּרע־טענזיעס ניט נאָר אויף קובאַ און די פיליפּינען־אינזלען, נאָר אויך אויף קאַליפאָרניע, טעקסאַס, אַריזאָנאַ און פלאָרידע! *) שטייענדיג איצט פאַר היטלער׳ס וואַרשיינלעכער מפּלה, זוכט איצט פראַנקאָ׳ס פאַלאַנגע מיט אַ פאַרצווייפלטער ענערגיע צו צעבלאָזן יעדע מעגלעכע אָפּאָזיציע צו די פאַר־אייניגטע שטאַטן אין אַ פאַררעטערישער טעטיגקייט, האָפנדיג צו שאַפן דורך דעם אַ פּאָליטישן קריזיס אין ברען פון דעם וואַל־קאַמפּיין פון יאָר 1944 כדי צו העלפן דורך דעם, אַז רוזוועלט זאָל דורכפאַלן, — וואָס דאָס איז איצט די איינציגע האָפענונג איבערצולאָזן אַ באַזע פאַרן פאַשיזם דורך אַ פאַרהאַנדלטן שלום מיט היטלער׳ן.

די דאָזיגע אַלע פאַקטן זיינען גוט באַקאַנט, אָבער די אָפיציעלע פּאָליטיק פון די פאַראייניגטע שטאַטן זאָגט זיך אַלץ אָפּ צו באַהאַנדלען די פאַלאַנגיסטן

---

*) זע טאָמאַס דזש. האַמילטאָנ׳ס „שפּאַנישע חלומות וועגן דער אימפּעריע”, אין „פאָרעין אַפעירס”, אַפּריל, 1944.

און זייערע סימפּאַטיזירנדיגע גרופּעס אַלס אַ שונא פון אַמעריקע און זי קוקט אויף זיי ביז איצט, ווי אויף מענטשן, אַן וועלכע מען קאָן זיך ניט באַגיין און וועלכע דאַרפן איבערגעוואונען ווערן אויף אונזער זייט דורך אַ פריינטלעכער באַהאַנדלונג און פאַרשיידענע קאָנצעסיעס, ווי אויך דורך מאַכן מיט זיי שותפות אין דער פיינטלעכקייט צו די אָנוואַקסנדיגע דעמאָקראַטישע כחות.

ס'איז כמעט אומגלויבלעך, אָבער ס'איז פּאָרט אַ פאַקט, אַז די אָפיציעלע שטעלונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן צו די אינערלעכע פּראָבלעמען פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער איז אין הסכם מיט אונזער אויסדריקלעכן טויטלעכן שונא, די פאַלאַנגע, אָפּט פיינטלעך צו די דאָרטיגע דעמאָקראַטישע גרופּעס און ספּעציעל צו זייער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע ווערט ביי אונז באַצייכנט אַלס „קאָמוניסטישע" און שטייט דעריבער אונטער אַ „פאַרדאַכט". אין דער צייט ווען אָפענע פאַלאַנגיסטן און היטלער־סימפּאַטיזירער באַגעגענען ניט די קלענסטע שוועריגקייט ביים אַריינקומען און אַרויספאָרן פון די פאַראייניגטע שטאַטן און איינציגע פון זיי באַקומען אַפילו אָפיציעלע איינלאַדונגען אַרויסצוטרעטן מיט דרשות אין אונזערע אוניווערזיטעטן און צו באַקומען דאָרטן „ערן־אויסצייכענונגען", א. אז. וו., געפינען זיך די אַקטיווסטע אַנטי־פאַשיסטן און אַנטי־פאַלאַנגיסטן אויף אַן אָפיציעלער שוואַרצער ליסטע, וואָס דערלאָזט זיי ניט אַריינצוקומען צו אונז אין לאַנד. מיר באַהאַנדלען נאָך ביז היינטיגן טאָג אונזערע שונאים פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען פריינט, און אונזערע פריינט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אונזערע שונאים.

עס איז, צום ביישפּיל, אַ טרויעריג־באַוואוסטער פאַקט, אַז אַמעריקאַנער דיפּלאָמאַטישע און קאָנסול־באַאַמטע אין קובאַ האָבן עפנטלעך אויסגעדריקט זייערע סימפּאַטיעס צו דעם אָפּאָזיציע־בלאָק *) פון גראַו סאַן מאַרטין אין די לעצטע וואַלן און זייער אומפריינטלעכקייט צו דעם דעמאָקראַטישן בלאָק אונטער דער אָנפירונג פון פּרעזידענט באַטיסטאַ. און עס איז פּונקט אַזוי וואויל באַקאַנט, אַז גראַו סאַן מאַרטין און זיינע פריינט האָבן מיטגעאַרבעט און זיינען געשטיצט געוואָרן דורך די פאַלאַנגיסטן. אין די אויגן פון אַ געוויסן מין אַמעריקאַנער איז די באַטיסטאַ־רעגירונג און דער דעמאָקראַטישער בלאָק, אויף וועלכן זי האָט זיך געשטיצט, געווען האַפענונגלאָז פאַרדאַמט שוין דורך דעם פאַקט אַליין, וואָס דער בלאָק האָט איינגעשלאָסן אויך קאָמוניסטן און וואָס אַ קאָמוניסט האָט זיך געפונען אין דעם רעגירונג־קאַבינעט. דאָס וואָס דער דאָזיגער דעמאָקראַטישער בלאָק איז אויך די גרופּע, וואָס אונטערשטיצט די פאַראייניגטע מלוכות, איז פאַר זיי אינגאַנצן ניט וויכטיג.

אַ ממש פאַנטאַסטישער ביישפּיל פון דער דאָזיגער פּאָליטיק איז דער

---

*) די דאָזיגע „אָפּאָזיציע" האָט טאַקע שפּעטער געוואונען די וואַלן מיט אַ סך הילף פון דרויסן. — איבערזעצער.

ביטערער קאַמף, וואָס ווערט געפירט פון וואַשינגטאָן געגן דעם פּרעזידענט פון דער קאָנפעדעראַציע פון לאַטיין־אַמעריקאַנישע אַרבעטער (קטאַ״ל), ווי־סענטע לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ. דער קאַמף איז אַוועק אַזוי ווייט, אַז מענטשן, וואָס דינען ביי דער רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן, האָבן אויסגענוצט זייערע אָפיציעלע פּאָזיציעס כדי אַראָפּצוזעצן טאָלעדאַנאָ׳ן פון זיין אַמט אַלס פּרעזידענט פון דער לאַטיינישער אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע, האָפנדיג אַוועק־צוזעצן אויף זיין פּלאַץ זייער אויסדערוויילטע קאַנדידאַט איבאַניעז פון טשילי. ניט קאָנענדיג דורכפירן זייער פּלאַן, האָבן זיי געזוכט צו שפּאַלטן די קאָנ־פעדעראַציע און צו אָרגאַניזירן אַ קאָנקורירנדיגע אַרבעטער־פעדעראַציע פאַר לאַטיין־אַמעריקע, וואָס זאָל זיך געפינען אונטער דער העגעמאָניע פון וואַשינגטאָן. און דאָס אַלץ ווערט זייער ערנסט באַרעכטיגט אין הויכע קרייזן דערמיט, וואָס טאָלעדאַנאָ איז אַ „קאָמוניסט״, — אויף דעם זעלביגן אופן ווי די דובינסקי־ראָוז־קאַונטס קליקע אין דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי פון ניו יאָרק האַלט אין איין פאַרדאַמען סידני הילמאַנען און זיינע מיטאַרבעטער אין דער דאָזיגער פּאַרטיי אַלס „קאָמוניסטן״.

וואָס איז שייך וויסענטע טאָלעדאַנאָ, מערקן זיך צום גליק סימנים, אַז די אמת׳ע פירער פון אונזער רעגירונג אין וואַשינגטאָן האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיגער משוגעת, וואָס זייערע באַאַמטע האָבן אַזוי לאַנג פּראַקטיצירט. אָבער מיר זיינען נאָך אַלץ זייער ווייט פון דערקענען ווער עס זיינען אונזערע פריינט און ווער עס זיינען אונזערע שונאים אין די פאַרשיידענע לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, און פון באַהאַנדלען אָט די פאַר־שיידענע גרופּעס לויט זייערע פאַרדינסטן. אונזער לאַנד איז גייסטיג נאָך אַלץ פאַרפּלאָנטערט אין דער נעץ פון היטלער׳ס „אַנטי־קאָמינטערן״־פּראָפּאַ־גאַנדע אין די באַציאונגען מיט אונזערע שכנים.

דער דריטער טיף־באַאומרואיגנדיגער פאַקטאָר אויפן געביט פון די גוט־שכנ׳ישע באַציאונגען איז די פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ צווישן די פאַר־אייניגטע שטאַטן און ענגלאַנד בנוגע לאַטיין־אַמעריקע. ס׳איז אַ פאַקט, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן יעדן איינעם וואָס פאָלגט נאָך דעם אַרגענטינישן פּאָליטישן זומפּ, אַז די ענגליש־אַמעריקאַנישע קאָנקורענץ שפּילט דאָרטן אַ שעדלעכע ראָלע, וואָס קאָן זיך כמעט פאַרגלייכן מיט דער נאַצישער אַריינ־דרינגונג און איינפלוס. די נאַצי־אַגענטן וואָלטן דאָרטן קיינמאָל ניט געקומען צו דער מאַכט, ווען די פאַראייניגטע שטאַטן און ענגלאַנד וואָלטן ניט קאָנ־קורירט צווישן זיך, ווען זיי וואָלטן צוליב דעם ניט געזוכט צו קויפן די סימפּאַטיעס פון די פּראָ־נאַצישע גרופּעס צו זייערע ספּעציעלע „ווירקונ־ספערן״, איינשטימענדיג צווישן זיך בלויז אין זייער געגנערשאַפט צו די דעמאָקראַטישע און אַרבעטער־גרופּעס, וואָס פאַרטרעטן באמת די מאַסן פון דעם אַרגענטינער פאָלק.

אָט דאָס זיינען איניגע פון די אומאַנגענעמע לעבנס־פאַקטן, וועלכע מען

האַלט ביי אונז פאַר געזינטער צו פאַרשווייגן און ניט צו באַטראַכטן זיי אין דער עפנטלעכקייט. אַזוי ווי די שאַ־שאַ פּאָליטיק איז אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן בנוגע אַרגענטינע, איז אפשר שוין פּאָרט געקומען די צייט, אַז דער גאַנצער ענין פון דער בריטיש־אַמעריקאַנישער קאָנקורענץ אין די דרום־אַמעריקאַנישע לענדער זאָל דורכגעלופּטערט ווערן אין אַן אָפענער דיסקוסיע, כדי צו איבער־ציינגן זיך ווי שעדלעך זי איז פאַר אונזערע אַלעמענס בעסטע אינטערעסן.

די ענגלענדער האָבן מורא צו פאַרלירן זייערע דרום־אַמעריקאַנישע מערק צו די פאַראייניגטע שטאַטן. זיי זיינען באַזונדערס אומצופרידן מיט דעם, וואָס די פאַראייניגטע שטאַטן זוכן צו צווינגען זיי, אַז זיי זאָלן איבערגעבן צו די פאַראייניגטע שטאַטן זייערע אינוועסטמענטס אין לאַטיין־אַמעריקע, כדי צו העלפן זיי דערמיט צו פינאַנסירן די מלחמה. געוויסע „אינטערעסן" אין די פאַראייניגטע שטאַטן, ווידער, באַטראַכטן דרום־אַמעריקע אַלס זייער באַזונדערן פעלד, אין וועלכן זייערע אָרעמערע בריטישע קאָזינס האָבן זיך בלויז אַריינגעכאַפּט און מוזן פון דאָרטן אַרויסגעשטויסן ווערן, כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר דעם גרויסן נאָך־מלחמה'דיגן מאַרש צו פאַרנעמען די אויס־לענדישע מערק. געוויסע לאַטיין־אַמריקאַניעש מלוכות שיינען צו זיין זייער צופרידן דערמיט, וואָס צוויי גרויסע מאַכטן קריגן זיך פאַר זיי און זוכן צו קויפן זייערע סימפּאַטיעס אַנשטאָט דעם, אַז בלויז איין גרויסמאַכט זאָל אויף זיי אַרויפצווינגען איר ווילן.

יעדער ווינקל פון אָט דעם דרייעק רעדט זיך איין, אַז ער היט אָפּ זיינע אייגענע אינטערעסן, ווען ער פאַרשאַרפט די קאָנקורענץ צווישן אַלעמען. דער פאַקט איז אָבער, אַז זיי שניידן זיך איבער איינע די אַנדערע די העלזער. די ענגליש־אַמעריקאַנישע אינטערעסן לאָזן איבער אַן אָפענע טיר פאַר נאַציִשע אינטריגעס, באַגרענעצנדיג אין דער זעלבער צייט די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע מערק דורך פאַרשיידענע מאָנאָפּאָליסטישע טריקס. די לאַטיין־אַמעריקאַנער ווידער געפינען אויס, אַז זייער אינערלעכער פּאָליטישער לעבן ווערט צעשטערט דורך דעם וואוקס פון רעאַקציאָנערע גרופּעס, וואָס ווערן געשטיצט דורך דער אָדער יענער גרויסמאַכט, און זייער עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונג ווערט געשטערט דורך זיי אַלעמען אינאיינעם. אין דער זעלביגער צייט שטערט די אָפּוועזנקייט פון אַ וועלכער עס איז אָנערקענטער, אָרגאַני־זירטער שותּפות'דיגער פּראָגראַם, אָדער אינטערעס, דער אָנערקענונג פון די קאָלאָסאַלע מעגלעכע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע דערגרייכונגען, וואָס וואָלטן געקאָנט ברענגען גרויס נוצן סיי די פאַראייניגטע שטאַטן, סיי ענגלאַנד, סיי די לאַטייניש־אַמעריקאַנישע פעלקער צוזאַמען, און דערביי — פון גרעסערע נוצן, איידער יעדער צד באַזונדער קאָן האָפן צו קריגן אונטער באַדינגונגען פון אומבאַגרענעצטער קאָנקורענץ.

מען דאַרף אָפּן צוגעבן, אַז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ענדערונג פון די עקזיסטירנדיגע באַציאונגען פאַלט איינגאַנצן אויף די פאַראייניגטע

שטאַטן. דאָס איז דער אומפּאַרמיידלעכער אויספיר פון דעם כלל, אַז ווער עס האָט די מאַכט, דער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. און די פאַראייניגטע שטאַטן זיינען ניט נאָר דער מעכטיגסטער פאַקטאָר אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, נאָר אויך די איינציגע מאַכט, וואָס קאָן אַרויסשטעלן אַ שותפות׳דיגע פּראָגראַם, וואָס זאָל לויט איר פאַרנעם און גרויס קאָנען באַזייטיגן אַלע ספּעציעלע פּריווילעגיעס, וואָס האַלטן אָן די קאָנקורענץ.

די איצטיגע לאַגע פאָדערט, אַז די פאַראייניגטע שטאַטן זאָלן אויף זיך נעמען די איניציאַטיווע פון פאָרשלאָגן אַ געמיינזאַמע פּראָגראַם פון עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער. די דאָזיגע פּראָגראַם דאַרף אויסגעאַרבעט ווערן איצט און זי דאַרף אָנהויבן פאַרווירקלעכט ווערן, תיכף ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגן, אין אַ גרויסן מאַסשטאַב, אין אַ גראַד, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן פון איין זייט די גוואַלדיגע רעזערוון פון לאַטיין־אַמעריקע אין לאַנד, אין רויוואַרג און אין אַרבעטקראַפט, און פון דער אַנדער זייט דער פּייאָנקייט פון אַמעריקע און ענגלאַנד צוזאַמען צוצושטעלן די נויטיגע קאַפּיטאַלן און צו שאַפן מערק פאַר דער פּראָדוקציע פון זייערע גרויסע אינדוסטריען.

כדי אַזאַ פּראָגראַם זאָל באמת קאָנען דורכגעפירט ווערן אויף אַ שותפות׳דיגן אופן, מוז זי קודם כל אויסגלייכן צווישן זיך די אינטערעסן פון יעדן ווינקל פון דעם דרייעק. די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער מוזן באַקומען אַ גאַראַנטיע, אַז זייער נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיגקייט וועט שטרענג אָפּגעהיט ווערן און אַז דער סטאַנדאַרד פון זייער עקאָנאָמישן וואוילזיין וועט שנעל געהעכערט ווערן, פירנדיג צו אַ באַלאַנסירטער ווירטשאַפט אין יעדן פון די לענדער און אויסמיידנדיג אין דער זעלביגער צייט די צרה פון דער עקסטרעמער ספּעציאַליזאַציע אויף איין ווירטשאַפט־צווייג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קאָלאָניאַלער סיסטעם. דער ענגליש־אַמעריקאַנישער קאַפּיטאַל ווידער מוז זיין זיכער, אַז ער באַקומט אַ גרויסן, איינגעפונדעוועטן מאַרק, פון וועלכן ער קאָן קריגן די געהעריגע פּראָפיטן. די אַמעריקאַנישע און בריטישע אינטערעסן מוזן אָפּשאַפן זייער געגנזייטיגע אומבאַגרענעצטע קאָנקורענץ דורך באַשטימען פאַראויס דעם חלק אין די מערק, וואָס יעדער צד באַקומט סיי לויט זיינע פריערדיגע אויסזיכטן, סיי לויט זיינע איצטיגע מעגלעכקייטן.

עס איז קיין צווייפל ניט, אַז עס זיינען פאַראַן אַלע מאַטעריעלע פאַרבאַדינגונגען פאַר אַזאַ פּראָגראַם, פּונקט ווי עס זיינען דאָ אַלע טעכנישע מעגלעכקייטן צוצוגרייטן די פּראָגראַם שוין איצט צו דעם מאָמענט, ווען זי וועט קאָנען אָנהויבן פאַרווירקלעכט ווערן. עס פעלן נאָך אָבער דערוויל די נויטיגע פאַקטאָרן פון מאָראַלישער און פּאָליטישער גרייטקייט צו אַזאַ שותפות׳דיגן פּלאַן. די דאָזיגע פאַקטאָרן מוזן געשאַפן ווערן איידער די געניע פּראָגראַם קאָן אויסגעאַרבעט ווערן.

די מעגלעכע רעזולטאַטן פון אַזאַ פּראָגראַם פאַר אַלעמען, וועמען זי איז נוגע, זיינען אומגעהויער־גרויסע. פאַר לאַטיין־אַמעריקע עפנט זי אַ טיר צו אַ געוואַלדיגן שפּרונג פאָראויס אויפן וועג פון פּראָגרעס, וואָס וואָלט אין איינע 5־10 יאָר געקאָנט איבערשטייגן אַלץ וואָס זיי האָבן פריער דערגרייכט אין אַ הונדערט יאָר. די פאַראייניגטע שטאַטן און ענגלאַנד וואָלטן דורך אַזאַ פּראָגראַם פּטור געוואָרן פון זייער צעשטערנדיגער קאָנקורענץ, וואָרים זיי וואָלטן דורך איר געוואונען אַ ריזיגע אויסברייטערונג פון זייער מאַרק. ספּעציעל די פאַראייניגטע שטאַטן וואָלטן אין אַזאַ פּראָגראַם געפונען אַ גרויסן טייל פון דעם ענטפער אויף דער וויכטיגסטער פראַגע וועגן דעם, צי מיר וועלן קאָנען אָנהאַלטן אונזער נאַציאָנאַלע ווירטשאַפט נאָך דער מלחמה אויף דער שטופע, וואָס מיר האָבן דערגרייכט בשעת דעם קריג.

אָבער צוליב דעם איז נאַטירלעך נויטיג, אַז די אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסטן און שטאַטסלייט זאָלן אָנהויבן דענקען גאָר אויף אַן אַנדער אופן. אַנשטאָט די הונדערטער מיליאָנען דאָלאַר פון אינדוסטריעלן עקספּאָרט אין לאַטיין־אַמעריקע מוזן מיר אָנהויבן פּלאַנעווען אַ יערלעכן עקספּאָרט פון טויזנטער מיליאָנען. קיין אַנדער זאַך קאָן ניט באַפרידיגן די אַמעריקאַנישע נויט אין מערק אָדער די לאַטיין־אַמעריקאַנישע מעגלעכקייטן פון אַנטוויקלונג.

די פאַראייניגטע שטאַטן וועלן אָדער ענטפערן אויף דעם אַרויסרוף פון דעם היסטאָרישן מאָמענט מיט דער ברייטקייט פון בליק און דרייסטקייט פון גייסט, וואָס קאָן אַרומנעמען גרויסע פּערספּעקטיוון, אָדער אַנדערש וועט אונזער לאַנד מוזן פאַרשווענדן אַ גאַנצן דור, זוכנדיג פאַר זיך אַ נייעם וועג.

דריטער טייל:

נאָך־מלחמה'דיגע נאַציאָנאַלע איינִיגקייט

קאַפּיטל ניין

מלחמה־איינִיגקייט פּאָדערט איינִיגקייט נאָך דער מלחמה

ווען מיר וואָלטן געקאָנט מאָביליזירן די פולע קראַפט פון אַמעריקע אויף צו געווינען די מלחמה אַזוי שנעל ווי מעגלעך, אָפּלייגנדיג דערוויל די לייזונג פון די נאָך־מלחמה'דיגע פּראָבלעמען, וואָלט דאָס אפשר געווען זייער גוט. אָבער פּונקט ווי אויפן געביט פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ געוויסער גרונט־אָפּמאַך וועגן דעם, ווי עס זאָל אויס־געפּאָרמירט ווערן די נאָך־מלחמה'דיגע וועלט, איז געווען נויטיג צוליב דער פולער אַנטוויקלונג פון דער קאָאַליציע־קריגס־פירונג, אַזוי רוקן זיך נאָך־מלחמה'דיגע פּראָבלעמען אַלץ מער און מער אַריין אין דעם אינערלעכן לעבן פון אַמעריקע אַלס פאַקטאָרן אין דער אויפהאַלטונג פון דער נאַציאָנאַלער איינִיגקייט אין צייט פון מלחמה. די פּראָבלעם פון אָנהאַלטן די נאַציאָנאַלע איינִיגקייט בעת דער מלחמה שאַפט די נויטיגקייט אויסצושפּרייטן די דאָזיגע איינִיגקייט אויך אויף דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד. די פּראָבלעמען פון דער צוקונפט ווירקן שוין אין דער געגנוואַרט און פּאָדערן פּאָראויס געוויסע לייזונגען.

אָט זיינען אַ פּאָר פּשוטע ביישפּילן, ווי אַזוי דאָס קומט פּאָר: לאָמיר זאָגן, דער דירעקטאָרן־באָארד פון אַ גרויסער קאָרפּאָראַציע באַטראַכט די באַ־ציאונגען פון דער קאָרפּאָראַציע מיט די אַרבעטער־יוניאָנס. אַן אַלטער דירעקטאָר זאָגט אַרויס זיין מיינונג, אַז די מענעדזשמענט מוז אויפהערן „אַפּיזן" די אַרבעטער, דאַרף צעברעכן די יוניאָנס און „ווידער ווערן באַלע־באָס אין דעם אייגענעם הויז". דער מענעדזשער ענטפערט דערויף, אַז אין דער איצטיגער אויסערגעוויינלעכער צייט איז נויטיג צוצוהערן זיך צו דער עפנטלעכער מיינונג און אָנהאַלטן פאַרבינדונגען מיט די יוניאָנס, אָבער ער זאָגט צו, אַז ווי נאָר די מלחמה וועט זיך ענדיגן, „וועלן מיר מאַכן אַ סוף צו די אַלע נאַרישקייטן".

אין דער זעלביגער צייט קומט פּאָר אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיוו־באָארד פון דער יוניאָן. אַ היציגער מיטגליד פּאָדערט, אַז מען זאָל תיכף אָנהויבן אַ סטרייק־באַוועגונג, כדי צו דערשלאָגן זיך רעזולטאַטן וועגן די פּאָדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט און זיינען אָפּגעשטופּט געוואָרן פון חודש צו

חודש. דער פּרעזידענט פון דער יוניאָן ענטפערט אים: „ניין, אַזוי לאַנג ווי ד מלחמה גייט אָן, קאָנען מיר ניט סטרייקן. אָבער אין דעם מאָמענט, ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגן, מעגט איר זיך פאַרלאָזן אויף מיר, אַז איך וועל זיין דער ערשטער אָנצופירן אַן אמת'ן קאַמף געגן די אַזוינע און אַזעלכע."

און פון אָט דעם מאָמענט זיינען סיי די דירעקטאָרן פון דער קאָר־פּאָראַציע, סיי די פירער פון דער יוניאָן פאַרנומען מיט איין געדאַנק וועגן צוגרייטן זיך צו דעם ריכטיגן קאַמף, וואָס וועט אויסברעכן אין דעם מאָמענט, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגן.

כפל'ט דעם דאָזיגן ביישפּיל אויף עטלעכע טויזנט מאָל און גיט אַ טראַכט ווי דער זעלבינער פּרינציפּ וועט ווירקן אין באַצוג צו די מאַסן פאַרשיידענע אַנטאַגאָניזמען און קאָנפליקטן, מיט וועלכע אונזער געזעלשאַפט איז אָנ־געפילט. עס ווערט קלאָר, וואָס פאַר אַן אומדערטרעגלעכע אַטמאָספערע פון אָנשטרענגונג עס מוז געשאַפן ווערן אין לאַנד אפילו צווישן די, וואָס שטימען איין, אַז די וויכטיגסטע אויפגאַבע פון דעם איצטיגן מאָמענט איז צו געווינען די מלחמה.

גיט צו דעם צו דעם פאַקט, וואָס דאָס יאָר 1944 איז אַ יאָר, וואָס ברענגט מיט זיך אויטאָמאַטיש לויט דער אַמעריקאַנישער קאָנסטיטוציאָנעלער סיסטעם נאַציאָנאַלע וואַלן, אין וועלכע אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן דאַרף דערוויילט ווערן אויף די קומענדיגע פיר יאָר צוזאַמען מיט דעם פולן באַשטאַנד פון רעפּרעזענטאַנטן־הויז און מיט אַ דריטל פון סענאַט, שוין ניט צו רעדן וועגן די אומצייליגע לאָקאַלע וואַלן. אַלע גרופּעס, וואָס האָבן אַ ספּעציעלן אינטערעס אין דער רעגירונג, שטייען אויף דער וואַך און אַרבעטן אַקטיוו צו שטויסן פאָראויס זייערע אינטערעסן. אַלע פּאַרטייאישע און פּערזענלעכע פּאָליטישע אַמביציעס זיינען צעהיצט און צעקאָכט ביזן העכסטן גראַד. זיי אַלעמען ווייזט זיך אויס, אַז זיי האָבן איצט זייער ווייניג וואָס צו געווינען דורך איינינקייט און זייער אַ סך דורך דעם טראַדיציאָנעלן אַמעריקאַנישע „שלאָג און כאַפּ וואָס און ווי דו קענסט" אין דער היץ פון די וואַלן.

אַזאַ סיטואַציע שיינט ווי ספּעציעל באַשטעלט פאַר היטלער'ס פריינט אין אַמעריקע. זיי זוכן איצט פאַרצווייפלט צו שאַפן צוזאַמענשטויסן, אויס־צונוצן געזעלשאַפטלעכע סכסוכים און ווידערשפּרוכן כדי אונטערצוגראָבן און אָפּשוואַכן דעם קלאַפּ געגן היטלעריזם, וואָס די עפענונג פון דעם צווייטן פראָנט אין מערב־אייראָפּע ברענגט מיט זיך. דערהויפּט שטרעבן זיי אַרויסצורייסן אַמעריקע פון דער טעהעראַנער קאָאַליציע, צו אָפּשאַפן די אויס־זיכט פון אַ לאַנג־טערמיניגן בונד פון די דעמאָקראַטישע לענדער און פון אַ שטאַנדהאַפטיגן שלום, וואָס שרייבט אונטער דעם טויט־אורטייל פון היט־לעריזם. זיי גייט עס אין לעבן צו ברעכן די נאַציאָנאַלע איינינקייט פון

אמעריקע, זיי מוזן אויפהעצן די אמעריקאַנישע אַנטי־פאַשיסטן איינע געגן די אַנדערע, אַזוי אַז זיי זאָלן ניט זיין בכוח צו דערפירן די מלחמה ביז אַ פולן זיג געגן היטלער'ן.

די דאָזיגע צעשטערונג־עלעמענטן אין אַמעריקע אַרבעטן איצט מיט אַלע כחות אָן אַן אָפּשטעל און אָן אַן אָפּהאַלט. מען קאָן זאָגן, אַז הייגט איז זייער טאָג. זיי שטעלן אין געפאַר די צוקונפט פון אונזער לאַנד און פון דער גאַנצער וועלט. זיי מוזן אָפּגעשטעלט ווערן, זיי מוזן געבראַכט ווערן אונטער אַ קאָנטראָל!

אָבער ווי נויטיג עס איז ניט דירעקט צו אונטערדריקן די צעשטערערישע עלעמענטן אין אַמעריקע, איז דאָס אָבער ניט דער וויכטיגסטער מיטל, דורך וועלכן די לאַגע קאָן קאָנטראָלירט ווערן. דער פאַקט איז, אַז די דעפּיטיסטן און פּראָ־נאַצים רעכענען גראָד אויס אויף אַזאַ מעגלעכקייט, כדי צו פאַר־גרעסערן די אומאָרדענונג און צעטומלעניש אין לאַנד. דער וויכטיגסטער שריט וואָס דאַרף געמאַכט ווערן איז צו שטאַרקן דעם גייסט פון אייניגקייט און צוטרוי צווישן די אמת־פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער. אויף אַזאַ אופן פאַרלאַנגט פון אונז די אויפגאַבע פון געווינען די מלחמה, אַז מיר זאָלן שוין איצט באַשליסן אויסצושפּרייטן די פּאָליטיק פון נאַציאָנאַלע אייניגקייט אין דער מלחמה־צייט אויף אַ ריי יאָרן נאָך דער מלחמה. די דאָזיגע פאָדערונג איז אויך אַ דירעקטער רעזולטאַט פון דער טעהעראַנער פּערספּעקטיוו פון אַ לאַנג־דויערנדיגן שלום, וואָרים אַן אַמעריקע, וואָס ווערט צעריסן דורך אַן אינערלעכן קאַמף, וואָלט ניט געקאָנט ווי געהעריג אויספירן איר טייל אין דעם אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישן בונד אין דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט.

קיין גרינגע אויפגאַבע איז דאָס ניט. און בעסער וועט זיין, אויב מיר וועלן צו איר פון אָנהויב אָן צוגיין, ווי צו אַ ציל, וועלכן עס איז שווער צו דערגרייכן און וואָס וועט פאַרלאַנגען די אָנשטרענגונג פון אַלע אונזערע מאָראַלישע און גייסטיגע פייאיגקייטן. אָבער פונקט אַזוי איז אויך נויטיג צוריקצוואַרפן אין אונזער צוגאַנג צו דער פראַגע יעדן מין האָפענונג־לאָזיגקייט און פאַטאַליזם און באַשליסן ביי זיך, אַז די פּראָבלעם קאָן און וועט געלייזט ווערן. דורך אַזאַ צוגאַנג צו דער פראַגע וועלן מיר געפינען דעם וועג, וואָס וועט אונז טריט ביי טריט ברענגען צו דער לייזונג פון אונזער פּראָבלעם, אויב מיר וועלן זיך פעסט האַלטן ביי אים.

ס'רוב פון דעם, וואָס ווערט איצט באַטראַכט אַלס אַ פּלאַנירונג אויף נאָך דער מלחמה, איז דירעקט ניט פאַרבונדן מיט דער פּראָבלעם, וואָס מיר שטעלן זיך די אויפגאַבע צו לייזן, און אַ סך פון דעם איז בכלל אַ שטערונג דערצו, ווייל עס האָט צו טאָן מיט דער אָדער יענער אידייע, וואָס שטייט נאָך אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן. דערפאַר וועט די פּראַקטישסטע זאַך זיין ווען מיר וועלן פאַר זיך איינשטעלן דעם פאָלגנדיגן כלל: אונזער נאָך־

מלחמה־דיגער פּלאַן באַשטייט אין דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון די אויסזיכטן, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אין טעהעראַן.

דאָס קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט געפעלן די אַלע, וואָס האָבן ליב צו פאַרנעמען זיך מיט פּלאַנעווען צוליב די פּלענער גופא, אָדער די וואָס האָבן זייערע באַזונדערע באַליבטע פּלענער און ספּעציעלע אינטערעסן. מוזן מיר אָבער ריזיקירן מיט זייער אומצופרידנקייט און בלויז האָפן, אַז מיר וועלן זיי קאָנען איבערגעווינען אויף אונזער זייט שפּעטער דורך העלפן זיי געפינען אַ פּלאַץ אין אַ גרעסערער אייניגקייט, וואָס זייערע פּלענער קאָנען אַרויסהעלפן שפּעטער, אָבער ניט שאַפן איצט.

די אַמעריקאַנישע נאַציאָנאַלע אייניגקייט קאָן ניט געבויט ווערן לויט אַ פאָראויס־אָנגענומענעם פּלאַן. זי מוז דערגרייכט ווערן טראָט נאָך טראָט דורך געפינען די פּונקטן פון הסכם אין האַנדלונגען, וואָס קאָנען אויסגלייכן צווישן זיך די פריער־ווידערשפּרעכלעכע אינטערעסן פון קלאַסן, גרופּעס און שטרעמונגען, וועלכע זיינען ביז איצט געוואוינט געווען אויסצוקעמפן צווישן זיך זייערע אונטערשיידן. די גרעסטע געפאַר, וואָס שטייט פאַר אונז איז, אַז די אייניגקייט אין דער דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווער מערהייט פון אַמעריקע זאָל געשטערט ווערן פון אינעווייניג דורך אַ פּלאַנטער פון ווידערשפּרעכנדיגע פּלענער, בעת די רעאַקציאָנערע מינדערהייט וועט פאַרנעמען די מאַכט מיט דער הילף פון איר אייניגקייט, וואָס איז געריכטעט צו איין ציל. קיין שום פּלאַן איז ניט ווערט קיין סענט, סיידן ער קאָן פאַראייניגן אַרום זיך אַ רעאַלע מערהייט פון פאָלק, וואָס קאָן אויסדריקן איר אייניגקייט אין מעשים.

צווישן די אַלע מיינונגס־פאַרשיידנקייטן, וואָס קאָנען צעברעכן די אייניגקייט אין דעם לאַגער פון דער פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישער מערהייט, איז די שאַרפסטע די, וואָס ליגט צווישן דער אויסזיכט, אַז אַמעריקע זאָל איבערגיין צו אַ סאָציאַליסטישער סיסטעם און דער, וואָס האַלט, אַז אַמעריקע דאַרף פאַרבלייבן ביי איר איצטיגער סיסטעם, ניט אַריבערגייענדיג אויף אַ פולשטענדיג נייעם פונדאַמענט.

אין דעם היינטיגן אַמעריקאַנער לעבן איז עס קלאָר, אַז עס איז ניט פאַראַן און עס זעט זיך דערווייל ניט אָן קיין מעגלעכע מערהייט, וואָס זאָל קאָנען פאַראייניגט ווערן אַרום אַ טעטיגקייט־פּראָגראַם, וואָס איז געבויט אויף אַ סאָציאַליסטישער אויסזיכט פאַר אונזער לאַנד. אפילו ווען מיר זאָלן קאָנען פאַראייניגן צווישן זיך אַלע ווידערשפּרעכנדיגע סאָציאַליסטישע באַגריפן, וואָלטן זייערע אָנהענגער אַלץ געבילדעט אַ קליינע מינדערהייט אין לאַנד. דעריבער מוזן מיר אָפן דערקלערן, אַז די פּראַקטישע פּראָגראַם וואָס קאָן צוזאַמענברענגען אַן אַמעריקאַנער מאַיאָריטעט צו שטיצן דעם הסכם פון טעהעראַן וועט אָננעמען די עקזיסטירנדיגע עקאָנאָמישע סיסטעם אַלס

גרונט פאַר אירע האַנדלונגען און אַלס איר אויסגאַנג־פּונקט.

איך בין טיף איבערצייגט, אַז דאָס אַמעריקאַנער פאָלק איז סוביעקטיוו אַזוי ווייניג צוגעגרייט צו אַ וועלכער עס איז טיפערער ענדערונג אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם, אַז נאָך־מלחמה׳דיגע פּלענער, וואָס שטעלן אַרויס סאָציאַליזם אַלס זייער ציל, וואָלטן ניט פאַראייניגט דאָס פאָלק, נאָר זיי וואָלטן אים נאָך מער צעטיילט. און צעטיילט וואָלטן זיי גראָד דעם דעמאָקראַטישן און פּראָגרעסיוון לאַגער, פאַראייניגנדיג און שטאַרקנדיג אין דער זעלביגער צייט די רעאַקציאָנערע קרעפטן אין לאַנד. אַזעלכע פּלענער וואָלטן פּאַקטיש געהאָלפן די אַנטי־טעהעראַן קרעפטן צו קומען צו דער מאַכט אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

אָנהענגער פון סאָציאַליזם, וואָס ווילן אַקטיוו ווירקן אַלס טרעגער פון איינינקייט אין דעם ברייטן דעמאָקראַטישן לאַגער, מוזן דעריבער פאַראויס קלאָר מאַכן, אַז זיי וועלן ניט אויפהויבן די פראַגע וועגן סאָציאַליזם אויף אַן אופן וואָס קאָן שטעלן אין געפאַר, אָדער אָפּשוואַכן די נאַציאָנאַלע איינינגקייט. זיי מוזן אין אַלע פּראַקטישע פראַגן שטעלן זייערע סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען אויפן צווייט פּלאַן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ געמיינזאַמער פּראָגראַם פון דער מערהייט פון פאָלק.

די דאָזיגע פּראָבלעם איז פאַר די אָנהענגער פון סאָציאַליזם בשום אופן ניט קיין נייע. זינט היטלער איז געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד איז זי אַלץ מער און מער געוואָרן די צענטראַלע פּראָבלעם ביים צונויפזאַמלען די קרעפטן, וואָס וועלן אויף אייביג באַזייטיגן פון דער ערד די פאַשיסטישע געפאַר. שוין אין זומער פון יאָר 1942 האָב איך פאָראויסגעזאָגט די מעגלעכקייט פון דער איצטיגער שטעלונג פון דער פּראָבלעם, ווען איך האָב געשריבן:

„אויב די פאַראייניגטע שטאַטן וועלן דערפאָלגרייך אויסהאַלטן די ביטערע פּראָבע פון דער מלחמה און בייטראָגן זייער חלק צום נצחון, וועלן זיי כמעט אויף זיכער אַרייַן אין דער נאָך־מלחמה׳דיגער וועלט אַלס די שטאַרקסטע קאַפּיטאַליסטישע מלוכה און אַלס דער פּאָליטישער צוציאונג־צענטער פון דעם קאַפּיטאַליסטישן טייל פון דער וועלט. זי וועט דעריבער דאַרפן שפּילן אין דער משפחה פון די פעלקער אַן אומגעהויער וויכטיגע ראָלע.

„די צענטראַלע פּראָבלעם פון דער דאָזיגער נאָך־מלחמה׳דיגער וועלט וועט זיין צי די מיטאַרבעטערשאַפט צווישן די יונאַיטעד נעישאַנס, וואָס איז איינגעשטעלט געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה, וועט יאָ אָדער ניט קאָנען פאָרגעזעצט ווערן אויך נאָך דער מלחמה, כדי קאָלעקטיוו צו האַנדלען וועגן די פּראָבלעמען פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער רעקאָנסטרוקציע פון דער וועלט. פון דעם ענטפער אויף אָט דער פראַגע הענגט אָפּ יעדע ווייטערדיגע באַשטימונג פון דעם כאַראַקטער פון דער נאָך־מלחמה וועלט.

„אויב ס'וועט מעגלעך זיין פאַרצוזעצן און אויסצוברייטערן דעם בונד פון די מלוכות אַלס צענטער פון דער וועלט־מיטאַרבעטערשאַפט, וועט מעגלעך זיין צו האָבן אַ רעאַלע אויסזיכט אויף דעם, אַז די שרעקלעכע וואונדן פון דער מלחמה וועלן זיך שנעל פאַרהיילן און אַז עס וועלן געמאַכט ווערן גרויסע שריט פאָראויס אין דערגרייכן פאַר אַלע פעלקער די צילן פון דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן פאָרשריט, וואָס זיינען אָנגעצייכנט געוואָרן אין דעם אַטלאַנטיק טשאַרטער. דעמאָלט וועט מעגלעך ווערן צו פאַרמינערן די איבער־קערענישן און בירגער־מלחמות, וואָס קלייבן זיך אָן אין גאַנג פון דער וועלט־מלחמה און וואָס קאָנען אויסברעכן באַלד נאָך דעם, ווי זי וועט זיך ענדיקן. דעמאָלט וועט מעגלעך ווערן צו דערשלאָגן זיך פאַר אַלע מלוכות אַ מאַקסימאַלן גראַד פון פרידלעכער און אָרדנטלעכער אַנטוויקלונג." *)

אָט די אויסזיכט, וועלכע איך האָב אין יאָר 1942 געקאָנט באַהאַנדלען בלויז אַלס אַ געווינטשטע מעגלעכקייט, איז איצט, נאָך דער מאָסקווער און טעהעראַנער קאָנפערענצן, געוואָרן אַ פּראַקטישע טעטיגקייט־פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער וועלט, — אַ פּראָגראַם, אונטער וועלכער עס געפינען זיך די אונטערשריפטן פון רוזוועלט'ן, טשוירטשיל'ן און סטאַלינען. אויב מיר גלויבן, אַז די דאָזיגע פּראָגראַם איז אַ רעאַליסטישע און אַ געוואונטשענע, דאַן וועלן אַלע אונזערע פּלענער זיך פאַרנעמען מיט איר פאַרווירקלעכונג.

ווי די לאַגע זאָל ניט זיין אין אַנדערע לענדער, שאַפט די אויסזיכט פון די טעהעראַנער באַשלוסן אין די פאַראייניגטע שטאַטן פאַר דעם באַלדיגן נאָך־מלחמה פּעריאָד און פאַר לאַנגע יאָרן שפּעטער אַן אויסזיכט פון אויס־געברייטערטער פּראָדוקציע און באַשעפטיגונג און פון דער פאַרשטאַרקונג פון דער דעמאָקראַטיע אין די ראַמען פון דער איצטיגער עקאָנאָמישער סיסטעם, און ניט קיין אויסזיכט פון אַן איבערגאַנג צום סאָציאַליזם.

אָט דאָס איז דער איינציגער מעגלעכער באַזיס פאַר אַ פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער איינגקייט אין אַמעריקע סיי אין דער צייט פון מלחמה, סיי אין דעם פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה.

דעריבער איז די אויפגאַבע פון די מאַרקסיסטן און פון אַלע אָנהענגער פון סאָציאַליזם אין די פאַראייניגטע שטאַטן צו קוקן מיט אָפענע אויגן און אָננעמען מיט אַלע אירע קאָנסעקווענצן אַן אויסזיכט פון קאַפּיטאַליס־טישע פאַראייניגטע שטאַטן אין דער צייט פון דעם נאָך־מלחמה'דיגן איבער־בוי פון דער וועלט, צו באַטראַכטן אַלע פּלענער פון אָט דעם שטאַנדפּונקט און אַקטיוו מיטצואַרבעטן מיט דער דעמאָקראַטישסטער און פּראָגרעסיווסטער מערהייט פון לאַנד אין אַ נאַציאָנאַלער איינגקייט, וואָס איז גענוג ברייט און גענוג ווירקזאַם צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטיק פון טעהעראַן.

---

*) אוירל בראָודער: „וויקטאָרי ענד עפטער" (זיג און נאָכן זיג), ז. 251. אַרויסגעגעבן פון אינטערנעשאַנאַל פּאַבלישערס, 1942.

קאַפּיטל צען

די כאַראַקטער־שטריכן פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם

די נאַציאָנאַלע איינִיגקייט פון אַמעריקע שליסט אין זיך נויטיגערווייז איין און מוז איינשליסן אַן אַנטשיידנדיגן טייל פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטן, דאָס הייסט, פון די מענטשן, וואָס האָבן אַ דירעקטן רעאַלן קאָנטראָל איבער דער עקאָנאָמיק פון לאַנד. דער דאָזיגער פאַקט באַשטימט פאָראויס אַ ריי פּונקטן פון דער פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט; אונזער פּראָבלעם וועט דעריבער ווערן קלאָרער, אויב מיר וועלן באַטראַכטן איינִיגע כאַראַקטער־שטריכן פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם און פון זיינע פירער.

קודם כל איז נויטיג קלאָר צו מאַכן אַ געוויסן ווידערשפּרוך, וואָס פאַר־אורזאַכט אַ סך מיספאַרשטייעניש. דער דאָזיגער ווידערשפּרוך באַשטייט אין דעם, וואָס דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם איז דער אַנטוויקלטסטער אין דער וועלט, אָבער ניט דער רייפסטער. ער איז דער אַנטוויקלטסטער אין דעם פּרט, וואָס ער איז דער שטאַרקסטער; ער האָט דערפירט די טעכניק פון פּראָדוקציע ביז דער העכסטער שטופע אין דער וועלט. און ער האָט דערביי איינגעהאַלטן אין זיך די קלענסטע פּראָפּאָרציע פון די פאַר־קאַפּיטאַליסטישע סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאָרמען. אָבער ער איז ניט דער רייפסטער קאַפּיטאַליזם אין דעם זינען, וואָס ער ווייזט נאָך ניט אַרויס די פולע עוואָלוציע פון זיינע אינערלעכע אַנטוויקלונג־טענדענצן, ער האַלט נאָך איין אין זיך אַ ריי שטריכן פון אַ יונגן קאַפּיטאַליזם און שטייט אָפּ אין פּרט פון פאַרשטיין זיך אַליין און פון זעלבסט־באַוואוסטזיין.

די פאַרהעלטניסמעסיגע ניט־דערוואַקסנקייט פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם געפינט איר טיפּישן אויסדרוק אין דעם, ווי ער קלאַמערט זיך אָן דעם לאָזונג פון „פרייער אונטערנעמונג", ווי אַ פּרימיטיווער מענטש האַלט זיך אָן זיין קמיע (קאַמייע). די קלענסטע אָומאַכטונג צו „פּריוואַטער אונטערנעמונג" מאָביליזירט די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אין אַ סאָלידן שויץ־בלאָק שנעלער און גרינטלעכער, איידער וואָס עס איז אַנדערש. אייראָ־פּיאישע און אפילו קאַנאַדער קאַפּיטאַליסטן זיינען אַ סך פאַרהאַרטעוועטער און רעאַליסטישער און זיינען אַ סך ווייניגער געבונדן אין זייער דענקען דורך דעם דאָזיגן שפּרוך. אָבער פאַר אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן אַלס כלל איז „פרייע אונטערנעמונג" הייליג און אומבאַרירבאַר, ספּעציעל אין וואָרט און אין טעאָריע, — הגם אָפּווייכונגען פון דעם אין דער פּראַקטיק ווערן גערן פאַרזען, ספּעציעל אויב די אָפּווייכונג ווערט געמאַכט אונטער אַ גע־העריגן פרומען אויסרייד און מיט אַן אָנשטעל, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין אָפּווייכונג.

מיר קאָנען, נאַטירלעך, ניט אָננעמען די דאָזיגע פאַרהייליגונג פון „פרייער אונטערנעמונג" פאַר אַ מעטאָד פון אונזער דענקען. אָבער מיר זיינען געצוואונגען צו רעכענען זיך מיט דעם אין דער פולער מאָס און אויסצומיידן אַ דירעקטן אָפּפרעגן פון דער גילטיקייט פון דעם פּרינציפּ פון „פרייער אונטערנעמונג", ווען מיר האַלטן אין אויסאַרבעטן אַ פּראָגראַם פאַר אַ דעמאָקראַטישער מערהייט אַמעריקאַנער, וואָס שליסט אין זיך איין אויך אַ וויכטיגן טייל פון די קאַפּיטאַליסטן. די דאָזיגע פּראָבלעם איז אין אַ געוויסן פּרט ענלעך אויף דער פּראָבלעם פון רעליגיעזער פרייהייט און טאָלעראַנץ, וואָס פאַרלאַנגט אַ רעספּעקטפולע שטעלונג צו אַלע רעליגיעזע איבערצייגונגען און צו די מענטשן, וואָס האַלטן זיך ביי זיי, הגם קיינער איז ניט מחויב אַליין צו גלויבן אין זיי.

די שונאים פון דער טעהעראַנער פּראָגראַם פאַר אַמעריקע מאָביליזירן זייערע קרעפטן אונטער דעם לאָזונג פון דער פאַרטיידיגונג פון „פרייער אונטערנעמונג", פון היים, מוטערשאַפט, רעליגיע און נאַציאָנאַלע סואווערענישקייט. דער לאָזונג, אויף וועלכן זיי פאַרלאָזן זיך, אַז ער וועט העלפן מאָביליזירן די קאַפּיטאַליסטן אויף זייער זייט, איז דער לאָזונג פון „פרייער אונטערנעמונג". דורך דעם האָפן זיי אויך אַריינצוברענגען אַ צעטומלעניש אין דעם דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיוון לאַגער, וואָס פאַר דער מערהייט פון זיינע אָנטיילנעמער האָט „פרייע אונטערנעמונג" די זעלביגע מאַגישע באַדייטונג, ווי היים און מוטער, ווייל זיי האָבן איינגעזויגן די דאָזיגע אידעאָלאָגיע צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך. „פרייע אונטערנעמונג" איז נאָך אַלעמען אַ פאַרצויגענער נאָמען פאַר קאַפּיטאַליזם. אַזוי ווי מיר, מאַרקסיסטן, וועלכע זיינען איבערצייגטע סאָציאַליסטן, נעמען אָן, אַז ס'וועט נויטיג זיין אַ לאַנגע צייט צו קאָאָפּערירן, כדי צו מאַכן, אַז דער קאַפּיטאַליזם זאָל אַרבעטן פאַר דעם וואוילזיין פון אַמעריקע און פון גאַר דער וועלט, וואָלט פון אונזער זייט געווען פּשוט נאַריש צו בריקעווען זיך געגן דער נויטיגקייט אויסצוהערן מיט רעספּעקט ווי מען באַצייכנט דעם קאַפּיטאַליזם אַלס „פרייע אונטערנעמונג". דעריבער דערקלערן מיר פאַראויס, אַז מיר נעמען אָן, אַז דער דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווער לאַגער, צו וועלכן מיר שטייען צו, וועט אָננעמען אַ פּונקט וועגן דעם שוץ פון „פרייער אונטערנעמונג"; אַז מיר פאַרשטייען, אַז דער דאָזיגער טערמין איז אַן אַנדער נאָמען פאַר דעם קאַפּיטאַליזם, ווי ער עקזיסטירט ביי אונז אין לאַנד, און אַז מיר וועלן ניט אַרויסטרעטן געגן דעם און וועלן ניט אַרויסשטעלן קיין געגן־לאָזונגען.

אַזוי ווי דאָס איז איינער פון די נויטיגע שריט פאַר דער קאָנסאָלידאַציע פון אַ ווירקזאַמער מערהייט אַרום דער פּראָגראַם פון טעהעראַן, וועלן מיר מיט אַלע מעגלעכקייטן העלפן באַזייטיגן די פאַרפירערישע אישו פון „פרייער אונטענעמונג" פון דעם גאַנצן וואַל־קאַמפּעין פון 1944.

עס איז ווייטער נויטיג צו באַמערקן, אַז די בענקשאַפט פון געוויסע

אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן נאָך אַ פריערדיגן פאַריאָד פון זייער אייגענער סיסטעם, וואָס דריקט זיך אויס אין זייער קלאַמערן זיך אין דעם לאָזונג וועגן „פרייער אונטערנעמונג", איז אָפּט פאַרבונדן מיט אַ פאַרביטערטער געגנערשאַפט געגן אויפהויבן זיך אויף אַ וועלכער עס איז העכערער שטופע פון דער קאַפּיטאַליסטישערווירטשאַפט־פאָרם. זיי קאָנען ניט אונטערשיידן צווישן שטאַטס־קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז אַ העכערע אָרגאַניזאַציע־פאָרם פון זייער אייגענער באַליבטער סיסטעם, און צווישן סאָציאַליזם, וועלכער מיינט די אָפּשאַפונג פון קאַפּיטאַליזם. זיי טרעטן אַרויס געגן שטאַטס־קאַפּיטאַליזם כמעט מיט דעם זעלביקן ברען ווי געגן סאָציאַליזם. דאָס איז די אורזאַך, פאַרוואָס דער דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווער לאַגער וואָלט ניט געקאָנט געווינען דאָס לאַנד אין די וואַלן פון יאָר 1944, אויב ער זאָל שטיצן אַפילו אַ מילדע פּראָגראַם פון מלוכה־איינגנטום איבער די בענק, באַנען, מאַינס, עפנטלעך־נוצלעכע אונטערנעמונגען א. אז. וו., הגם אַזעלכע מיטלען וואָלטן זייער שטאַרק פאַרגרעסערט די ווירקזאַמקייט פון קאַפּיטאַליזם און וואָלטן אים געהאָלפן בעסער צו קאָנען פאַרענטפערן זיינע פּראָבלעמען.

אַפילו אונטער דעם גוואַלדיגן דרוק פון דער מלחמה, וואָס פאָדערט דרינגענדיג אַ וואָס־גרעסערע אַריינמישונג פון דער רעגירונג אין דער ראַציאָנאַליזירונג פון דעם עקאָנאָמישן לעבן (אַ נויטיגקייט, וואָס איז דאָקומענטאַל באַשטעטיגט געוואָרן אין די רעפּאָרטן און פאַרשלאָגן פון דער טאָלאַן־קאָמיטע אין הויז און פון דער קילגאָר־פּעפּער קאָמיטע אין סענאַט און דורך די געזעץ־פּראָיעקטן, וואָס זיינען אַריינגעטראָגן געוואָרן אין ביידע הייזער פון קאָנגרעס דורך די אָנפירער פון די ביידע קאָמיטעס), האָט פּרעזידענט רוזוועלט ניט געפונען פאַר מעגלעך אויסצונוצן זיין מאַכט אין דער ריכטונג און דער קאָנגרעס האָט אין דעם פּרט ניט געמאַכט קיין איין איינציגן שריט. אַפילו פּרעזידענט רוזוועלטס מילדע „7־פּונקטיגע פּראָגראַם" געגן אינפלאַציע איז צוריקגעוואָרפן געוואָרן אין קאָנגרעס מיטן רעזולטאַט פון אַ כראָנישן און שטערנדיגן אַרבעטער־קריזיס און פון דעם וואוקס פון אַ געפערלעכער ניט־שטאַנדהאַפטיגקייט פון אונזער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. דער פּרעזידענט איז וואַרשיינלעך געווען גערעכט, ווען ער האָט באַרעכנט, אַז יעדער דרוק פון זיין זייט אין דער דאָזיגער ריכטונג וואָלט פאַרשאַפט אַן אומצופרידנקייט מיט אונזער מלחמה־אָנשטרענגונג צווישן יענע קאַפּיטאַליסטן, וועמעס פאָראורטיילן עס וואָלטן אויפגעברויזט געוואָרן, און אַז דער שאָדן פון דעם פאַר דער מלחמה־אָנפירונג וואָלט איבערגעשטייגט דעם נוצן וואָס מען וואָלט באַקומען פון אַ גרעסערער עקאָנאָמישער טיכטיגקייט.

נאָך געפערלעכער פאַר אַ ווירקזאַמער איינינגקייט פון דער דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווער מערהייט איז די טענדענץ פון געוויסע ליבעראַלע און מיטל־קלאַס עלעמענטן אָנצונעמען דעם לאָזונג וועגן „פרייער אונטערנעמונג" צו־בוכשטעבלעך און ענטוזיאַסטיש אַלס אַ פּראַקטישן לאָזונג און פאַרצושלאָגן

צו פאַרווירקלעכן אים באַלד דורך אַ פּראָגראַם פון צעברעכן די טראַסטן און מאָנאָפּאָליעס און אָפּשאַפן די קאַרטעלן. דאָס קאָן בלויז העלפן אַריינ־ וואַרפן די קאַפּיטאַליסטן אַלס גרופּע אין דעם רעאַקציאָנערן און דעפּיטיסטישן לאַגער פונקט אַזוי זיכער, ווי ווען מען וואָלט איינגאַנצן צוריקגעוואָרפן דעם לאָזונג פון „פרייער אונטערנעמונג". דאָס ערשטע וואָלט פונקט אַזוי אָנ־ גערירט זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן, ווי דאָס צווייטע וואָלט באַליידיגט זייערע נשמות. וואָרים זיי האַלטן פון זייער „פרייער אונטערנעמונג", פּונקט ווי זיי האַלטן פון זייער רעליגיע: זיי לאָזן ניט אָפּפרעגן איר הייליגקייט, אָבער זיי האַלטן זי אָן נאָר צוליב געוויסע צערעמאָניעס און ימים־טובים און ניט צוליב די פּראַקטישע וואָכעדיגע באַדערפענישן. אַט דערפאַר וואָלט יעדער פונקט ווענן טראַסט־ברעכעריי אין דער פּראָגראַם פון דעם פּראָגרעסיוו־ דעמאָקראַטישן לאַגער געווען ניט מער ווי אַ פאָרמעלע צערעמאָניע אָן אַ פּראַקטישן ווערט, ניט נאָר דערפאַר, ווייל ס'איז אוממעגלעך צוריקצוקערן דעם קאַפּיטאַליזם צו אַ פאַרגאַנגענער שטופע פון אַנטוויקלונג, נאָר צוליב דער מער דירעקטער, פּראַקטישער אורזאַך, וואָס אַנדערש וואָלטן די קאַפּי־ טאַליסטן זיך פאַראייניגט געגן איר אַלס אַ קלאַס און ס'וואָלט געווען אומ־ מעגלעך צו געווינען געגן אַ פאַראייניגטן קאַפּיטאַליסטישן קלאַס די וואַלן פון 1944.

פּשוט גערעדט באַשטייט דער גאַנצער ענין אין דעם, וואָס אין אונזער היינטיגער אַמעריקע מיינט „פרייע אונטערנעמונג" אין דער פּראַקטיק בלויז די פרייהייט פון דעם קאַפּיטאַל צו קאָנצענטרירן זיך און צענטראַליזירן זיך אין גרויסע אָרגאַניזאַציעס, אין דער פאָרם פון טראַסטן, קאָמבינאַטן און קאַרטעלן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די העכסטע אַנטוויקלונג פון קאַפּי־ טאַליסטישע מאָנאָפּאָליעס.

נאָכדעם ווי די מלחמה וועט זיך ענדיגן וועט דער מאָנאָפּאָליסטישער כאַראַקטער פון דעם אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם זיך נאָך מער פאַרשאַרפן. ניט ווייניגער ווי 70 פּראָצענט פון דער ריזיגער נאַציאָנאַלער קריגס־פּראָ־ דוקציע ליגט אין די הענט פון אַ הונדערט פון די גרעסטע קאָרפּאָראַציעס, און אַ העלפט פון דעם ווערט פּראָדוצירט דורך צען פירנדיגע אינדוסטריעלע גיגאַנטן. דער דאָזיגער אומגעהויערער שריט פאָראויס אין דער ריכטונג פון קאָנצענטראַציע און צענטראַליזאַציע פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט קאָן ניט און וועט ניט צוריקגעשטופּט ווערן. פאָרשלאָגן היינט און דיסקוטירן די אָפּשאַפונג פון די גרויסע קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציעס איז דעריבער אַן ענין בלויז פאַר ליידיקגייער און פּלאַפּלער, וואָס האָבן ליב דעם קלאַנג פון זייערע אייגענע שטימען און האָבן מער ניט וואָס צו טאָן אַ חוץ רעדן.

אָבער פאַרשטייט די אומפאַרמיידלעכקייט פון דער צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל מיינט ניט אונטערגעבן זיך דעם פרייען אויסדרוק פון אַלע אַנט־ וויקלונג־טענדענצן, וואָס די גרויסע טראַסטן און מאָנאָפּאָליעס האָבן דער־

ווײַלע אַרויסגעוויזן. צוזאַמען מיט דער העכערער טעכנאָלאָגיע, וואָס גיט דעם מאָנאָפּאָל־קאַפּיטאַל זײַן קראַפט, אַנטוויקלען זיך פּאַראַזיטישע טענדענצן, וואָס אַרבעטן אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, וואָס זײַנען מקריב דעם טעכנישן פּראָגרעס לטובת אַ פאַרשטאַרקטער עקספּלואַטאַציע, וואָס שלינגען אײַן די קליינע קאַפּיטאַליסטן דורך באַנדיטן־אַרטיגע אָנפאַלן אויף זיי, וואָס שטעלן זייערע אייגענע ענג־פאַרשטאַנענע אינטערעסן העכער פון די נאַציאָנאַלע אינטערעסן א. אַז. וו. אויב זיי וועלן שאַרף ניט אָפּגעשטעלט ווערן, וועלן די דאָזיגע פּאַראַזיטישע טענדענצן אַרײַנטרײַבן דעם קאַפּיטאַליזם אין אַ סעריע פון שנעל־וואַקסנדיגע קריזיסן. די קליינע אונטערנעמונגען מוזן באַשיצט ווערן און באַקומען אַ געלעגנהייט צו אַנטוויקלען זיך הויפּטזאַכלעך אויף די געביטן, אין וועלכע דער טראָסט־קאַפּיטאַל אײַלט זיך ניט אַרײַנצוגיין און וואו ער פאַרלאַנגזאַמט אַפילו דעם טעכנאָלאָגישן פּראָגרעס.

די רעגולירונג און באַגרענעצונג פון דעם מאָנאָפּאָליסטישן קאַפּיטאַל אין אַ געזעלשאַפט, וואו ער שפּילט אַ הערשנדיגע ראָלע, איז ניט קיין לײַכטער און פּשוט׳ער ענין. אויב דער גרויסער קאַפּיטאַל פאַראייניגט זײַנע קרעפטן קעגן דער גאַנצער איבעריגער געזעלשאַפט און קעמפט פאַר אַן אומבאַגרענעצטער הערשאַפט, איז זייער אַ גרויסער צווייפל צי ער קאָן דערפאָלגרײַך רעגולירט ווערן, סײַדן עס צעפלאַקערט זיך אַ גרויסער פּאָליטישער און סאָציאַלער קאַמף און אַ קריזיס, וואָס ברענגט דערצו, אַז אַ סאָציאַליסטישע סיסטעם זאָל פאַרבײַטן די איצטיגע אָרדענונג.

אָבער אויב אין די רייען פון גרויס־קאַפּיטאַל געפינט זיך אַ גענוגנדיגע צאָל מענטשן מיט אַ ווײַטן בליק און פאַרשטענדעניש, וואָס אָנערקענען די זעלבסטמערדערישע רעזולטאַטן פאַר זייער אייגענער עקאָנאָמישער סיסטעם, וועלכע קומען אומפאַרמײַדלעך דורך דעם, וואָס זי מײַדט אויס צו סובאָרדינירן אירע האַנדלונגען אונטער אַ ברייט־פאַרשטאַנענער און גענויגעפּלאַנעוועטער פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער אויסשפּרייטונג פון וואוילזײַן פאַר אַלעמען, — דאַן קאָנען אַזעלכע מענטשן, אַלס אַ טייל, אָדער אַלס אַזעלכע וואָס אַרבעטן צוזאַמען מיט דעם דעמאָקראַטישפּראָגרעסיוון לאַגער פון פאָלק, ווערן די אָנפירער פון דעם גרויסן קאַפּיטאַל אין אַ מאַקסימום פון זעלבסט־באַגרענעצונג אין דער ריכטונג פון רעגירונגרעגולאַציעס, וואָס וועלן אויף אַ ווירקזאַמען אופן אײַנצאַמען די אַנטיסאָציאַלע און אַנטי־נאַציאָנאַלע טענדענצן פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל אין אַ גענוגנדיגער מאָס, אַז ער זאָל זיך קאָנען באַטייליגן אין דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט, וואָס שטיצט די פּראָגראַם פון טעהעראַן.

עס מערן זיך אַלץ מער די פאַקטן, וואָס ווײַזן, אַז אין די רייען פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל זײַנען פאַראַן אַזעלכע מענטשן מיט אַ ווײַטערן בליק און טיפערער פאַרשטענדעניש. זייער צאָל וועט וואַקסן און זייער איניציאַטיוו און פירערשאַפט וועט געשטאַרקט ווערן אין דער מאָס, אין וועלכער עס וועט

פאַר זיי קלאָר ווערן, אַז עס איז פאַראַן אַ געמיינזאַמע פראַקטישע פּלאַטפאָרם, ארום וועלכער זיי קאָנען זיך פאַראייניגן און פאַראייניגן זיך טאַקע צוזאַמען מיט דעם ברייטן פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישן לאַגער, די אָרגאַניזירטע אַר־בעטער־באַוועגונג איינגעשלאָסן, וואָס העלפט־מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן פון דעם גאַנצן לאַנד. מיר מוזן זיך אויסלערנען צו באַגריסן דאָס דערשיינען פון אַזעלכע מענטשן און צו באַווייזן אין פּראַקטישן לעבן, אַז אַזאַ פּראָבע צוזאַמענצואַרבעטן אין דעם גייסט פון נאַציאָנאַלער איינהייט איז סיי מעגלעך, סיי נוצלעך. קיין זאַך קאָן ניט ווערן אַזוי געפערלעך פאַר די אויס־זיכטן פון טעהעראַן, אויף וויפיל דאָס האָט אַ שייכות צו די פאַראייניגטע שטאַטן, ווי אַ באַציאונג פון אַ דורכאויסיגיער און ניט־איבערקלייבערישער פיינטלעכקייט צו אַלע טוער פון דעם גרויס־קאַפּיטאַל מצד די אַרבעטער און די ליבעראַלע טיילן פון אונזער דעמאָקראַטיע. וואָרים אַזאַ באַציאונג קאָן בלויז פאַרטרייבן די אינטעליגענטערע קאַפּיטאַליסטן צוריק אין די אָרעמס פון זייערע מער־רעאַקציאָנערע קאָלעגן און סאָליד פאַראייניגן די מעכטיגסטע גרופּע אין דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט נעגן יעדן פּראָגרעס.

עס קאָן ניט זיין קיין ווירקזאַמע נאַציאָנאַלע איינהייט אין אַמעריקע אויף צו פאַרזיכערן און פאַנאַנדערוויקלען די פּראָגראַם פון טעהעראַן, אויב אין איר ווערן ניט אַריינגענומען די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, וואָס זיינען פייאיג צו קעמפן און אַריבערצוגעווינען פאַרן אָנטייל אין איר ווייניגסטנס אַ געוויסן מינימום פון זייער גאַנצער גרופּע.

קאַפּיטל עלף

עלעמענטן פון אַן עקאָנאָמישער פּראָגראַם

פּאָליטישע פּראָגראַמען מוזן אין לעצטן סך־הכל באַגרינדעט ווערן אויף עקאָנאָמישע פאַקטן. פונקט אַזוי מוז אַן עקאָנאָמישע פּראָגראַם געפינען איר אויסדרוק אין פּאָליטישע ראַמען. די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לעבנס־פאָרמען זיינען ענג פאַרבונדן צווישן זיך און יעדע ענדערונג אין איינער פון זיי רופט כמעט שטענדיג אַרויס אַן ענדערונג אין דער אַנדערער. עס איז נויטיג איבערצו׳חזר׳ן דעם דאָזיגן אלף־בית אמת צוליב די וואָול־גאַריזאַטאָרן, וואָס רעדן לייכטזיניג וועגן דעם „ריין־פּאָליטישן" כאַראַקטער פון טעהעראַן.

אַמעריקע מוז געפינען פאַר זיך אַן עקאָנאָמישע פּראָגראַם, וואָס אַנט־שפּרעכט איר ראָלע אַלס אַהויפּט־שותף אין דעם טעהעראַנער אָפּמאַך. אַזאַ

עקאָנאָמישע פּראָגראַם קאָן ניט אויסגעזויגן ווערן פון פינגער אָדער צו־געטראַכט ווערן דורך אַן איינצעלנעם פּראָיעקט־מאַכער. זי מוז שטאַמען פון די עקזיסטירנדיגע פאַקטאָרן פון דער אַמעריקאַנער עקאָנאָמיק, ווי מיר קענען זי איצט, איינשליסנדיג דעם קלאַסן־געבוי פון אונזער געזעלשאַפט און זיינע פּאָליטישע אינסטיטוציעס אין פאַרבינדונג מיט דער ארומיגער וועלט. זי מוז געפינען אַ פּונקט, אין וועלכן אַלע קלאַסן, וואָס גייען אריין אין דער נאַציאָנאַלער איינינקייט, האָבן אַ געמיינזאַמען אינטערעס, און אָנהויבן בויען פון אָט דעם פּונקט. אַזאַ מעטאָד וועט געווינען אַ מאַקסימום צו־שטימונג און ארויסרופן אַ מינימום געגנערשאַפט צווישן די פאַרשיידענע גרופּעס און קלאַסן, צווישן וועלכע עס שפּילן די הויפּט־ראָלע די ביזנעסלייט (די אינדוסטריעלע און פינאַנציעלע קאַפּיטאַליסטן און זייערע פּאַרוואַלטער) און די אַרבעטנדיגע קלאַסן (די אינדוסטריעלע אַרבעטער און די פּאַרמער). אַזאַ פּונקט פון געמיינזאַמען אינטערעס האָט זיך שוין ארויסגעוויזן אין די עפנטלעכע דיסקוסיעס, אין דעם פאַרלאַנג פון אַלע זייטן, אַז די אַמעריקאַנער ווירטשאַפט מוז אָנהאַלטן איר פולע פּראָדוקציע אין דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד.

דאָס איז אַן אַנטשיידנדיגער טריט פאָראויס פון דעם אָנגענומענעם אַרט דענקען אין אונזער לאַנד. כדי צו איבערצייגן זיך, אַז דאָס איז ביי אונז באמת עטוואָס נייעס, איז נויטיג צו דערמאָנען זיך, אַז אַזוי שפּעט נאָך ווי אין יאָר 1942 האָט די אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פון פּאָליטישער און סאָ־ציאַלער וויסנשאַפט פאַרנומען פּונקט אַ געגנזעצלעכע שטעלונג, דערקלערנדיג אַלס אַקסיאָמע, וואָס קאָן גאָר ניט אָפּגעפרעגט ווערן אַלס באַזיס פון יעדער פאָרשטעלונג וועגן דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד, אַז „די נאַציאָנאַלע הכנסה וועט דעמאָלט כמעט איבער נאַכט פאַלן ביז אַ העלפט, אָדער אפשר אפילו ביז אַ דריטל פון איר קריגס־הויכפּונקט". אָבער אין יאָר 1944 פאַרטיידיגט שוין ניט קיין שום אַנשטאַלט אָדער פּערזאָן אַזאַ מיינונג. היינט הערט מען בלויז אַזעלכע שטימען, וואָס פאָדערן גאַראַנטיעס, אַז די אַמעריקאַנער עקאָ־נאָמיק וועט אַרבעטן אין דער פולער מאָס פון אירע מעגלעכקייטן אויך נאָך דער מלחמה.

לאָמיר קודם כל זען צי עס איז מעגלעך אָנצוצייכענען פאַר זיך די הויפּט־שטריכן פון דער פּראָבלעם אין זייער פשוט'ע טערמינען, אַזוי אַז מיר זאָלן זיך ניט פאַרלירן אין דעם געדיכטן וואַלד פון אירע פּרטים.

דער פולער נאָך־מלחמה'דיגער שוואונג פון אונזער נאַציאָנאַלער ווירט־שאַפט מיינט אַמווינציגסטן, אַז די נאַציאָנאַלע הכנסה אין טערמינען פון פּראָדוקציע און באַזאָרגונג זאָל אָנגעהאַלטן ווערן אויף דער הויך, וואָס זי האָט דערגרייכט אין דער צייט פון דער מלחמה (וואָס האָט אין יאָר 1943 דערגרייכט ביז 188 ביליאָן דאָלער און וועט, ווי מען דערוואַרט, אין יאָר 1944 איבערשטייגן 200 ביליאָן). די דאָזיגע ציפער דאַרף נאָך פאַרגרעסערט

ווערן אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די דעמאָביליזאַציע פון אונזערע באוואָפנטע קרעפטן נאָך דער מלחמה וועט ברענגען מיט זיך אַ פאַרגרעסערונג פון אונזערע ארבעט־קרעפטן. אָבער לאָמיר יעדנפאַלס נעמען די ציפער אַלס אַ מינימום.

די צענטראַלע פראָבלעם ליגט אין דער פּראָדוקציע פון די קריגס־באַשטעלונגען פון דער רעגירונג, וואָס דערגרייכן ביז 85־90 ביליאָן דאָלער אַ יאָר. מיטן סוף פון דער מלחמה וועט דער דאָזיגער מארק פלוצלונג און אויטאָמאַטיש פאַרשווינדן, — אויסער דעם טייל, וואָס וועט קינסטלעך אויפ־געהאַלטן ווערן צוליב פאַרשיידענע צוועקן. אונזער פראָבלעם באַשטייט, הייסט עס, דערהויפּט אין דער נויטיגקייט צו געפינען אָנשטאָט דעם קריגס־מארק אַ באַלדיגן פאַרבייט אין דער פאָרם פון פראָדוקציע פאַר ציווילע באַ־דערפעניש. יעדע באַטראַכטונג און פּלאַנירונג, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט אָט דער צענטראַלער פראָבלעם, איז פון קלענערער וויכטיגקייט. הגם דער באַרוך־הענקאָק באַריכט רעדט וועגן 50 ביליאָן דאָלער פון ריינער מלחמה־פּראָדוקציע אַלס די סומע, אין וועלכער די פראָבלעם פון נאָך־מלחמה׳דיגער רעקאָנסטרוקציע דריקט זיך אויס, שיינט מיר, אַז די ציפער דאַרף גיכער באַ־שטימט ווערן לויטן כאַראַקטער פון דעם מארק און ניט לויט דעם כאַראַקטער פון די פּראָדוקטן, — וואָרים דער איצטיגער כאַראַקטער פון די פּראָדוקטן (וואָס ווערן געשאַפן פאַר די קריגס־באַשטעלונגען) באַשטימט בלויז די טעכ־נישע פּראָבלעם פון רעקאָנווערסיע (פון איבערגיין צו ציווילער פּראָדוקציע), בעת דער כאַראַקטער פון דעם מארק באַשטימט די עקאָנאָמישע פראָבלעם. וואָרים די פּראָבלעם פון געפינען אַן אַנדער מארק אויפן אָרט פון דעם, וואָס פאַרברויכט איצט דאָס געווער און אַמוניציע, איז די זעלביגע עקאָנאָמישע פּראָבלעם, וואָס מיר האָבן פאַר זיך ביים געפינען אַ נייעם מארק פאַר די ציווילע פּראָדוקטן, וואָס ווערן איצט באַנוצט פאַר מלחמה־צוועקן.

די ערשטע זאַך, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, איז די גראַנדיעזקייט פון דער פראָבלעם. די מלחמה האָט באַשאַפן אין אַמעריקע אַ ספּעציעלן מארק, וואָס שטייגט איבער כמעט אין צוויי מאָל אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע הכנסה אין יאָר 1932. כדי צו פאַרבייטן דעם דאָזיגן ספּעציעלן מלחמה־מארק מוזן מיר געפינען גאַנץ נייע מערק, וואָס זיינען פריער, אין די שלום־ציטן, קיינמאָל ניט גענומען געוואָרן אין באַטראַכט, — מערק, וואָס זיינען אין צוויי מאָל גרעסער, איידער עס איז געווען דער גאַנצער אַמעריקאַנער מארק אין דער צייט פון דעם עקאָנאָמישן קריזיס.

וואו און ווי אַזוי קאָנען מיר געפינען אַזעלכע מערק?

מיר קאָנען ניט צוקומען צו דער דאָזיגער גוואַלדיגער פּראָבלעם בלויז דורך פאַרשטאַרקן אונזער פאַר־מלחמה׳דיגן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון מערק. עס איז קלאָר, אַז כדי צו באַקומען אַזעלכע אויסערגעוויינלעך גרויסע

מערק, ווי די, אין וועלכע מיר וועלן זיך נויטיגן, וועלן מיר מוזן אָנקומען צו אויסערגעוויינלעכע מיטלען און פֿאָרמען.

דאָס ווערט באַזונדערס קלאָר, ווען מיר הויבן זיך אָן פֿאַנאַנדערקלייבן אין די באַזונדערע טיילן פֿון אונזער פּראָבלעם. קודם כל לאָמיר באַטראַכטן איניגע שטריכן פֿון די צוויי הויפּט־פעלדער פֿון די מעגלעכע מערק, דעם היימישן און דעם אויסלענדישן.

דער אויסלענדישער מארק פֿאַרלאַנגט אונזער ערשטע אויפמערקזאַמקייט צוליב אַ ריי אורזאַכן. די ערשטע גרויסע נאָך־מלחמה׳דיגע נויטן פֿון דער וועלט, — דאָס שפּייזן און העלפֿן די פֿעלקער, וואָס זיינען רואינירט געוואָרן דורך דער מלחמה, און די רעקאָנסטרוקציע פֿון זייער צעשטערטער עקאָנאָמיק, — זיינען פֿאַר דער אַמעריקאַנישער ווירטשאַפֿט פּראָבלעמען פֿון אויסלענדישן האַנדל. די דרינגענדיגע נויט פֿון מערק פֿאַר אונזער שווערער אינדוסטריע, פֿאַר דער מאַשין־פּראָדוקציע א. אַז. וו., מוז קודם כל באַפרידיגט ווערן אין אויסלאַנד, ווייל די מלחמה גופא האָט ביי אונז געשאַפֿן אַזאַ לאַגע, ביי וועלכער מיר האָבן געמאַכט אַ ריזיגן שפּרונג פֿאָראויס אין פרט פֿון אויפבויען אונזערע אינדוסטריען, אָנשטאָט צו ליידן פֿון אַ צעשטערונג פֿון אונזער ווירטשאַפֿט, ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען אין אַנדערע לענדער. אין פּרט פֿון פּראָדוקציע־פֿייאיגקייט וועט אונזער ווירטשאַפֿט שטיין מער פֿאַר דער פּראָבלעם פֿון צופיל איידער פֿון צו ווייניג. די דאָזיגע צוויי פֿאַקטאָרן אַליין זיינען גענוג אויף צו באַשטימען די ערשט־קלאַסיגע באַדייטונג פֿון דעם אויסלענדישן מארק פֿאַר דער אַמעריקאַנישער ווירטשאַפֿט באַלד נאָך דער מלחמה.

וואָס פֿאַר אַ פּראָפּאָרציע פֿון די בערך 90 ביליאָן דאָלער אַ יאָר פּראָדוקציע, פֿאַר וועלכער מיר מוזן געפֿינען נייע מערק, קאָן ביי אונז צונעמען דער אויסלענדישער מארק? דאָס וואָס אַזאַ פֿראַגע קאָן בכלל געשטעלט ווערן ווייזט ווי לעבערלעך־באַגרענעצט עס זיינען אַלע ביז־איצט אָנגענומענע באַגריפֿן וועגן דער דאָזיגער פּראָבלעם. וואָרים אַלע פֿריערדיגע חשבונות וועגן דעם אַמעריקאַנישן אויסלענדישן האַנדל האָבן זיך געהאַלטן אַרום 4 ביליאָן דאָלער אַ יאָר און האָבן קיינמאָל ניט איבערגעשטייגט די סומע פֿון 6 ביליאָן.

געגן דעם דאָזיגן טראַדיציאָנעלן באַגרענעצטן באַגריף נעם איך זיך די פֿרייהייט צו דערקלערן, אַז די אַמעריקאַנער אינדוסטריאַליסטן און עקאָנאָמיסטן מוזן אַלס תנאי פֿון דערהאַלטן ביים לעבן זייער איצטיגע עקאָנאָמישע סיסטעם אויסשפּרייטן זייער באַגריף וועגן דעם אויסלענדישן מארק אויף אַ טויזנט פּראָצענט. אָנשטאָט די פֿריערדיגע חשבונות וועגן אַ פֿיר־ביליאָניגן אויסלענדישן עקספּאָרט, מוזן זיי אָנהויבן טראַכטן אין טערמינען פֿון וויינציגסטנס פֿערציג ביליאָן.

רעדנדיג אין די פֿריערדיגע קאַפּיטלען וועגן די הויפּט־געביטן פֿון דער

וועלט האָב איך געזוכט אָנצוצייכענען אַ שטיקל באַגריף וועגן זייערע מעגלעכקייטן ביי דער לייזונג פון דער פּראָבלעם פון אויסלענדישע מערק פאַר אַמעריקע. לאָמיר איצט זען, צי מיר קאָנען דאָ ניט אָנצייכענען אַן אַלגעמיין בילד פון דעם, ווי אַן אַמעריקאַנער פּראָגראַם פון אַ 40־ביליאָנינגן עקספּאָרט אַ יאָר וואָלט אויסגעזען, ווען זי וואָלט אויסגעשפּרייט ווערן איבער די דאָזיגע מערק.

אָנגענומענדיג, אַז אונזער פּראָגראַם פון אויסלענדישן האַנדל קאָן גרייכן אַ העלפט פון דער גאַנצער מענטשהייט (דאָס הייסט, אַ ביליאָן מענטשן פון די צוויי ביליאָן פון גאָר דער וועלט) און אַז דער מאַרק איז אומגעפער פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באַפעלקערונג, קומט אויס, אַז יעדער קויפער אין יעדן געביט קאָן פאַרברויכן אַרום 40 דאָלאַר פון אונזערע סחורות. אָנגענומענדיג ווידער, אַז אונזער מאַרק קאָן זיך אויסשפּרייטן איבער אַ העלפט פון אַזיע און אייראָפּע און איבער גאַנץ לאַטיין־אַמעריקע און אַפריקע און טיילווייז אויך איבער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָלט די אַלגעמיינע סומע פון אונזער האַנדל מיט די פאַרשיידענע לענדער אויסגעזען אַזוי:

לאַטיין־אַמעריקע	6 ביליאָן
אַפריקע	6 ביליאָן
אַזיע	20 ביליאָן
אייראָפּע	6 ביליאָן
סאָוועטן־פאַרבאַנד	2 ביליאָן
אַלע מערק צוזאַמען	40 ביליאָן

נאַטירלעך קאָן מען זאָגן, אַז דער חשבון איז אַ בלויזע סברה און אַז ס'איז גרינגער צו מאַכן אים, איידער אים צו פאַרווירקלעכן אין לעבן.

לויט די אָנגענומענע סטאַנדאַרטן פון עקאָנאָמישן דענקען איז אפילו ניט שווער צו דערווייזן, אַז דער גאַנצער חשבון איז אַן אוממעגלעכער. אָבער דער, וואָס וועט דערווייזן, אַז ער איז אוממעגלעך, וועט זיך געפינען אין דער אומבאַקוועמער לאַגע פון איינעם, וואָס האָט „דערוויזן", אַז יעדע האָפענונג אויף דער פולער באַשעפטיגונג פון אַמעריקע נאָך דער מלחמה איז אַן איינרעדעניש, אַז אונזער לאַנד איז פאַראויס פאַר'משפט צו אַ קאַטאַסטראָפישן עקאָנאָמישן קריזיס, אַז די צוזאָגן פון טעהעראַן קאָנען ניט פאַרווירקלעכט ווערן און אַז אונזער לאַנד, פונקט ווי די גאַנצע איבעריגע וועלט, האָט פאַר זיך ניט קיין שום האָפענונג, סיידן נאָכצופאָלגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף דעם וועג פון סאָציאַליזם. אויב פאַר אַמעריקע איז באמת אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין ענלעך צו דער אויבנגעבראַכטער „פאַנטאַזיע" וועגן די ציפערן פון אויסלענדישן האַנדל, דאַן וועט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד זיין דאָס איינציגע לאַנד אין דער וועלט, וואָס וועט נאָך דער מלחמה קאָנען באַזאָרגן זיין באַפעלקערונג מיט פולער באַשעפטיגונג.

מיר קאָנען אויך ניט פאַרלייכטערן די פּראָבלעם פון דעם אויסלענדישן מאַרק דורך אַריבערטראָגן אַ גרעסערן טייל פון דעם געוויכט אויף דעם היימישן מאַרק. וואָרים ווען מיר וועלן דערצו, וועלן מיר אויסגעפינען, אַז די אויסברייטערונג פון דעם היימישן מאַרק איז פון דעם שטאַנדפּונקט פון די טראַדיציאָנעלע עקאָנאָמישע באַגריפן נאָך אַ שווערערע זאַך.

אָבער איך קאָן ניט איינשטימען מיט דעם דעפּיטיסטישן צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון מערק, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזערע אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסטן. מיר שיינט, אַז פיל פון די עלעמענטן, וואָס באַאומרואיגן זיי, ליגן דערהויפּט אין זייער מעטאָד פון דענקען, און שטעלן פאַר באַגרענעצונגען, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אַליין באַלאָדן. עס איז נויטיג, אַז די קאַפּיטאַליסטן און זייערע געלערנטע עקאָנאָמיסטן זאָלן מאַכן אַן אמת'ע אָנשטרענגונג אויפצוהויבן זיך איבער די באַגרענעצונגען, מיט וועלכע זיי אַליין האָבן זיך געבונדן, כדי די אַמעריקאַנערווירטשאַפט זאָל ניט אַריינגעשליידערט ווערן אין אַ קריזיס.

די סאַמע ערנסטע שטערונג פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דער באַדערפעניש אין אַ גרויסן אויסלענדישן מאַרק איז די דאָגמע, וואָס פאַרבאָט דער רעגירונג צו שפּילן אַ וועלכע עס איז באַדייטנדיגע ראָלע אין עקאָנאָמישע ענינים. קוים וועט מען אָננעמען, אַז די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן דאַרף שפּילן אַ דרייסטע ראָלע אין קריגן די אויסלענדישע מערק, פּונקט ווי זי שפּילט אַ ראָלע אין געווינען אַן אויסלענדישע מלחמה, וועט די גאַנצע פּראָבלעם באַקומען אינגאַנצן אַן אַנדער אויסזען.

לאָמיר דאָ איבער'חזר'ן, אַז איך וויל דאָ ניט אַטאַקירן די סיסטעם פון „פרייער אונטערנעמונג" און די פּריוואַטע איניציאַטיוו. איך בין פולשטענדיג גרייט צו העלפן די פרייע אונטערנעמער צו גרייכן דעם 40־ביליאָנדיגן אויסלענדישן מאַרק, אין וועלכן זיי נויטיגן זיך, דורכאויס און אינגאַנצן מיט די מעטאָדן, וואָס זיי אַליין וועלן אויסקלייבן. אָבער ווען זיי זאָגן, אַז דאָס איז אַן אוממעגלעכע אויפגאַבע, אַז זיי קאָנען דאָס ניט דערגרייכן, דאַן זאָג איך זיך אָפּ איינצושטימען אַראָפּצוגליטשן זיך צוזאַמען מיט זיי איבערן ברעג פון אָפּגרונט. איך האַלט, אַז אויב זיי קאָנען ניט שאַפן קיין מערק, אויב זיי ווייסן ניט ווי דאָס צו טאָן, מוז זיי עמעצער אַנדערש ווייזן ווי אַזוי. אויף זייער אייגענעם אויסגעפּרובירטן אופן מוזן זיי געפינען אַ נייעם וועג. דער הויפּט־פּונקט איז אָבער, אַז אַזוי אָדער אַנדערש מוזן אויסלענדישע מערק אין אַ פאַרנעם, וועלכן איך האָב פריער אָנגעוויזן, געפונען ווערן, וואָרים זיי זיינען אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פאַר דער אַמעריקאַנער ווירטשאַפט נאָך דער מלחמה.

אויף וויפיל די פּריוואַטע איניציאַטיווע און „פרייע אונטערנעמונג" וועלן ניט קאָנען לייזן די דאָזיגע פּראָבלעם, וועט די רעגירונג פון די פאַר־

איינִיגטע שטאַטן מוזן איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דורכפירן די אויפגאַבע מיט דער זעלביגער הונדערט־פּראָצענטיגער אַנטשלאָסנקייט, מיט וועלכער זי פאַרנעמט זיך צו געווינען דעם קריג אויף אַ זיגרייכן אופן. די רעגירונג קאָן דאָס טאָן, אויב די „פרייע אונטערנעמונג" וועט ניט אויסהאַלטן די פּראָבע און וועט דורכפאַלן אין דער אויפגאַבע.

אונזער רעגירונג קאָן דעמאָלט שאַפן אַ ריי גיגאַנטישע אינדוסטריעלע עקאָנאָמישע קאָרפּאָראַציעס, יעדע איינע פון זיי בשותפות מיט אַ וועלכער עס איז רעגירונג אָדער גרופּע רעגירונגען, און אַוועקשטעלן זיי צו דער אַרבעט ביים דורכפירן גרויסע פּלענער פון באַן־ און וועג־בויאונג, אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און פון אַן אַלזייטיגער מאָדערניזירונג פון אַלע צעשטערטע און אומאַנטוויקלטע לענדער אין דער וועלט. אַמעריקע האָט די דערפאַרענע טעכניקער, וואָס זיינען פייאיג צו שאַפן די פּלענער פאַר אַזעלכע פּראָיעקטן, וועלכע קאָנען נעמען דורכגעפירט ווערן אין זעקס חדשים אַרום נאָכדעם ווי זיי זיינען באַשטעטיגט געוואָרן. אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער און קאָלאָניאַלער וועלט איז ניטאָ קיין איין רעגירונג, וואָס וואָלט געקאָנט דערוועגן אָפּצוזאָגן זיך פון אַזאַ שותפות'דיגער אַרבעט, קוים נאָר וואָלטן די פאַראייניגטע שטאַטן קלאָר געמאַכט דעם נוצן וואָס אַלע קאָנען דערפון האָבן. דער פאַרנעם פון דער פינאַנסירונג פון אַזעלכע אונטערנעמונגען וואָלט ניט געווען גרעסער, ווי דער, וואָס איז שוין אָנגענומען געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה, נאָר אָנשטאָט צו ברענגען צו דער צעשטערונג פון לעבן און אייגנס, וואָלט ער תיכף געבראַכט צו אַ גרויסער פאַרבעסערונג פון דעם לעבן־סטאַנדאַרד און וואָלט אַ שטוים געטאָן איבער גאָר דער וועלט אַזעלכע גרויסע שטראָמען פון נייע רייכטימער, וואָס וואָלטן שנעל און ווייט איבערגעשטיגן די ערשטע אַריינגעלייגטע קאַפּיטאַלן. גענומען אין אַ וועלט־מאַסשטאַב, וואָלטן די קאָמבינירטע פּראָדוקטן זיך געקאָנט באַצאָלן שוין אין משך פון איין דור. זיי וואָלטן געוואָרן דער בעסטער אינוועסטמענט, וואָס דער אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליזם האָט געמאַכט דורך זיין גאַנצער געשיכטע. און אַ חוץ דעם פּראָפיט אין געלט, וואָס אַזאַ פּראָגראַם וואָלט געבראַכט די אַמעריקאַנער אונטערנעמער, וואָלט זי געבראַכט דעם אומשאַצבאַרן פּראָפיט פון פאַרזיכערן פאַר דורות דעם שלום און וואוילזיין פון דער וועלט, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן אין טעהעראַן.

די אויסברייטערונג פון דעם היימישן מאַרק מוז אויך דערגרייכט ווערן באַלד אין דעם נאָך־מלחמה פעריאָד אין אַ מאַסשטאַב, וואָס ווערט פאָראויסגעזען פון די אויסלענדישע מערק. און דאָס איז אַ פיל שווערערע פּראָבלעם, איידער די פּראָבלעם פון די אויסלענדישע מערק.

קודם כל איז אין אונזער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע ניטאָ מער קיין פּלאַץ פאַר קאָלאָסאַלע נייע אינוועסטמענטס אויף אויסצוברייטערן אונזער היימישע ווירטשאַפט אויף נייע צענדליגער ביליאָנען דאָלער אַ יאָר. די

מלחמה האָט שוין געבראַכט מיט זיך אַן אויסברייטערונג פון אונזערע פּראָדוקציע־מעגלעכקייטן, וואָס שטייגט ווייט אַריבער אַלע וואָרשיינלעכקייטן פון אונזער היינטיגן אינערלעכן מאַרק, ווי נאָר ער וועט פאַרלירן דעם טייל, וואָס האָט צו טאָן מיט די מלחמה־באַדערפעניש. די גרעסטע אַנטוויקלונג פון „עפנטלעכע אַרבעטן" און פון וועג־בויערישע פּראָגראַמען קאָן זיין בלויז אַ טראָפּן אין ים פון אונזער נויט אין מערק. קיין זאַך, וואָס קאָן געטאָן ווערן אין פּרט פון נייע קאַפּיטאַלע אינוועסטמענטס, וועט ניט קלעקן אויף צו פאַרפילן די לאָך, וואָס עס וועט לאָזן נאָך זיך דער פאַרשווינדנדיגער מלחמה־מאַרק, און די פּראָבלעם וועט אין דער זעלביגער צייט פאַרשאַרפט ווערן דורך דעם, וואָס די אינדוסטריעלע מעגלעכקייטן צו פּראָדוצירן ציווילע פּראָדוקטן וועלן פאַרגרעסערט ווערן נאָכדעם, ווי זיי וועלן באַפרייט ווערן פון דער קריגס־פּראָדוקציע.

די באַגרענעצונג פון אונזער היימישן מאַרק שאַפט אַ גרענעץ פאַר דער קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג. ס'איז אמת, אַז ס'איז פאַראַן אַ טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס אירע קויף־מעגלעכקייטן זיינען פינאַנציעל כמעט אומבאַגרענעצט, וואָרים ווי די רעגירונג־עקספּערטן האָבן אויסגערעכנט, האָבן מיר שוין איצט אין לאַנד 77 ביליאָן דאָלער „ליידיגע געלט", וואָס קערט זיך ניט אום אין דער ווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. אָבער די, וואָס האַלטן די דאָזיגע ריזיגע סומע, ניט באַשעפטיגנדיג זי עקאָנאָמיש, האָבן וואָרשיינלעך פּערזענלעך שוין דערגרייכט די גרענעצן פון זייער געברויך־פעיאיגקייט. זיי קאָנען שאַפן אַ צוגאָב־מאַרק בלויז אין דער ראָלע פון קאַפּיטאַל־אינוועסטאָרם. דער היימישער מאַרק קאָן אָבער ניט אויסגעברייטערט ווערן אויף קיין איין איינציגן דאָלער בלויז דורך דעם, וואָס עס וועט נאָך פאַרגרעסערט ווערן די קויף־קראַפט פון די, וואָס האָבן שוין סיי ווי ביז איצט געקאָנט קויפן אַלץ וואָס נאָר עס פעלט זיי איין. וואָס עס איז יאָ נויטיג, איז אויסצוברייטערן די קויף־קראַפט פון די, וואָס נויטיגן זיך איצט און זיינען גרייט צו קויפן פיל מער, איידער זייער קויף־קראַפט דערלויבט. געפינען אַזעלכע מענטשן איז ניט שווער, ווייל די גרעסטע מערהייט פון דעם אַמעריקאַנישן פאָלק באַשטייט פון זיי.

מען קאָן זאָגן: „אין אַלגעמיין" פעלט אונז ניט אויס קיין קויף־קראַפט פאַר דער אומענדלעכער אויסברייטערונג פון דעם היימישן מאַרק. די שוועריקייט באַשטייט נאָר אין דעם, ווי צו מאַכן די דאָזיקע קויף־קראַפט אַקטיוו, וואָרים די וואָס קאָנטראָלירן די דאָזיגע קראַפט האָבן צוליב דער אָדער יענער אורזאַך פאַרלוירן דעם דראַנג אָנצוהאַלטן איר אַקטיווקייט. ליידיגע קויף־קראַפט, ליידיג־גייערישע געלט איז דער פאַקטאָר, וואָס שטעלט אין טויט־געפאַר דעם היימישן מאַרק און צוזאַמען מיט אים אונזער גאַנצע איצטיגע עקאָנאָמישע סיסטעם. דער פאַרלאַנג צו קויפן איז אָפּגעשיידט געוואָרן פון די מיטלען צו טאָן דאָס, און דיביידע זאַכן מוזן פאַראייניגט

ווערן, אויב מיר ווילן האבן א וועלכע עס איז אויסברייטערונג פון דעם היימישן מארק.

אזוי ווי עס זעט זיך ניט קיין פלאץ פאר א גרויסן קאפיטאל־אינוועסטמענט אין פראדוצירנדיגע אונטערנעמונגען, יעדנפאלס ביז די פראדוקציע פון די עקזיסטירנדיגע אונטערנעמונגען וועט געפינען א מער שטאנדהאפטיגן מארק און אונזער איבעריגע פראדוקציע־קראפט וועט פארשווינדן, בלייבט בלויז נאך איין מעגלעכקייט פאר א פראדוקטיוון היימישן קאפיטאל־אריינלייג. דאס וואלט געווען אן אינוועסטמענט אין דעם מענטשן־פאקטאר פון פראדוקציע, א קאפיטאל־אריינלייג אויף צו הויבן די קוואליטעט און די מעגלעכקייטן פון דער פראדוקטיווער באפעלקערונג. עס זיינען פאראן צוויי הויפטוועגן, דורך וועלכע מען קאן אינוועסטירן דעם קאפיטאל, וואס זאל הויבן דעם גראד פון דער פראדוצירנדיגער באפעלקערונג. איינער איז דורך ברייטדורכגעפירטע רעגירונג־פלענער אויפן געביט פון דערציאונג, געזונטהייט און אלגעמיינער סביבה־אויסבעסערונג, איינשליסנדיג די פולע מאס פון פארזיכערונג־פארמען („פון וויגעלע ביזן קבר”); דער צווייטער וועג, וואס אנטשפרעכט מער דעם טראדיציאנעלן אופן פון דענקען, איז דורך אנגעמען מיטלען, וואס זאלן הויבן די הכנסה פון די אינדיווידועלע פראדוצירער אין א געוויסער מאס, כדי צו פארטאפלען די יערלעכע קויף־קראפט פון דעם דאזיגן שיכט פון דער באפעלקערונג, וואס נוצט געוויינלעך תיכף אויס זיין קויף־קראפט אין דער פולסטער מאס.

איך שליס דא באוואוסטזיניג אויס אן אנדער מעגלעכע לייזונג פון דער פראבלעם פון היימישן מארק. זי וואלט באשטאנען אין דעם, אז דער קלאס, וואס האט אין זיינע הענט די ווירקזאמע קויף־קראפט, זאל אויפקויפן אלע איבעריגע פראדוקטן, פאר וועלכע ס'איז אנדערש אוממעגלעך צו געפינען א מארק, און זאל זיי פשוט פארניכטן. פון א ריין־עקאנאמישן שטאנדפונקט וואלט דאס געווען פונקט אזא ווירקזאמער מארק ווי די מלחמה און וואלט געבראכט דעם זעלביגן אלגעמיינעם עקאנאמישן רעזולטאט. אבער פאליטיש וואלט עס געווען זייער געפערלעך, כמעט פונקט אזוי געפערלעך, ווי איבערלאזן צענדליגער מיליאנען מענטשן אן שטעלעס, און עס וואלט געשאפן א באדן פאר אלערליי מינים פאליטישע און סאציאלע אומארדענונגען.

דעריבער שיינט מיר, אז עס בלייבט ניט קיין אנדער וועג, אויף וועלכן די אמעריקאנישע ווירטשאפט זאל קאנען פונקציאנירן, א חוץ דעם וועג פון וואס־ברייטער און ברייטהארציגער פארשפרייטן אירע פראדוקטן צווישן די מאסן פון פראדוצירער. די דאזיגע פראבלעם האט שוין ניט צו טאן בלויז מיט עטיק און פאליטיק און פאדערט א דרינגענדיגן ענטפער פון דער קאלטבלוטיגסטער, ניכטערסטער עקאנאמיק.

אבער אט דער ציל צו פארטאפלען די קויף־קראפט פון דעם טייל פון דער באפעלקערונג, וואס וואלט תיכף אויסגענוצט די דאזיגע קראפט, קאן

ניט דערגרייכט ווערן דורך די געוויינלעכע האנדלונגען פון „פרייער אונטערנעמונג", דאס הייסט דורך דער סומע פון די פערזענלעכע באשלוסן פון די איינצלנע פריוואטע אונטערנעמער. ווארים פאר קיין שום פריוואטער אונטערנעמונג וואלט זיך עס ניט געלוינט צו ארבעטן אויף אזא באזיס, סיידן און ביז וואנען אלע אונטערנעמונגען וואלטן איינגעגאנגען אויף דעם. אזא פלאן לוינט זיך בלויז אויף א ברייטן סאציאלן מאסשטאב און קאן ניט לוינען די איינצלנע אונטערנעמער, וואס מוזן קאנקורירן מיט אנדערע אונטערנעמער, וועלכע נעמען ניט אן די זעלביגע פלענער. אזא ציל קאן דעריבער פארווירקלעכט ווערן בלויז אין דער מאס, אין וועלכער ער קאן דורכגעפירט ווערן איבערן גאנצן לאנד אלס א געזעלשאפטלעכע אויפגאבע, וואס האט הינטער זיך די מאכט פון דער רעגירונג. ער קאן דורכגעפירט ווערן אין די פארמען פון „פרייער אונטערנעמונג" (דאס הייסט, אין די ראמען פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט), אבער ניט דורך פארלאזן זיך אויף דער איניציאטיווע פון די באזונדערע פריוואטע אונטערנעמער.

דער הויפט־מיטל, דורך וועלכן דער פלאן מוז ארבעטן, איז, פארשטענדלעך, די הייבונג פון דעם ארבעט־לוין, ווארים דער ווייט־גרעסטער טייל פון דער באשעפטיגטער דערוואקסענער באפעלקערונג באשטייט פון לוין־ארבעטער. מען מוז צוליב דעם פריער פאר אלץ אנערקענען, אז א גרעסערער ארבעט־לוין איז ניט קיין ספעציעלער ענין בלויז פאר דר ארבעטער־באוועגונג, נאר אז ער איז אין די אלגעמיינע אינטערעסן פון דער גאנצער באפעלקערונג.

עס זיינען פאראן דריי וועגן, דורך וועלכע מען קאן צוגיין צו דער אויפגאבע פון אן אלגעמיינער העכערונג פון דעם ארבעט־לוין, — וועגן, וואס קאנען ברענגען די בעסטע רעזולטאטן און ארויסרופן די קלענסטע שוועריגקייטן. דאס זיינען: 1) הויבן די הויך פון דעם נויטיגן מינימום ארבעטס־לוין פאר דער גאנצער אינדוסטריע; 2) אנווענדן דעם פרינציפ פון „גלייכער לוין פאר גלייכער ארבעט" דורך העכערן אלע ארבעט־לוינען, וואס זיינען אונטער דעם סטאנדארד, ביז צו דעם העכסטן סטאנדארד אין יעדן ספעציעלן פעלד; 3) עפענען די „סטעליע", וואס עקזיסטירט איבער אלע סטאנדארטן פון ארבעט־לוין דורך אן אלגעמיינער אנווענדונג פון א גאראנטירטן יערלעכן לוין און דורך דעם פרינציפ פון דערמוטיגונג־לוין ניט נאר פאר אינדיווידועלע פראדוצירער, נאר בנוגע גאנצע אונטערנעמונגען און גאנצע אינדוסטריען. ווען אזעלכע מיטלען זאלן ענערגיש אנגעווענדט ווערן אונטער דער אנפירונג פון דעם ווערדזש־באארד (דער רעגירונגס ארבעט־לוין קאמיסיע) מיט א געהעריגער קאאפעראציע פון די אונטערנעמער און פון דער ארגאניזירטער ארבעטערשאפט, וואלט דאס זייער א סך ארויסגעהאלפן צו לאזן אין גאנג און סטימולירן דעם גאנצן פראצעס.

ס'איז ניט מיין אויפגאבע צו פרואוון געבן א דעטאליזירטן ענטפער אויף דער פראבלעם ווי צו פארטאפלען די קויף־קראפט פון דער הויפט־מאסע פון

דער באַפעלקערונג. מיין ציל וועט זיין דערגרייכט דערמיט, וואָס איך וועל פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז דאָס איז אַבסאָלוט נויטיג פאַר דער אויסשפרייטונג פון דעם היימישן מאַרק; אַז אָן אַזאַ אויסברייטערונג איז אונזער עקזיסטירנדיגע עקאָנאָמישע סיסטעם פאַרמשפט צום אונטערגאַנג, און אַז עס איז דעריבער נויטיג אויסצוברייטערן דעם היימישן מאַרק אין די אינטערעסן פון אַלע קלאַסן און ניט בלויז פון די אַרבעטער. קוים וועט מען צו דער פראָבלעם צוגיין, ווי צו אַ פראָבלעם, וואָס באַרירט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און וואָס איז דעריבער אַ נאַציאָנאַלע אויפגאַבע, וועט די פראָבלעם קאָנען געלייזט ווערן דורך די קאָמבינירטע אינטעלעקטועלע קרעפטן פון דעם גאַנצן לאַנד.

אָבער דאָס איז בלויז דער אָנהויב פון דער פראָבלעם פון דעם היימישן נאַציאָנאַלן מאַרק. אַפילו בלויז כדי צו האָבן פאַר די אויגן זיינע הויפּטשטריכן, מוזן מיר געדענקען, אַז אונזער אויסלענדישער מאַרק האָט בלויז צייטווייליג גענומען אויף זיך זיין העלפט פון דער אויפגאַבע צו פאַרבייטן דעם מלחמה־מאַרק, — אַפילו ווען אונז זאָל פולשטענדיג געלינגען דורכצופירן דעם פּלאַן און אין דער מאָס, ווי ער איז דאָ פריער אָנגעמערקט געוואָרן. צייטווייליג און טיילווייז איז דער אויסלענדישער מאַרק גרייט צו לייזן אונזער פראָבלעם, אָבער נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער ווערט געדעקט מיט דער הילף פון אַמעריקאַנישע אינוועסטמענטס און לאַנגטערמיניגע קרעדיטן. אויף וויפיל די דאָזיגע אינוועסטמענטס און קרעדיטן ווערן אויסגעצאָלט, אָדער ברענגען פראָפיטן, איז נויטיג אַז אונזער לאַנד זאָל צוריק באַקומען די דאָזיגע הכנסה אין דער פאָרם פון אימפּאָרטירטע סחורות פון אויסלאַנד. אויף וויפיל אָבער אַמעריקע וועט באַקומען אויסצאָלונגען אין געלט פאַר איר אויסלענדישן עקספּאָרט און פאַר אירע פראָפיטן פון דעם, וועט דער היימישער מאַרק מוזן אויסגעברייטערט ווערן נאָך מער, איידער מיר האָבן פריער אָנגעצייכנט. אַזוי ווי אונזער עקאָנאָמישע סיסטעם האַלט זיך אינגאַנצן אויף דעם אַקט פון באַצאָלן פאַר דעם וואָס ווערט געקויפט, מוז די פראָבלעם פון אויסלענדישע מערק אומפאַרמיידלעך צוריקקערן זיך צו דער פראָבלעם פון דעם אינערלעכן מאַרק און פאַרשמעלצן זיך מיט איר. זי קאָן אָפּגערוקט ווערן נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל מיר דערוואַרטן, אַז די אויסלענדישע צאָלונגען זאָלן אָפּגעלייגט ווערן, אָבער זי ווערט פאַרגרעסערט אין דער מאָס, אין וועלכער עס קומען אָן פראָפיטן פון דעם אויסלענדישן מאַרק.

נאָך אַ לאַנגן פעריאָד וועט, הייסט עס, די פראָבלעם פון געפינען אַ פאַרבייט פאַר דעם קריגס־מאַרק זיין דורכאויס אַ פראָבלעם פון געפינען וועגן און מיטלען, דורך וועלכע דאָס אַמעריקאַנער פאָלק גופא זאָל קאָנען פאַרברויכן דעם עקוויוואַלענט פון דער גאַנצער פראָדוקציע פון אונזער נאַציאָנאַלערווירטשאַפט. אין לעצטן סך־הכל קאָן דאָס אַמעריקאַנער פאָלק ניט

פּראָדוצירן מער, וויפיל עס איז פייאיג צו פאַרברויכן. מיר פאַרמאָגן אַזאַ קאָלאָסאַלע פּראָדוקציע־קראַפט, אַז זי האָט אין משך פון יאָרן געהאַלטן אין איבערפילן אונזער נאַציאָנאַלן האַלז און געדראָט צו דערשטיקן אונז. די מלחמה האָט אונז צייטווייליג גראַטעוועט פון דער געפאַר דערשטיקט צו ווערן דורך אונזער איבערפלוס און האָט דערביי נאָך מער אויסגעברייטערט אונזערע פּראָדוקציע־קרעפטן. אונזער נאָך־מלחמה׳דיגע עקאָנאָמישע פּראָבלעם באַשטייט דעריבער, אייגנטלעך, פשוט אָט אין וואָס: די „האַלז״ פון דער אַמעריקאַנער געברויך־פייאיגקייט מוז פאַרגרעסערט ווערן לויט דער מאָס פון אונזער פּראָדוקציע־פייאיגקייט. מיר מוזן זיך דאָס דערשלאָגן, אָדער מיר קומען אום . . . לויטן אויסדרוק פון בווירדסלי ראָמל, וועלכן מען קאָן ניט חושד זיין אין וועלכע עס איז איבערקערערישע פּלענער געגן „פרייער אונטערנעמונג״ —

„שטימען איין די מערסטע געשעפטסלייט ביי היינטיגן טאָג, אַז די ערשטע אויפגאַבע אין דעם נאָך־מלחמה פעריאָד איז צו באַזייטיגן מאַסן־אַרבעטלאָזיגקייט. פיל גייען אַפילו אַזוי ווייט, אַז זיי שטימען איין, אַז אויב מאַסן־אַרבעטלאָזיגקייט וועט ניט קאָנען באַזייטיגט ווערן אונטער אַ סיסטעם פון פריוואַטער געשעפטלעכער אונטערנעמונג, וועט די פריוואַטע אונטערנעמונג פאַרביטן ווערן דורך אַ וועלכן עס איז אַנדער מיטל פון פּראָדוצירן און צעטיילן סחורות און באַדינונג.״ *)

קאַפּיטל צוועלף

אַרבעטער־יוניאָנס אין דער נאַציאָנאַלער איינִיגקייט

אַרבעטער־יוניאָנס זיינען אַן אַבסאָלוט נויטיגער שטריך פון דעמאָקראַטיע, פונקט ווי פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט סיי אין דער צייט פון קריג, סיי אין דעם נאָך־מלחמה פעריאָד. די אויפגאַבע צו שטאַרקן די נאַציאָנאַלע איינִיגקייט פאָדערט אַ פאַרשטאַרקונג פון די אַרבעטער־יוניאָנס, זייער ווייטערדיגע פאַראייניגונג און די פאַרזיכערונג פון זייער אָנטייל אין אַלע געזעלשאַפטלעכע טעטיגקייטן, ביז און איינגעשלאָסן דעם אָנטייל אין דער דורכפירונג פון דער נאַציאָנאַלער און אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק אין דער רעגירונג.

דאָס איז ריכטיג שוין דערפאַר אַליין, ווייל ס׳איז ביז איצט ניט געפונען געוואָרן קיין שום אַנדער מיטל, וואָס זאָל זיך אויף אַ וועלכן עס איז אופן קאָנען פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס די יוניאָנס האָבן אויפגעטאָן און דורך

*) פון ראָמל׳ס אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 29טן פעברואַר, 1944, פאַר דעם יאָרלעכן מיטינג פון דער אַמעריקען ריטעיל פעדערעישאָן.

וועלכן דער גרויסער טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג, וואָס לעבט פון אַרבעטס־לוין, און וואָס בילדעט ביי אונז אַן אַנטשיידנדיגע מערהייט, זאָל זיך קאָנען אַרויסרייסן פון איזאָלירטער אינדיווידועלער הילפלאָזיגקייט און פון פּאָליטישער פּאַסיווקייט. די אַרבעטער־יוניאָנס זיינען דער הויפּט־אינסטרומענט, וואָס העלפט די אַרבעטער צו ווערן אַקטיווע בירגער. איינע פון די זיכערסטע מאָסן, וואָס ווייזט די לעבעדיגקייט פון אַ דעמאָקראַטיע, איז דער גראַד פון וואוקס פון די יוניאָנס און פון זייער אַנטייל אין דעם עפנטלעכן לעבן.

אין פּרינציפּ ווערט די דאָזיגע ראָלע פון די יוניאָנס אָנערקענט אין אַמעריקע, אָבער אין דער פּראַקטיק שטייען מיר ווייט הינטער ענגלאַנד, צום ביישפּיל, שוין ניט צו רעדן וועגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו עס אַרבעט אַן אַנדער סיסטעם, — די סאָציאַליסטישע, און וואָס קאָן דעריבער דירעקט ניט פאַרגלייכט ווערן מיט אונז.

דערפאַר מוזן מיר באַגריסן יעדן שריט פון פירער פון קאַפּיטאַל, ווען זיי אָנערקענען די פּערמאַנענטע און וואַקסנדיגע ראָלע, וואָס די יוניאָנס דאַרפן שפּילן. צווישן די וויכטיגסטע ביישפּילן איז נויטיג באַזונדערס צו פאַרצייכענען די באַמערקונגען פון מר. עריק א. דזשאָנסאָן, פּרעזידענט פון דער טשעמבער אָוו קאָמערס פון די פאַראייניגטע שטאַטן. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 27טן אַפּריל, 1943, האָט מר. דזשאָנסאָן געזאָגט:

„עס וואַקסט די אָנערקענונג, אַז ווען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס ווערן אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט אַ געפיל פון עפנטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט, קאָנען זיי זיין אַ נוצלעכער קאָאָפּערירנדיגער עלעמענט ביים מאַכן מער ווירקזאַם די פּראָדוקטיווע מאַשין פון אונזער לאַנד. אין אַ געוויסן זינען גייט „לעיבאָר" דורך דעם זעלביגן פּראָצעס פון וואוקס און צופּאַסונג, דורך וועלכן די „מענעדזשמענט" איז דורכגעגאַנגען, און קאָן לערנען אַ לעקציע פון אונזער דערפאַרונג."

לעצטנס האָט מר. דזשאָנסאָן געניוער אַנטוויקלט דעם זעלביגן טעזיס אין אַ רעדע, וואָס האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט און אַן אָפּרוף אין ברייטע קרייזן. דער וויכטיגסטער פּונקט אין מר. דזשאָנסאָנ'ס פאָרמולירונג באַשטייט אין דעם, וואָס ער רעדט וועגן די אַרבעטער־יוניאָנס און די באַלע־באַטים אין דעם זעלביגן טאָן, אויפגעבנדיג דעם טראַדיציאָנעלן צוגאַנג „פון אויבן אַראָפּ", וואָס דערמאָנט אַזוי אומאַנגענעם אָן דער אַמאָליגער באַציאונג פון „האַר און קנעכט", געגן וועלכער די אַרבעטער האָבן אַזוי לאַנג געמוזט קעמפן. אין מר. דזשאָנסאָנ'ס צוגאַנג האָבן מיר אַ שטילע הסכמה אויף דעם גלייכהייט־צושטאַנד צווישן די באַלעבאַטים און אַרבעטער, — אַ הסכמה וואָס וואָלט געווען זייער אַ גרויסער שריט אין דער ריכטונג פון נאַציאָנאַלער איינציגקייט, אויב ער וועט ענדלעך פון אַלעמען אָנגענומען ווערן.

געגן זיין באַטאָנען פון דער עפנטלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די

יוניאָנס קאָן מען גאָר נישט האָבן. אַלע ערנסטע אַרבעטער־פירער פונקט ווי די מיטגלידערשאַפט פון די יוניאָנס שטימען אַלץ מער און מער איין, אַז די יוניאָנס דאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע זייערע דערקלערונגען און מעשים אין הסכם מיט די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. עס איז אַ גרויסער צוייפל, צי מר. דזשאַנסאָן וואָלט געקאָנט דערווייזן, אַז די „מענעדזשמענט" און דער קאַפּיטאַל האָבן אין דעם פּרט אַ בעסערן רעקאָרד, אָבער מיר ווילן דאָ אַפילו נים פּרובירן צו מאַכן פאַרגלייכן, וואָס וואָלטן בלויז אַרויסגערופן סכסוכים. די אַרבעטער־יוניאָנס, — מיט זייער ווייניג אויסנאַמען, צווישן וועלכע עס פאַרנעמען דעם הויפּט־אָרט דער אומפאַראַנטוואָרטלעכער דזשאָן ל. לואיס און זיינע נאָכטוער, — האָבן געגעבן אַ באמת פּרעכטיגן מוסטער פון אָנהאַלטן די פּאָליטיק פון ניט־סטרייקן, ניט געקוקט אויף אומדערטרעג־לעכע פּראָוואָקאַציעס מצד אַרבעטגעבער, סאַבאָטאַזש מצד דעם קאָנגרעס און היפּשע קאָפּ־פאַרדרייעניש מצד אייניגע מלוכה־אַגענטורן. עס וואָלט געווען זייער נוצלעך, ווען מר. דזשאַנסאָן זאָל זיך עפנטלעך אַרויסזאָגן אויך געגן די פון זיינע ברידער־קאַפּיטאַליסטן, וואָס נעמען אָן אַן אומפאַראַנטוואָרט־לעכע שטעלונג אין זייערע האַנדלונגען מיט אַרבעטער. אָבער ווי עס זאָל נים זיין מוזן מיר דאָ פאַרט אונטערשטרייכן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג שטימט איין מיט מר. דזשאַנסאָנ'ס פאָדערונג, אַז די יוניאָנס זאָלן נעמען אויף זיך אַ גרעסערע עפנטלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וועלכע דער וויכטיגסטער אַרבעטער־פירער, פיליפּ מאָרעי, האָט אויסדריקלעך פאַרלאַנגט און פּראַק־טיצירט אַליין אויך אויפן אַנטשיידנדיגסטן אופן.

אַן ערנסטע מעגלעכקייט פון ניט־איינפאַרשטאַנעקייט מיט מר. דזשאַנ־סאָנען ליגט אין דער זאָרגפעליגקייט מיט וועלכער ער פּרוּווט באַגרענעצן די ראָלע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מיט „מאַכן מער ווירקזאַם די פּראָדוק־טיווע מאַשין פון לאַנד". דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַ וויכטיגע ראָלע, אָבער אויב מר. דזשאַנסאָן טייטשט אוים זיין פאָרמולירונג אויף אַן ענגן אופן אין פּרט פון אויסשליסן דאָס רעכט און פליכט פון די אַרבעטער צו שפּילן אויך אַן אַקטיווע פּאָליטישע ראָלע, וועלן מיר, וואָס געהערן צום לאַגער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך מוזן שטאַרק אַ קריג טאָן מיט אים. מיר קאָנען נים איינשטימען מיט קיין שום טענדענץ, וואָס זוכט צו באַגרענעצן די אינטערעסן און די טעטיגקייטן פון די אַרבעטער־יוניאָנס אויף אַן אופן, וואָס איז נים חל אויף אַלע בירגער.

דער שליסל צו די נייע שטריכן פון דער אַרבעטער־ראָלע אין דער נאַציאָ־נאַלער אייניגקייט, וואָס מוז זיך אַנטוויקלען אין דער נאָך־מלחמה וועלט, ליגט אין דעם נייעם צוגאַנג צו דער פּראָבלעם פון העכערן די לוין־סטאַנדאַרטן,— אַ פּראָבלעם, וואָס איז שוין באַטראַכט געוואָרן אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל פון בוך. דאָס מיינט, אַז די מלוכה אַלס גאַנצע מוז אויפנעמען די פראַגע וועגן העכערן די קויף־קראַפט פון דער באַפעלקערונג, וואָס פאַר דער מערהייט,

וועלכע באַשטייט פון לוין־אַרבעטער, מיינט עס די העכערונג פון די לוין־סטאַנדאַרטן. די דאָזיגע אויפגאַבע, וועלכע איז פריער געווען דערהויפּט אַ ספּעציעלע אויפגאַבע פון די אַרבעטער־יוניאָנס אַליין, מיט בלויז אַ צופעליגער הילף מצד דער רעגירונג פון צייט צו צייט, און מיט אַן אַלגעמיינער אָפּאָזיציע מצד דעם קאַפּיטאַל, מוז אין דעם פּעריאָד פון נאָך דער מלחמה ווערן אַ נאַציאָנאַלער צוועק, צו וועלכן אַלע קלאַסן און אינסטיטוציעס דאַרפן שטרעבן מיט דער זעלביגער אַנטשלאָסנקייט, ווי די מיט וועלכער מיר פירן איצט אָן די מלחמה.

איז עס בלויז אַ פאַנטאַזיע צו דענקען, אַז נאָך דער מלחמה איז מעגלעך, אַז אַמעריקע זאָל געבן די אַרבעטער־יוניאָנס אַ נייעם און הויכן פּלאַץ אין דער נאַציאָנאַלער אייניגקייט דורך פאַרוואַנדלען זייער צענטראַלע אויפגאַבע, די אַלגעמיינע העכערונג פון דעם לוין־סטאַנדאַרד, פאַר אַן אויפגאַבע, אין וועלכער עס באַטייליגט זיך דאָס גאַנצע לאַנד?

די ליבעראַלע ניו יאָרקער צייטונג, „פּי־עם", האָט מיך באַשולדיגט אין „פאַרראַט" דערפאַר, וואָס איך דערוועג זיך רעדן וועגן אַזאַ אויסזיכט, און זי האַלט, אַז די אַמעריקאַנער קאַפּיטאַליסטן זיינען פון דער נאַטור אַזוי רע־אַקציאָנער און נאַריש, אַז ס'איז ניטאָ קיין שום אַנדער אויסוועג, אויסער ווי צו באַזיגן זיי אין אַן אַלגעמיינער שלאַכט, און אַז איך שלאָג פאָר „אויס־צומיידן אַ קאָנפליקט דורך ניט שלאָגן צוריק די, וואָס דערלאַנגען דיר אין די ציין". ענלעכע מיינונגען האָבן אַרויסגעזאָגט אויך אַנדערע, ווי, למשל, די טראָצקיסטן, די נאָרמאַן טאָמאַס סאָציאַליסטן, די דובינסקי־חברה, די רויטערס און דזשאָן ל. לואיס.

איך קאָן, נאַטירלעך, ניט גאַראַנטירן, אַז די אַרבעטער־יוניאָנס וועלן באמת באַקומען זייער געהעריגן פּלאַץ אין דער נאָך־מלחמה'דיגער אַמעריקע. איך קאָן קיינעם ניט צוזאָגן מיט זיכערקייט, אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין נייע „אָפּען־שאַפּ" און „אַמעריקען פּלאַן"־באַוועגונג צו צעשמעטערן די אַרבעטער־יוניאָנס נאָך דער איצטיגער מלחמה, פּונקט ווי דאָס איז פאָר־געקומען אין די יאָרן 1919־1921. נאָך אַלעמען וועלן דעם באַשלוס וועגן זייער באַציאונג צו די יוניאָנס דאַרפן מאַכן די קאַפּיטאַליסטן אַליין. און אויב דאָס וועט פּאַסירן, מוז די אַרבעטער־באַוועגונג זיין גרייט צו פאַרטיידיגן זיך. איך בין ניט מאַהאַטמאַ גאַנדהי'ס אַ תּלמיד און זיין לערע וועגן ניט שטעלן זיך אַנטקעגן שלעכטס וועט ניט געפינען קיין ערנסטע אָנהענגערשאַפט אין די רייען פון די אַרבעטער.

איך באַשטיי אָבער אויף דעם, אַז עס איז געוואונטשן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג זאָל צוליב אירע אייגענע קלאָר־פאַרשטאַנענע אינטערעסן פאַר־נעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָזיציע אין דער דאָזיגער פראַגע, אַז די אַרבעטער זאָלן זיך ניט לאָזן פּאַסיוו און פאַטאַליסטיש שלעפּן מיטן שטראָם, וואָס גייט אין דער ריכטונג פון אַזאַ גרויסן קאָנפליקט; אַז די אַרבעטער־

שאַפט זאָל קלאָר מאַכן אויסער יעדן צווייפל, אַז אַזאַ קאָנפליקט איז ניט דער צוועק אָדער וואונטש פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; אַז די אַרבעטער־שאַפט זאָל עפנטלעך טאָן אַלץ וואָס זי קאָן, כדי אויסצומיידן אַזאַ קאָנפליקט. אויב אַ שווערער קלאַסן־סכסוך איז באמת אומפאַרמיידלעך נאָך דער איצטיגער מלחמה און מוז אַרונטעררייסן אונזערע האָפענונגען אויף שלום און וואוילזיין, איז זאָל עס קלאָר פעסטגעשטעלט ווערן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז שולדיג אין דעם איז ניט די אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר די שונאים פון די אַרבעטער.

לויט מיין באַשיידענער מיינונג, איז אַזאַ האַנדלונג דער בעסטער וועג אויסצומיידן אַזאַ סכסוך, אויב נאָר דאָס איז מעגלעך, און צוצוגרייטן זיך צום קאַמף, אויב דאָס זאָל זיך אַרויסשטעלן פאַר נויטיג.

קאָן מען געפינען ערנסטע סמנים, אַז קאַפּיטאַליסטישע קרייזן באַוועגן זיך, אָדער קאָנען באַוועגט ווערן אין דער ריכטונג פון אַזאַ נאַציאָנאַלער איינינקייט, וואָס שליסט איין אויך די אַרבעטער־באַוועגונג צוזאַמען מיט אַזאַ פּראָגראַם פון אַן אַלגעמיינער הויבונג פון דעם לוין־סטאַנדאַרד?

עס זיינען פאַראַן אַ מאַסע אַזעלכע סמנים. איך וויל דאָ אויסקלייבן פאַר אונזער באַטראַכטונג בלויז איינעם, טאַקע פון דעם זעלבינן מר. עריק דזשאַנסאָן, וועלכער איז שוין דאָ פריער ציטירט געוואָרן. פון דער זעלביגער רעדע זיינער נעם איך אַרויס דעם פאָלגנדיגן אויסצוג:

„מיר האָבן באַהערשט די קונסט פון מאַסן־פּראָדוקציע. איצט בלייבט פאַר אונז צו באַהערשן די קונסט פון מאַסן־פאַרטיילונג, אַזוי אַז די פּראָדוקטן פון אונזער פּרעכטיגער אינדוסטריעלער מאַשין זאָלן קאָנען וואָס מער פאַרשפּרייט ווערן צווישן די מאַסן פון אונזער פאָלק. מיר זיינען איצט גרייט צו אַן אומגעהערטער פּראָדוקציע סיי פאַר געוויינלעכע לעבנס־באַדערפעינישן, סיי פאַר אַ ראַפינירטן לעבן... כדי די דאָזיגע גראַנדיעזע פּראָדוקציע זאָל קאָנען פאַרברויכט ווערן, מוזן די געשעפטסלייט, די אַרבעטער און די פאַרמער קאָאָפּערירן צווישן זיך און אָנהאַלטן די פולע באַשעפטיגונג, הויכע וועידזשעס און אַ מאַקסימאַלע קויף־קראַפט.”

אַזאַ דערקלערונג, וואָס קומט פון דעם פּרעזידענט פון דער יונאַיטעד סטעיטס טשעמבער אָוו קאָמערס, איז אַן אַלגעמיינע פּראָגראַם־פאָרמולירונג, וואָס איז אַזוי גוט ווי וועלכע עס איז דערקלערונג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן פון אַן אַרבעטער־פירער. פאַר מיר איז אַזאַ דערקלערונג גוט גענוג. די איינציגע מעגלעכקייט ניט איינצושטימען מיט מר. עריק דזשאַנסאָן ליגט אין דעם אויסוואַל פון די מיטלען, וואָס זיינען אַמבעסטן צוגעפּאַסט צו דערגרייכן דעם דאָזיגן צוועק.

צי מיינען די הערן דזשאַנסאָן און זיינע חברים דאָס וואָס זיי זאָגן?

דער איינציגער גוטער מיטל אויסצופּרובירן עמיצנס אויפריכטיגקייט איז די פּראָבע פון מעשים. זאָל די אַרבעטער־באַוועגונג אָננעמען מר. דזשאַנסאָן׳ס פּראָגראַם און זי שטעלן פאַר דער פּראָבע פון פאַרווירקלעכונג. אויב

זי אַרבעט, איז דאָך גוט און וואויל. אויב ניט, וועט דער אָנשטעל פּלאַצן און די אַרבעטערשאַפט וועט יעדנפאַלס זיין אין אַ פּיל בעסערער טאַקטישער און מאָראַלישער פּאָזיציע, איידער אויב זי וועט ניט־טראַכטנדיג נאָכפּאָלגן די עצות פון דר „פּי־עם" און פון ענלעכע „טיפּע דענקער".

איך פון מיין זייט קוועקל זיך ניט אָנצונעמען מר. דזשאָנסאָנ'ס דער־קלערונג אַלס אַן אויפריכטיגע פאָרמולירונג פון אַ פּראָגראַם.

די שוועריגקייטן, וואָס די אַרבעטערשאַפט קאָן האָבן מיט מר. דזשאָנ־סאָנען און זיין גלייכן, וועלן זיין וועגן די פאָרמען און מעטאָדן דורך וועלכע די צילן, אויף וועלכע זיי וועלן איינשטימען, דאַרפן פאַרווירקלעכט ווערן. אָבער אין דעם פּרט איז עס גאָר ניט אומפאַרמיידלעך, אַז מען זאָל ניט קאָנען קומען צו קיין אויסגלייך. ווארים הגם די דאָזיגע דענקענדיגע קאַפּי־טאַליסטן באַנוגענען זיך בלויז מיט זייער אַלגעמיינע פאָרמולירונגען וועגן זייערע צילן, ווייזן זיי אָבער אַרויס בנוגע קאָנקרעטע פראַגן אַ גאַנץ באַדייטנ־דיגע און וואַקסנדיגע אינטעלעקטועלע בויגזאַמקייט. דאָס קאָן אילוסטרירט ווערן דורך איינינגע ציטאַטן פון דעם זעלביגן דזשאָנסאָנען:

„צופּיל מענטשן צווישן אונז, — דערקלערט ער, — רעדן וועגן קאַפּי־טאַליזם אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַן אַבסאָלוטע זאַך, וואָס מוז זיין היינט דאָס זעלביגע, וואָס ער איז געווען נעכטן און וואָס ער וועט זיין מאָרגן. צו פּיל פון אונז רעדן וועגן קאָנקורענץ אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַן אַב־סאָלוטע זאַך אָן שום גראַדן און ענדערונגען. אָבער קיין זאַך קאָן ניט זיין מער פאַרפּירעריש און שעדלעך. צוזאַמען מיט אונזער הייסער פאַרטיידיגונג פון די גרונט־פּרינציפּן פון פרייער אונטערנעמונג מוזן מיר אַרויסווייזן אַן אינטעליגענטע אָפּשאַצונג פון דער כסדר'דיגער עוואָלוציע.

„בלויז די, וואָס זיינען באַוואוסטזיניג בלינד, קאָנען ניט באַמערקן, אַז דער אַלטער מין קאַפּיטאַליזם פון אַ פּרימיטיוון רויבערישן פּעריאָד איז אַוועק אויף שטענדיג. דער קאַפּיטאַליזם פון אַ פולשטענדיגן „לאָז געמאַך", וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף אַ נידעריגן אַרבעטס־לוין און אויף מאַקסימאַלע פּראָפיטן אויף אַ מינימאַלן אומזאַץ, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן קאָלעקטיווע אָפּמאַכן און האָט געקעמפט אַנטקעגן אַ באַרעכטיגטער געזעלשאַפטלעכער רעגולירונג פון דער קאָנקורענץ, — דער דאָזיגער מין קאַפּיטאַליזם איז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט."

אין אַן אַנדערער, אַ פריערדיגער רעדע, האָט מר. דזשאָנסאָן, פעסט־שטעלנדיג די נויטווענדיגקייט אין אַ פולער פּראָדוקציע און באַשעפטיגונג נאָך דער מלחמה און פאַרלאַנגענדיג, אַז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן אויף זיך נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, פאַרענדיגט מיט דער וואָרענונג, אַז „אויב ניט וועט עס טאָן די רעגירונג". און ער האָט דעריבער געפאָדערט „אַ נייעם מין קאָאָפּעראַציע צווישן דער רעגירונג, דער מענעדזשמענט, דער אַרבעטערשאַפט און דער אַגריקולטור".

די אַרבעטער־באַוועגונג קאָן אויפן גרונט פון אַזעלכע דערקלערונגען, ווי די וואָס מר. דזשאָנסאָן האָט געמאַכט, לייכט איינגיין אויף אַ פּראָגראַם,

וואָס גיט איבער אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטן גופא אַ מאַקסימום איניציאַטיוו און אויסאַרבעטן די פּראָבלעם פון פאַרטיילונג פון דער פּראָדוקציע אויף אַן אופן, וואָס זיי אַליין וועלן אויסקלייבן, בתנאי אַז די קאַפּיטאַליסטן זאָלן איינשטימען, אַז די פּראָגראַם זאָל איינשליסן אויך אַ מעגלעכקייט, אַז די רעגירונג זאָל זיך אַריינמישן, כדי צו פאַרשטעקן יעדן לאָך, וואָס וועט דערבײַ בלייבן אָפן. מר. דזשאַנסאָן האָט שוין אויסגעדריקט זיין צושטימונג, ווען ער האָט דערקלערט, אַז: „קיין שום אַמעריקאַנער פּרעזידענט וועט מער קיינמאָל ניט דערלויבן, אַז אַמעריקאַנער בירגער זאָלן זיין אַרבעטסלאָז. זיי וועלן באַשעפטיגט ווערן דורך פּריוואַטע אונטערנעמונגען, אָדער די רעגירונג וועט זיי באַשעפטיגן.״ און וועגן דער ראָלע, וואָס די אַרבעטער דאַרפן אין דעם שפּילן, האָט ער צוגעגעבן: „ווען איך רעד וועגן קאָאָפּעראַציע, מיין איך דערמיט ניט, אַז די געשעפטסלייט מוזן זיך אונטערגעבן די אַרבעטער, אָדער די אַרבעטער מוזן זיך אונטערגעבן די געשעפטסלייט.״

די יוניאָן־באַוועגונג מוז האָבן צוטרוי אין אירע אייגענע כחות און אין אירע גייסטיגע מעגלעכקייטן, כדי צו שטעלן פאַר זיך די אויפגאַבע פון אויסאַרבעטן אירע פּראָבלעמען אין אַזאַ מין נאַציאָנאַלער אייניגקייט, ניט דאַרפנדיג דערבײַ אָנקומען צו דער פּראָבע פון שלאַכט, כדי צו לייזן סכסוכים. וואָרים סכסוכים וועלן, נאַטירלעך, זיין איבערגענוג, — און עס וואָלט געווען אַ גרויסע נאַרישקייט אָנצונעמען, אַז דער בלויזער הסכם צו קאָאָפּערירן צווישן זיך וועט שוין אַליין לייזן אַלע פראַגן. פּונקט פאַרקערט, דער אמת׳ער עסק הויבט זיך אָן ערשט דעמאָלט, ווען עס הויבט זיך אָן אויספאָרמירן אַ הסכם וועגן גרונט־פראַגן.

דער טונקלסטער וואָלקן, וואָס הענגט איבער דער אויסזיכט, אַז די אַרבעטערשאַפט זאָל קאָנען באַקומען איר געהעריגן פּלאַץ אין דער נאָך־מלחמה׳דיגער נאַציאָנאַלער אייניגקייט, באַשטייט אין דעם, וואָס אונזערע אָנשטרענגונגען אין דער ריכטונג, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער צייט פון דער מלחמה, האָבן דערווייל געבראַכט אַזעלכע נישטיגע רעזולטאַטן. די אַרבעטער זיינען אַלס כלל ניט אויפגענומען געוואָרן מיט קיין גרייטקייט דאָרטן, וואו די פּאָליטיק ווערט אָנגעצייכנט, אָדער דורכגעפירט, און די באַהאַנדלונג פון דער אַרבעטס־לוין־פּראָבלעם איז געווען זייער אַן אומבאַפרידיגנדיגע. און כאָטש די אַרבעטערשאַפט טראָגט אַ געוויסן טייל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט דערפאַר, דערהויפּט צוליב איר אומאייניגקייט, באַשטייט דער הויפּט־פאַקט נאָך אַלץ אין דעם, וואָס פון די רייען פון די קאַפּיטאַליסטן איז אַרויסגעוויזן געוואָרן אַ שאַרפער ווידערשטאַנד און גאָר אַ קליינע הילף אין געפינען אַ געהעריגן ענטפער אויף די פּראָבלעמען.

אויב מר. דזשאַנסאָן און אַנדערע פירער און פאַרטרעטער פון קאַפּיטאַל, וואָס דענקען ווי ער, ווילן באמת איינשטעלן מיטאַרבעטערשאַפט־באַציאונגען

מיט די אַרבעטער אין דער נאָך־מלחמה'דיגער וועלט, וואָלטן זיי זיך געדאַרפט באַוועגן אין דער דאָזיגער ריכטונג אויף אַ פּיל מער אַנטשלאָסענעם אופן איידער זיי האָבן עס ביז איצט געטאָן און דורכפירן עס שוין איצט, אין דער צייט פון דער מלחמה. וואָרים די דערפאַרונגען אין דער צייט פון דער מלחמה וועלן אָן שום צווייפל האָבן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער שטימונג און שטעלונג פון דער אַרבעטערשאַפט, ווען זי וועט אַריין אין דעם נאָך־מלחמה־פּעריאָד.

מען מוז קלאָר און אָפן זאָגן אַלע פירער פון דער מלוכה און ווירטשאַפט, אַז די אַרבעטערשאַפט בכלל פילט, אַז זי ווערט גענאַרט דורך דעם קאַפּיטאַל אין דער איצטיגער מלחמה; אַז נאַציאָנאַלע איינינקייט און מיטאַרבעטער־שאַפט איז מער אַנערקענט געוואָרן אין ווערטער, איידער אין מעשים; אַז אין דער פּראַקטיק האָט עס פאַר די אַרבעטער צו אָפט באַדייט, אַז זיי מוזן פאַרמאַכן דעם מויל און פאָלגן באַפעלן אונטער דעם צוואַנג פון דער דיס־ציפּלין פון קריגס־צייט. דער פּאַטריאָטיזם פון די אַרבעטער איז געווען גענוג טיף און שטאַרק, אַז זיי זאָלן עס אָננעמען אָן צופיל פּראָטעסטן אַזוי לאַנג, ווי די מלחמה גייט אָן. פונדעסטוועגן שאַדט ניט צו געדענקען, אַז דאָס שאַפט אָן אָנגעשטרענגטקייט, וואָס וועט זיין אַ קנאַפּע הילף פאַר אַ רעגולערער מיטאַרבעטערשאַפט נאָך דער מלחמה.

די אונטערנעמער און די רעגירונג וואָלטן געקאָנט שוין איצט אויפטאָן זייער פיל צו פאַרבעסערן די דאָזיגע לאַגע. מען וואָלט זיך געדאַרפט ערנסטער באַראַטן מיט דער אַרבעטערשאַפט. באַזונדערס פיל וואָלט געקאָנט געטאָן ווערן כדי אויסצובעסערן די באַהאַנדלונג פון דער שאַרפער לוין־פּראָבלעם. דאָס וואָלט געשטאַרקט די מלחמה־אָנשטרענגונג, ס'וואָלט פאַרבעסערט די געזעלשאַפטלעכע שטימונגען אין דעם איצטיגן פּעריאָד פון דער עפענונג פון דעם מערב־פראָנט מיט זיינע אומפאַרמיידלעך גרויסע ליסטעס פון מלחמה־פאַרלוסטן און וואָלט פאַרשלאָסן אַ סך טירן געגן די צעשטערער פון נאַציאָ־נאַלער איינינקייט פון דזשאָן ל. לואיס'עס מין.

די באַהאַנדלונג פון דער לוין־פּאָליטיק אין קריגס־צייט איז כאַראַק־טעריסטיש דערהויפּט דורך איר האַרטקייט און דאָגמאַטישקייט.

די אַרבעטערשאַפט פירט זיך אויף ווי די אַרמיי פון פּראָדוקציע. זי פילט, אַז אַזאַ אַרמיי פאַרדינט די בעסטע מעגלעכע באַזאָרגונג פון אירע נויטן נאָכדעם ווי די אַרמיי אין די לאַגערן און אויף די שלאַכטפעלדער איז באַזאָרגט געוואָרן. זי פילט, אַז די איינציגע געזעצלעכע אורזאַך פאַר דעם מאַנגל אין שפּייז, קליידער, וואוינונגען און סאָציאַלער באַדינגונג פון דער פּראָדוקציע־אַרמיי וואָלט געווען, אויב די אַלע זאַכן וואָלטן טאַקע פאַקטיש אויסגעפעלט אין לאַנד און די לאַגע וואָלט ניט געקאָנט אויסגעבעסערט ווערן דורך אָרגאַניזירטער אויפמערקזאַמקייט. די אַרבעטערשאַפט פילט, אַז זי באַקומט ניט די געהעריגע אויפמערקזאַמקייט אין דעם געהעריגן גייסט. די

דאָזיגע פאַרנאַכלעסיגונג דריקט זיך אַמשטאַרקסטן אויס אין דער לוין־פּאָליטיק.

עס איז נויטיג איבערצוקוקן אונזער איצטיגע לוין־פּאָליטיק. עס איז נויטיג אָנצונעמען מיטלען אָנצוהאַלטן די ווערדזשעס אין אַ וועלכער עס איז פעסטער פאַרהעלטעניש מיט די פּרייזן, — צו פאַרזיכערן אַ כסדר'דיגן פּראָצעס פון קאָרעגירן די אומגלייכהייטן, שטרעבנדיג צו דער אײנפירונג פון דעם זעלביגן לוין פאַר דער זעלביגער אַרבעט און צו אויסברייטערן די פאַרדינסטן אין אַ וועלכער עס איז פעסטער פאַרהעלטעניש מיט דער אויס־ברייטערונג פון דער פּראָדוקציע. דער ציל דאַרף זיין צו איבערצייגן יעדן אַרבעטער און יעדע אַרבעטער־גרופּע, אַז זיי זיינען ניט קיין קרבנות פון אַ ווילקירלעכן קאַפּריז און פון אַ בלינדער אָנווענדונג פון פּאַפּירענע פאָר־מולעס, נאָר אַז די רעגירונג און די אונטערנעמער שטרעבן כסדר צו דער־גרייכן אַן אַלגעמיין־אָנגענומענעם סטאַנדאַרד פון גערעכטער באַלוינונג אין פּרט פון מאַכן צוגענגלעך פאַר דעם אַרבעטער די פאַראַנענע סחורות און באַדינונג. עס איז נויטיג צו דערווייזן זיי אויסער יעדן צווייפל, אַז ווען אַזאַ ציל ווערט ניט דערגרייכט, איז עס בלויז צוליב דעם מאַנגל, וואָס די מלחמה שאַפט, און ניט אַ רעזולטאַט פון אַ שלעכטער אָרגאַניזאַציע, פון אַ האַרטער פּאָליטיק און פון פּשוט'ער אָפּנאַרעריי.

אויב מען וואָלט געמאַכט ערנסטע באַמיאונגען אין אָט דער ריכטונג, וואָלטן מיר געהאַט זייער ווייניג אומצופרידנקייט אין די אַרבעטער־רייען און זייער ווייניג אָנגעצויגנקייט אין די באַציאונגען צווישן די אַרבעטער, דער רעגירונג און די אונטערנעמער. און דאָס וואָלט אויך געווען דר בעסטער מעגלעכער אַריינפיר צו באַגעגענען די פּראָבלעמען פון דעם נאָך־מלחמה פּעריאָד אין אַ גייסט פון קאָאָפּעראַציע.

איך גלויב, אַז עס איז ניט נויטיג צו דערמאָנען דאָ די פעסטגעשטעלטע אויפגאַבן פון די טרעיד־יוניאָנס, וואָס שליסן איין די אָרגאַניזאַציע פון די אומאָרגאַניזירטע אַרבעטער און דעם קאַמף פאַר אײניגקייט. די ראָלע פון די טרעיד־יוניאָנס וועט אין אַלע הינזיכטן ווערן וויכטיגער, ווי ווען עס איז פריער אין דער מאָס, אין וועלכער מיר וועלן באַווייזן צו דערגרייכן די נאָך־מלחמה'דיגע פּערספּעקטיוועס, וואָס זיינען דאָ פריער אָנגעצייכנט געוואָרן.

קאַפּיטל דרייצן

דעמאָקראַטיע און נאַציאָנאַלע אײניגקייט

די פאַרשיידענע ווידערשפּרעכנדיגע אינטערעסן מוזן זיך אויסלערנען, ווי צונויפצוקומען זיך אויף אַ באַזיס פון אַ קאָמפּראָמיס, כדי צו דערגרייכן נאַציאָנאַלע אײניגקייט. דאָס איז דער אופן, ווי עס אַרבעט אונזער דעמאָ־קראַטיע. אָבער ס'איז פונדעסטוועגן פאַראַן אַ גרענעץ, וואָס ווייטער פון

דעם זיינען קיין קאָמפּראָמיסן ניט דערלאָזבאַר. דאָס איז, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די דעמאָקראַטישע גרונט־פּרינציפּן. אין אַזאַ פאַל קאָנען קאָמ־פּראָמיסן בלויז באַשאַפן אַ פאַלשן אָנשטעל פון איינינקייט, און הינטער דעם זאָל גלייכצייטיג פאָרקומען די פאַרניכטונג פון יעדער מעגלעכקייט פון איינינקייט.

היטלער האָט ניט געמאַכט קיין סוד פון זיין האָפענונג, אַז אומאיייניג־קייט אין די פאַראייניגטע שטאַטן וועט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו טריאומפירן איבער אונז, פונקט ווי דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט צו באַהערשן פראַנקרייך.

אַ וויכטיגער טייל פון נאַציאָנאַלער איינינקייט איז דעריבער די נויטיג־קייט גובר צו זיין די אומאייניגקייט־פאַקטאָרן, וועלכע היטלער האָט דער־וואַרט, אַז זיי וועלן אַרבעטן פאַר אים, און וואָס מאַכן איצט פאַרשיידענע אַרויסטריטן, כדי אָפּצושוואַכן די עפענונג פון דעם צווייטן פראָנט. דאָס איז פונקט אַזוי וויכטיג אויך נאָך דער מלחמה, ווען היטלער וועט זיין ליקווידירט, וואָרים ס׳איז איצט קלאָר, אַז איינינקייט וועט זיין זייער נויטיג אויך דעמאָלט.

היטלער האָט באַשאַפן זיינע „פינפטע קאָלאָנעס" דורך אויסנוצן און אויפרייצן עלעמענטן פון אומאייניגקייט, וואָס האָבן שוין עקזיסטירט אין די לענדער, וועלכע ער האָט צעטראָטן. זיינע הויפּט־מיטלען צוליב דעם דאָזיגן צוועק זיינען געווען די טעאָריעס פון ראַסן־העכערקייט און דער „אַנטי־קאָמינטערן".

די אידעאָלאָגישע פעדים פון היטלער׳ס טעאָריע האָבן געווירקט, ווי פונקען, וואָס דאַרפן אויפרייסן באַהאַלטענע מינעס, וואָס האָבן שוין עקזיס־טירט אין דער אַמעריקאַנישער סאָציאַלער סטרוקטור. איז דערפאַר שוין ניט גענוג בלויז צו שטערן היטלער׳ן אויפרייסן איצט די דאָזיגע מינעס. מיר מוזן זיך אויך שטעלן די אויפגאַבע אַרויסצונעמען דעם אויפרייס־מעכאַניזם פון די מינעס און גלייכצייטיג באַזייטיגן די מינעס גופא, אַזוי אַז זיי זאָלן שפּעטער ניט אויפרייסן און ניט צעשטערן אַלע אונזערע נאָך־מלחמה פּלענער.

היטלער׳ס לערע וועגן „הערנפאָלק", אָדער ראַסן־העכערקייט, פירט דירעקט צו דריי אויפרייס־פונקטן אין אַמעריקע, וואָס זיינען אין גרונט שעדלעך פאַר אונזער דעמאָקראַטיע און מוזן אומקאָמפּראָמיסלעך באַקעמפט ווערן ביז זיי וועלן צעשטערט ווערן. דאָס זיינען: 1) דזשים־קראָאיזם, אָדער די סיסטעמאַטישע פאַרלייקענונג פון בירגער־רעכט צו די נעגערשע מאַרי־קאַנער, — וואָס דאָס רירט אָן אויך אַנדערע, ווי למשל, די מעקסיקאַנישע אַמעריקאַנער; 2) דער פּאָל־טעקס, די סיסטעם פון אַרויפלייגן אַ שטייער אויפן רעכט צו שטימען, וואָס עקזיסטירט אין 8 דרום־שטאַטן מיטן צוועק צו באַרויבן דאָס שטימרעכט פון דער מערהייט בירגער, ווייסע און נעגערס, — הגם דאָס געזעץ איז דערהויפּט געצילט געגן די נעגערס; 3) אַנטיסעמי־טיזם, די סיסטעם פון פיינטלעכקייט, דיסקרימינאַציע און סעגרעגאַציע,

וואָס עקזיסטירט בנוגע דער אידישער באַפעלקערונג אין אַמעריקע, — אַ סיסטעם, וואָס אירע וואָרצלען ציען זיך פון מיטלאַלטער און צעשפּרייטן זיך איצט, ווי מיסט־גראָז אויף אַ שלעכט־באַאַרבעטן באָדן, אונטער דער ענערגישער ווירקונג פון די היטלער־קרעפטן.

אין משך פון יאָר 1943 האָט אַמעריקע געהאַט פאַר זיך איינציגע מערקווירדיגע ביישפּילן פון די שרעקלעך־עקספּלאָדירנדיגע אייגנשאַפטן פון דער סיטואַציע, וואָס די פּאָליטיק פון דזשים־קראָאיזם האָט באַשאַפן. די דעטראָיטער אומאָרדענונגען, אין וועלכע פינף און דרייסיג נעגערס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן דורך דעם המון אויף די גאַסן, אַ גרויסער צענטער פון קריגס־פּראָדוקציע איז צעשאָקלט געוואָרן און דאָס גאַנצע לאַנד איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ צושטאַנד פון די ערגסטע דערוואַרטונגען, — זיינען געווען דר ערגסטער ביישפּיל. קורץ נאָכדעם האָבן מיר געהאַט אַ צווייטן ביישפּיל אין האַרלעם. אין לאָס־אַנדזשעלעס זיינען כסדר אויפפלאַקערנדיגע גאַסן־אָנפאַלן פון אָנהויב געווען געריכטעט געגן דער מעקסיקאַנישער באַפעלקערונג, וועלכע איז אָפּלאַכעריש באַצייכנט געוואָרן אַלס „זוט־סוטערס“— צוליב דעם אופן ווי זיי טוען זיך אָן. אין הונדערטער פּלעצער, אין צפון און אין דרום, זיינען פאָרגעקומען קלענערע אומאָרדענונגען. עס זיינען פאַראַן באַריכטן וועגן בוכשטעבלעך טויזנטער פאַלן פון גוואַלדטאַטן געגן אַמעריקאַנער סאָלדאַטן בלויז אונטערן אויסרייד פון דעם טונקעלן קאָליר פון זייער הויט. דאָס אַלץ איז אַ דירעקטער רעזולטאַט פון אַ געזעצמעסיג־איינגעשטעלטער און סאָציאַל־אונטערשטיצטער סיסטעם פון פאַרלייקענען די גלייכע רעכט פון בירגערשאַפט, הגם די גלייכהייט איז גאַראַנטירט געוואָרן פאַר אַלעמען דורך דער קאָנסטיטוציע פון די פאַראייניגטע שטאַטן אין אַ ספּעציעלן אַמענדמענט, וואָס איז קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

אויסערלעך איז דער פאַר׳סמ׳טער קוואַל פון דזשים־קראָאיזם די געוועזענע שקלאַפן־טעריטאָריע פון דער סאַוטה, וואו דער פּרינציפּ פון „ווייסער אויבערהערשאַפט“ איז פאַרפעסטיגט געוואָרן אין אַ געזעץ־פאָרם און אין אַ שפּראַך, וואָס איז ניט ווייניגער חוצפה׳דיג און אומפאַרשעמט, ווי די וואָס היטלער האָט ווען עס איז באַנוצט.

אָבער ווען מען באַקענט זיך נעענטער מיט דער פּראָבלעם, געפינט מען גלייך אויס, אַז די דרום׳דיגע רעאַקציאָנערן קאָנען אָנהאַלטן זייער היטלעראַרטיגע סיסטעם בלויז דורך דער אונטערשטיצונג, וואָס זיי באַקומען פון צפון, אַפילו מצד זייערע כלומרשטע אָפּאָנענטן. דזשים־קראָאיזם אַלס אַ סיסטעם פון דענקען און פון האַנדלונגען האָט פון זיין קוואַל אין דער סאַוטה זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און האָט עס געפערלעך אָנגעשטעקט.

אַלס ביישפּיל פון דעם, ווי דאָס קומט פאָר, לאָמיר נעמען אַ נומער פון דער ניכטערער, קאָנסערוואַטיווער און רעספּעקטאַבעלער ניו יאָרק טאַימס,

וואָס האָט דעם העכסטן פּרעסטיזש צווישן די אַמעריקאַנער צייטונגען. דעם 3טן אויגוסט, 1943, באַלד נאָך די דעטראָיטער און האַרלעמער אומאָרדענונ־גען, האָט די דאָזיגע צייטונג געדרוקט אַ גאַנץ ענערגישן עדיטאָריעל, אין וועלכן זי האָט פאַרטיידיגט די נעגערס פון אַמעריקע אונטער דעם לאָזונג: „אויב עס איז פאַראַן אַ דיסקרימינאַציע געגן וועמען עס איז צוליב זיין ראַסע אָדער רעליגיע, דעמאָלט איז קיינער ניט זיכער געגן דיסקרימינאַציעס.” דאָס איז געווען זייער פיין, און אויב די טאַימס גופא און די אַלע קרייזן, וועלכע די טאַימס פאַרטרעט, וואָלטן זיך געהאַלטן אין דעם דאָזיגן גוטן כלל, וואָלט עס זייער שנעל געהאָלפן געגן דער גאַנצער קראַנקהייט אויף אָט־דעם געביט.

אָבער — אין דעם זעלביגן נומער פון דער טאַימס און אויף דער זעל־ביגער זייט, וואו דער עדיטאָריעל איז געווען געדרוקט, האָבן מיר געפונען אַן אַרטיקל, אונטערגעשריבן דורך איינעם פון אירע הויפּט־שרייבער, מר. אַרטהור קראָק, וואו ער האָט פאַרנומען אַ פּונקט געגנזעצלעכע פּאָזיציע און האָט פאַרטיידיגט די גאַנצע לערע פון ראַסן־העכערקייט. מר. קראָק האָט זיך אומקאָנדיציאָנעל איינגעשטעלט פאַר דער פּראַקטיק פון דזשים־קראָאיזם אַלס אַ פּשוטע אָנערקענונג פון „די פאַקטן פון דער נאַטור”. ער דערקלערט, אַז די גאַנצע צרה נעמט זיך גאָר פון דער אָפּאָזיציע צו דער דאָזיגער סיסטעם און ער כאַראַקטעריזירט די דאָזיגע אָפּאָזיציע אַלס די אַרבעט פון „פּאָליטישע דעמאַגאָגן פון בײדע קאָלירן”. דעם פּרינציפּ פון גלייכער בירגערשאַפט, וואָס די קאָנסטיטוציע האָט איינגעשטעלט, פאַרדאַמט ער אַלס „גיפטיגע און אויפ־רייסנדיגע לערע”. ער דריקט אויס די מיינונג, אַז „די מערהייט” פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק איז „אומקאָנדיציאָנעל געגן” דעם, אַז די נעגערשע ביר־גער זאָלן באַקומען גלייכע רעכט פאַרן געזעץ. ער דערקלערט, אַז די דאָזיגע „סיסטעם” קאָן ניט געענדערט ווערן דורך „פּאָליטישער האַנדלונג”, און אַז זי קאָן בלויז פאַרלייכטערט ווערן דורך מאַכן זיכער, אַז זי — די סיסטעם פון דזשים־קראָאיזם — זאָל פּראַקטיצירט ווערן „אין ליכט פון די לאָמפּן פון גערעכטיגקייט”.

דער דאָזיגער איבעראַשנדיגער ביישפּיל פון דעם, ווי די ראַסן־לערע פון היטלעריזם פאַר אַמעריקע ווערט פאַרטיידיגט אויף די שפּאַלטן פון דער ניו יאָרק טאַימס, רופט אַרויס אַ באַזונדערע באַאומרואיגונג צוליב דעם, ווייל דאָס האָט צוגעצויגן זייער ווייניג אויפמערקזאַמקייט. פּשוט, מען האָט עס אָנגענומען, „ווי עס דאַרף אַזוי זיין”, ווי נאָך איינעם פון די געוויסע „פאַקטן פון דער נאַטור”. דער אַנדער רעדאַקטאָר פון דער טאַימס, וואָס האָט געשריבן אין דעם זעלביגן נומער און אויף דער זעלביגער זייט פון דער צייטונג אין אַן עדיטאָריעל, אַז „אויב ס'איז פאַראַן דיסקרימינאַציע געגן וועמען עס איז צוליב זיין ראַסע אָדער רעליגיע, דאַן איז קיינער ניט זיכער געגן דיסקרימינאַציעס”, איז ניט אַרויסגעטראָטן מיט זיין עפנטלעכן פּראָ־

טעסט געגן מר. קראָק׳ס קאָלום און אויף וויפיל מיר ווייסן האָט קיינער געגן דעם ניט פּראָטעסטירט.

עס גנב׳עט זיך אריין אַ שרעקלעכער פאַרדאַכט, אַז ווער ווייסט, אפשר איז דער מר. קראָק גאָר געווען דער שרייבער פון ביידע זאַכן, סיי פון דעם עדיטאָריעל, סיי פון דעם אונטערגעשריבענעם קאָלום! אפשר איז דער אונטערגעשריבענער קאָלום געווען ניט מער, ווי אַ דעטאַליזירטע דערקערונג פון דעם, וואָס עס געפינט זיך באמת הינטער די הויך־קלינגענדיגע רופן צו „גערעכטיגקייט און גלייכהייט", ווען זיי ווערן ניט באַגלייט דורך קיין פּראַקטישן קאַמף באַלד צו פאַרווירקלעכן זיי!

מר. קראָק׳ס שטעלונג צום דזשים־קראָאיזם איז אַ גענויע אַמעריקאַנישע קאָפּיע פון דער שטעלונג פון די „מעסיגע" נאַצים אין דייטשלאַנד צום אַנטי־סעמיטיזם. דר. היאַלמאַר שאַכט, למשל, וועלכער איז לאַנגע יאָרן געווען היטלער׳ס פינאַנץ־מיניסטער, זאָל האָבן „באַדויערט" די „עקסצעסן" פון די נאַצישע פּאָגראָמען אויף אידן און פונקט אין אַזעלכע ווערטער, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין אַ דייטשע איבערזעצונג פון ארטור קראָק׳ס געדאַנקען. דר. שאַכט האָט אויך דערקלערט, אַז „די באַדויערנסווערטע עקסצעסן" פון די נאַצים געגן די אידן זיינען פּראַוואָצירט געוואָרן דורך דער „גיפטיגער און אויפרייסנדיגער לערע" פון דעמאָקראַטיע; ער האָט אויך געזען אין די געטאָס בלויז די אָנערקענונג פון „פאַקטן פון דער נאַטור". ער האָט אויך געוואָלט, אַז די נאַצישע לערע וועגן אידן זאָל אָנגעווענדט ווערן „אין דער ליכט פון די לאַמפּן פון גערעכטיגקייט".

פונקט ווי דר. שאַכט׳ס „מעסיגע" פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם האָט בלויז געדינט כדי צו געבן אַן אָנשטעל פון אָנשטענדיגקייט די מערדערלעכע נאַצישע פּאָגראָמשטשיקעס, אַזוי דינט מר. קראָק׳ס „מעסיגער" דזשים־קראָאיזם בלויז אַל סאַ צודעק פאַר די אַלע אָרגאַניזאַטאָרן פון גאַסן־גוואַלדטאַטן אין די אַמעריקאַנער שטעט און פאַר דער טיפער צעשפּאַלטונג פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָנאַלער איינִיגקייט, וואָס קומט פון דעם, וואָס צען פּראָצענט פון אונזער באַפעלקערונג איז אויסגעשלאָסן פון שוץ פון דער קאָנסטיטוציע.

דר. שאַכט פלעגט שטענדיג אויפגערודערט ווערן דורך דער באַשולדיגונג, אַז ער, דער פיינער דזשענטלמאַן און הומאַניטאַריער, קאָן גע־האַלטן ווערן אויף אַ וועלכן עס איז אופן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די „עקסצעסן" פון די ברוינע העמדלעך געגן די אידן. און פונקט אַזוי וועט מר. קראָק זיך געוויס באַקלאָגן, אַז מען באַשמוצט אים, ווען מען דעקט אויף זיין נאָענטע שייכות סיי מיט די לינטשערס פון אַמעריקע, סיי מיט די פּאָגראָמ־שטשיקעס פון דייטשלאַנד. אָבער אין ביידע פאַלן איז עס דאָך פאָרט אמת, אַז די אָפענע פאַרברעכער באַקומען זייער מוט און מאַכט צו באַגיין די פאַר־ברעכנס דורך די „רעספּעקטאַבעלע" לייט, וואָס באַזאָרגן זיי מיט די געהעריגע

מעגלעכקייטן און באַרעכטיגונגען. אויף יעדן איין קראַק, וואָס פּראָפּאַגאַנדירט אָפן די לערע וועגן ראַסן־העכערקייט, זיינען פאַראַן טויזנטער, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט מיט אַזעלכע אידייען, ווי מיט „נאָרמאַלע" זאַכן, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן אָן קיין שום פּראָגעס.

מיר האָבן צו טאָן ניט מיט קיין אַבסטראַקטע אידייען; זיי זיינען בלויז אויסדרוקן פון סאָציאַלע און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, פון דעם געוועב פאַר דער נאַציאָנאַלער איינינקייט אין דער צייט פון קריג און אויף נאָך דער מלחמה, אָדער פון דער צעשטערונג פון דער דאָזיגער איינינקייט. זיי זיינען אַנטשיידנדיגע פּאַקטאָרן אין אונזער מיליטערישער מאַכט און אין אונזערע באַציאונגען מיט דער משפּחה פון די פעלקער אין דער וועלט, וואָס וועט קומען נאָך דער מלחמה. ס'איז אַ זייער פלאַכער און וואולגאַרער באַגריף וועגן דעמאָקראַטיע, ווען מען באַנוגנט זיך מיט אַ „הומאַניטאַרישן" אָפּזאָג פון די ערגסטע אויסדרוקן פון ראַסיזם, אָבער מען זאָגט זיך אינגאַנצן אָפּ איינצוזען, אַז די גאַנצע סיסטעם פון ראַסן־העכערקייט איז אַ געווער אויף צו צעשטערן אונזער לאַנד, און אַז מיר מוזן באַזיגן די דאָזיגע סיסטעם פונקט אַזוי אומ'ברחמנות'דיג, ווי מיר מוזן צעשמעטערן היטלער'ס אַרמייען.

עס האָט געדאַרפט קומען די מלחמה מיט אירע האַרטע באַדערפעגישן איידער אַמעריקע איז אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון איר אומקריטישן אָננעמען פון דעם סם פון ראַסיזם. בלויז דער מאַנגל פון אַרבעט־קראַפט אין די קריגס־אינדוסטריען האָט געגעבן דעם פּרעזידענט'ס „פעיר עמפּלאָימענט פּרעקטיסעס קאָמיטע" (קאָמיטעט געגן ראַסן־דיסקרימינאַציאַעס ביים אָנשטעלן אַרבעטער) די נויטיגע שטויס־קראַפט, וואָס האָט אָנגעהויבן אויפברעכן איינגע פון די ערגסטע שטערונגען פאַר דער באַשעפטיגונג און אוואַנסירונג פון נעגערס, אידן, מעקסיקאַנער און אַנדערע מינדערהייט־גרופּעס. בלויז דאָס, וואָס די אויפגאַבע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אונזער אַרמיי־שטאַב, צו אָרגאַניזירן צוויי באַזונדערע אַרמייען (פון ווייסע און פון נעגערס) אָנשטאָט איינער, האָט ענדלעך אָנגעהויבן אונטערגראָבן דעם דזשים־קראָאיזם אין דער אַרמיי. אַלע אונזערע הויכע אידעאַלן האָבן זיך אַרויסגעוויזן ניט־ווירקזאַם ביז זיי זיינען ניט פאַרשטאַרקט געוואָרן דורך די ברוטאַלע פאָדערונגען פון דעם קריג, אין וועלכן אונזער גאַנצע עקזיסטענץ איז געשטעלט געוואָרן אין קאָן.

דער גענעראַל־שטאַב האָט גענומען בויען אונזער צען־מיליאָניגע אַרמיי ניט אָפּפרעגנדיג די איינגעשטעלטע טראַדיציע פון דזשים־קראָאיזם. ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז די דאָזיגע פּראַקטיק פון סעגרעגאַציע, — פון אָפּזונדערן די נעגער־סאָלדאַטן פון די ווייסע — איז די גרעסטע שטערונג פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ ווירקזאַמער אַרמיי: יעדע פּראָבלעם ווערט פּשוט פאַרטאָפּלט און עס שאַפן זיך כסדר נייע פּראָבלעמען. דאָס וואָס עס מוז זיין אַן איינהייטלעכע אַרמיי־אָרגאַניזאַציע, מוז צעשפּאָלטן ווערן אין צווייען

אַרום אַ פראַגע, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות מיט דער מיליטערישער טעאָריע אָדער פּראַקטיק. אונזער 10־פּראָצענטיגע נעגער־באַפעלקערונג איז אָנשטאָט צו זיין בלויז אַ צוגאָב צו אונזער מיליטערישער מאַכט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מיטל צו פאַרמערן אונזערע שוועריגקייטן. אָנשטאָט אַריינגענומען צו ווערן אין דער אַרמיי אַלס אַ סאָלדאַט, איז דער נעגער אין איר אַריינגענומען געוואָרן אַלס אַ „פּראָבלעם".

באַמיאונגען צו געפינען אַ פּראַקטישן באַזיס פאַר דער סעגרעגאַציע דורך באַשטימען פאַר די נעגער־אָפּטיילן די ראָלע פון „אַרבעט־באַטאַליאָנען" אין הסכם מיט דעם נידעריגערן צושטאַנד, אין וועלכן די נעגערס ווערן געהאַלטן, האָבן בלויז פאַרגרעסערט די שוועריגקייטן און זיי דערפירט צום העכסטן גראַד.

דער ערשטער פּונקט, אויף וועלכן די באַדערפענישן פון דער מלחמה האָבן געבראָכן די דזשים־קראָו סיסטעם, איז געווען ביים צוגרייטן פון אָפיצערן און פון ספּעציעלע מיליטערישע טיילן. די פולשטענדיגע אידיאָטישקייט פון דער דאָפּלטער סיסטעם פון צוגרייטן אָפיצערן־אַקדרען האָט געפירט דערצו, אַז דער דאָזיגער טייל פון דזשים־קראָאיזם זאָל דער ערשטער באַזייטיגט ווערן פון דער מלחמה־אַרבעט. די פאַרהאַרטעוועטסטע פּאַרטיידיגער פון ווייסער איבערהערשאַפט האָבן מער ניט געקאָנט פאַרענטפערן אַ דערשיינונג, וואָס איז ווילד פון אַ מיליטערישן שטאַנדפּונקט און ברענגט צעשטערנדיגע רעזולטאַטן. ס'איז שוין איצט אַ היפּשע צייט, זינט מיר טרענירן ווייסע און נעגערס צוזאַמען פאַר ספּעציעלע דינסטן און פאַר אָפיצער־ראַנגען מיט אויסגעצייכנטע רעזולטאַטן אין יעדן פּרט. דאָס איז אַ פולשטענדיגע מאָראַלישע מפּלה פאַר דזשים־קראָאיזם, וואָרים אויב ס'איז וואו עס איז געווען דער קלענסטער גרונט פאַר דער טעאָריע פון ראַסן־העכערקייט, וואָלט עס זיך פריער פאַר אַלץ אויסגעוויזן אויפן געביט פון העכערער טעכנישער צוגרייטונג.

עס איז אַ מיליטערישער אומזין צו בויען אַ ווירקזאַמע אַרמיי אויפן באַזיס פון צוויי פאַרשיידענע בירגערשאַפט־קאַטעגאָריעס פון אַן ערשטן און אַ צווייטן קלאַס בירגער. אויב מיר באַשטייען דווקא אויף האָבן צוויי־קלאַסיגע בירגער, וואָלט געווען לאָגיש זיי אינגאַנצן אויסצושליסן פון דער אַרמיי. אַן אַרמיי קאָן געבויט ווערן בלויז אויפן יסוד פון גלייכער בירגערשאַפט!

אונזערע אַמעריקאַנער דעמאָקראַטישע פּרינציפּן און מאָראַל, וועלכע מען האָט ניט געוואָלט אָנווענדן בנוגע די נעגערס אויף דעם גרונט פון דער ריכטיגקייט פון די פּרינציפּן, האָבן איצט גענאָט זייער נקמה דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אויך פאַר אַ מיליטערישער נויטווענדיגקייט.

דערווייל אָבער האָט אונזער לאַנד שוין געמוזט ליידן די קאָנסעקווענצן פון עובר זיין פון אָנהויב אָן איבער די דאָזיגע פּרינציפּן און פון דעם, וואָס מיר זיינען זיי נאָך אַלץ עובר בנוגע די הויפּט־טיילן פון די נעגערשע מאַסן

אין דער אַרמיי. די 10 פּראָצענט פון אונזער נעגערשער באַפעלקערונג זיינען דערפּירט געוואָרן ביזן העכסטן גראַד אויפרעגונג געגן דער באַהאַנדלונג פון אירע מיטגלידער אין אונזערע באַוואָפנטע קרעפטן, און די דאָזיגע אויפ־רודערונג איז ניט געשטילט געוואָרן דורך דער פאַרבעסערונג פון דער באַ־האַנדלונג ביי דער טרענירונג פון אָפיצען און פון ספּעציאַליזירטע מיליטער־טיילן. די נאַציאָנאַלע איינינקייט איז געשעדיגט געוואָרן. אונזער מיליטער־מאַכט איז דורך דעם אָפּגעשוואַכט געוואָרן. דער פּרייז פון זיג איז צוליב דעם פאַרגרעסערט געוואָרן. און וואָס איז שייך די וויט־גייענדיגע רעזולטאַטן פון דער דאָזיגער פּאָליטיק, האָט אַמעריקע אין די אויגן פון אונזערע עלאַים — וואָס אַ מערהייט פון זייערע בירגער געהערן צו די קאָלירטע ראַסן, — באַקומען אויף זיך דעם פלעק פון דער לערע וועגן „ווייסער העכערקייט", דעם פלעק פון ראַסיזם, וועלכן מען קאָן ניט אונטערשיידן פון היטלער'ס לערע. דער שאָדן, וואָס דער דזשים־קראָאיזם האָט געבראַכט אַמעריקע סיי איצט און סיי אויף נאָך דער מלחמה, קאָן גאָר ניט אָפּגעשאַצט ווערן.

די פּאָל־טעקס געזעצן זיינען אַן אויסדרוק פון דער ראַסיסטישער לערע, וואָס איז וואַרשיינלעך באַוואוסטזיניג אויסגעשפּרייט געוואָרן אַזוי, אַז זי האָט אָפּגענומען די מעגלעכקייט צו שטימען ניט נאָר ביי 5 מיליאָן נעגערשע בירגער, נאָר אויך ביי 5 מיליאָן ווייסע בירגער אין די 8 דרום־שטאַטן, וואו די דאָזיגע פּאָל־טעקס געזעצן ווערן אָנגעווענדט. אויב די קאָנסטיטוציע וואָלט באמת געוועזן דאָס ווירקזאַמע געזעץ פון לאַנד, אַנשטאָט צו פאַרבלייבן אַ דעקלאַראַציע פון פרומע וואונטשן, וואָלט יעדער פעדעראַלער געריכט אין די פּאָל־טעקס שטאַטן תיכף געזען צו העלפן יעדן בירגער, וואָס ווערט דורך דעם פּאָל־טעקס באַרויבט פון זיין שטימרעכט, ווייל דער דאָזיגער געזעץ איז אין אַ שרייענדיגן ווידערשפּרוך מיט דעם קלאָרן מיין פון דער קאָנ־סטיטוציע. דער פעדעראַלער געריכט האָט זיך אָבער געשטעלט אויף אַ פּאָ־זיציע, לויט וועלכער די קאָנסטיטוציע קאָן אין דעם פּרט אָנגעווענדט ווערן בלויז אויב, ווען און אויף וויפיל דער קאָנגרעס וועט דורכפירן ספּעציעלע געזעצן, וואָס פאָדערן, אַז די קאָנסטיטוציע זאָל אָנגעווענדט ווערן. דעריבער מוז דאָס איינפאַכסטע דעמאָקראַטישע בירגער־רעכט, דאָס רעכט צו שטימען, נאָך אַלץ אָפּגעלייגט ווערן פאַר אַ גרויסן טייל בירגער ביז דער קאָנגרעס וועט באַשליסן צו האַנדלען וועגן דעם.

איך וויל דאָ ניט פאַרלירן קיין סך צייט וועגן דער פראַגע ווי דער פּאָל־טעקס פּאָלסיפיצירט און פאַרקריפּלט אונזער גאַנצן אינערלעכן פּאָליטישן לעבן ; ווי ער מאַכט, אַז דאָס גאַנצע לאַנד זאָל מוזן אָפּהענגען פון דעם גנאָד פון אַ בערך קליינעם קרייז מענטשן, וואָס האָבן מאָנאָפּאָליזירט די פּאָליטישע מאַכט אין דער סאָוטה און דורך דעם באַקומען אַן איינפלוס און אַ מאַכט, וואָס איז אויסער יעדער פּראָפּאָרציע צו זייער פּאָזיציע אין לאַנד. איך וועל בעסער דאָ איבערגיין צו אַן אַנדער זייט פון דעם פּאָל־טעקס,

וועלכער מען שענקט געוויינלעך ווייניג אויפמערקזאמקייט, אָבער וועלכע איז אזוי וויכטיג, אַז זי באַווירקט די פּאָזיציע פון אַמעריקע איבער גאָר דער וועלט. דער דאָזיגער פּונקט איז די שייכות פון דעם פּאָל־טעקס און פון דעם ראַסיזם צו דעם פּרעסטיזש פון אַמעריקע און צו איר פירנדיגער ראָלע אין דער פּאַמיליע פון פעלקער, צווישן די יונאַיטעד נעישאָנס.

די מערהייט פון די מלוכות און די מערהייט פון זייערע פעלקער איז ניט קיין „ווייסע" און געהערט צו פאַרשיידענע קאָלירטע ראַסעס. אַזיע, די פּאַסיפיק־אינזלען און אַפריקע באַשטייען כמעט דורכאויס פון ניט־ווייסע ראַסעס און אין לאַטיין־אַמעריקע האָבן מיר אין אַ גרויסער מאָס די זעלביגע דערשיינונג. די לערע פון „ווייסער אויבערהערשאַפט" איז פאַר דער דאָזיגער מערהייט פון דער וועלט אַ סימבאָל פון זייער אייגענער פאַרשקלאַפונג. דורות־לאַנג האָבן זיי געליטן אומבאַשרייבלעכע צרות פון דער דאָזיגער „ווייסער אויבערהערשאַפט". דאָס איינציגע ערנסטע פּאָליטישע געווער, וואָס יאַפּאַן קאָן באַנוצן געגן אונז אויפן פּאַסיפיק, איז — אַז זי קעמפט כלומרשט געגן דער דאָזיגער „ווייסער אויבערהערשאַפט", וועלכע אַלע קאָלירטע פעלקער האַסן ווי דעם טויט. אַ חוץ דעם זיינען אויף דער גרעסטער טעריטאָריע, וואו עס וואוינען ווייסע, — דאָס הייסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס איז באַגלייך מיט די פאַראייניגטע שטאַטן די שטאַרקסטע אַליאירטע מאַכט, — אויף דער דאָזיגער טעריטאָריע איז די ווייסע מערהייט ענג פאַרבונדן מיט דער קאָלירטער מינדערהייט אין אַ סיסטעם פון אַבסאָלוטער גלייכהייט און קוקט מיט דעם גרעסטן עקל אויף אַלע לערעס פון ראַסיזם. דער מאַכט־באַלאַנס אין דער וועלט האָט זיך דורכאויס און אומבאַדינגט אויסגעקערט געגן דער לערע פון „ווייסער אויבערהערשאַפט". די קרעפטן, וואָס וועלן פאָרמירן די נאָך־מלחמה'דיגע וועלט, באַשטייען אין זייער ווייט־גרעסטער מערהייט אויף דער טעאָריע און פּראַקטיק פון נאַציאָנאַלער און ראַסן־גלייכהייט און פון דער ברידערלעכקייט פון מענטשן.

אַמעריקע האָט די מעגלעכקייט צו שפּילן אַ גרויסע פירנדיגע ראָלע אין דער דאָזיגער גרויסער וועלט־באַוועגונג. אָבער אַמעריקע קאָן אָט די ראָלע ניט פאַרווירקלעכן אַזוי לאַנג ווי זי שלעפּט נאָך זיך דעם געוויכט פון דער דרום'דיגער לערע וועגן „ווייסער העכערקייט" מיט אַלע אירע נאָכווייעניש, ווי דזשים־קראָאיזם, פּאָל־טעקס, און דערהויפּט נאָך ווען אין קאָנגרעס, אין דער אַרמיי און אין דיפּלאָמאַטישן דינסט פאַרנעמען דעם הויפּט־פּלאַץ מענטשן, וואָס זיינען פייערדיגע אָנהענגער און פאַרטיידיגער פון דער ראַסיסטישער טעאָריע און פּראַקטיק. אויב אַמעריקע וויל שפּילן אַ פירנדיגע ראָלע אין דער נייער וועלט, וואָס וועט קומען, מוז זי אָנהויבן צו באַזייטיגן פון עפנטלעכן לעבן און ספּעציעל פון יעדער באַרירונג מיט אירע שותפים צווישן די יונאַיטעד נעישאָנס אַלע פּערזאָנען, וואָס זיינען אָנגעשטעקט מיט דער גיפטיגער לערע פון „ווייסער העכערקייט" און זיינען אויף אַ וועלכן עס

איז אופן פאַרבונדן מיט דער האַלב־פעאָדאַלער אינסטיטוציע פון דעם פאָל־טעקס. וואָרים אונזערע שותפים אין די יונאַיטעד נעישאָנס וועלן סוף כל סוף אויסגעפינען, אַז ס'איז פאַר זיי פּשוט אוממעגלעך צו האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע מענטשן, אָדער צו טרויען אַ מלוכה, וואָס ווערט געפירט און באַהערשט פון אַזעלכע געדאַנקען.

דער געפערלעכער וואוקס פון דער כוואַליע פון אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע געגן אידן און פון כוליגאַנישע אַקטן, וואָס האָבן זיך לעצטנס צעשפּרייט איבער די פאַראייניגטע שטאַטן, ווייזט ווי ווייניג צוגעגרייט עס איז די אַמעריקאַנער עפנטלעכע מיינונג צו די פּראָבלעמען פון אונזערע טעג, ווי טיף דער דזשים־קראָאיזם האָט אָפּגעסמ'ט אונזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער. וואָרים אַנטיסעמיטיזם, ווי ער דריקט זיך איצט אויס אין אונזער לאַנד, איז אַ דירעקטער אימפּאָרט־אַרטיקל פון די היטלער־אַגענטן צוליב די צוועקן פון היטלער'ס מלחמה געגן אונז. די אומגעשטערטע פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם אין די פאַראייניגטע שטאַטן אין דער איצטיגער צייט, שטעלט אונז אַרויס אַלס אַ פאָלק, וואָס איז צעטומלט, פאַרפּלאָנטערט, צעקראָכן און אומפייאיג אַנצונעמען מיטלען געגן דער אינוואַזיע פון די היטלער־געדאַנקען.

יעדער אויסדרוק פון פיינטלעכקייט צו אידן אַלס אַ גרופּע טראָגט אויף זיך ביי היינטיגן טאָג די חתימה פון מענטשן, וואָס אַרבעטן פּסיכאָלאָגיש און פּאָליטיש פאַר היטלער'ס פּראָגראַם פון פאַרכאַפּן די וועלט. אַמעריקע איז געווען דאָס לאַנד, וואָס איז, אויסער דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, געווען פרייער ווי וועלכע עס איז אַנדער לאַנד פון דעם דאָזיגן פאַרצייטיגן געזעלשאַפטלעכן סם, וועלכן היטלער האָט אַרויסגעגראָבן פון די חורבות פון דער פאַרגאַנגענהייט. און פונדעסטוועגן איז אַמעריקע איצט, אין דער צייט ווען זי פירט אַ מלחמה צו צעשטערן היטלער'ן, גרינטלעכער פאַרפּליצט געוואָרן דורך דעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס היטלער'ס אַגענטן פאַרשפּרייטן, איידער אַפילו איינגע פון די לענדער, וואָס ווערן איצט באַהערשט פון קוויזלינגס. וואו נאָך אויסער דייטשלאַנד איז פאָרגעקומען אַזאַ מאַסנהאַפטיגע שענדונג פון אידישע בית־עולם'ס, לעסטערונג פון אידישע בתי־מדרשים און כוליגאַנישע אַטאַקעס אויף אידן בלויז דערפאַר, ווייל זיי זיינען אידן? אַמעריקע מוז זיך פילן טיף פאַרשעמט צוליב דעם, וואָס אַזוינס קאָן דאָ פּאַסירן!

די לערע וועגן „ווייסער איבערהערשאַפט" צוזאַמען מיט אירע אויסדרוקן פון פּאָל־טעקס אונטערדריקונג פון דעמאָקראַטיע, פון דזשים־קראָאיזם, אַנטיסעמיטיזם, אַנטי־קאַטאָליציזם איז אין עצם איינע פון די סאַמע שעדלעכע אַטאַקעס אויף דער אַמעריקאַנישע נאַציאָנאַלער איינגקייט און אויף דעם אַמעריקאַנער פּרעסטיזש און פירערשאַפט אין דער וועלט.

איינער פון היטלער'ס גרעסטע געווינסן איז געווען די דערפאָלגרייכע אַרבעט פון זיין „אַנטי־קאָמינטערן" אין אַמעריקע, דאָס דערהויבן פון דער „רויטער געפאַר" צו אַ דאָמינירנדיגער פּאָזיציע אין דעם אַמעריקאַנישן

פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן. קומענדיגע היסטאָריקער וועלן אויסגעפינען אין דער ראָלע, וואָס מאַרטין דאַיעז האָט געשפּילט בעת אַמעריקע האָט זיך געגרייט צו באַגעגענען דעם וועלט־קריזיס, איינעם פון די שרייענדיגסטע ביישפּילן פון אַ פּאָליטישער היסטעריע, וואָס האָט באַהערשט אַ גרויסע מלוכה. מאַרטין דאַיעז האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן היטלער'ס „אַנטי־קאָמינ־טערן"־ליניע, ווי אָן אַן אינסטרומענט, וואָס האָט אים געמאַכט גענוג מעכטיג צו באַהערשן דעם קאָנגרעס און די צייטונגען, צו אַטאַקירן און באַשמוצן דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן, צו אַרויסטרעטן געגן די גרונט־עקרים פון שכל־הישר און צו געווינען רעספּעקט דורך דעם העכסטן גראַד פון אומזין. איז טאַקע ניט קיין וואונדער, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער וועלט האָט געגלויבט, אַז היטלער האָט געמוזט באַזיצן עפּעס אַ מין מאַגישן „געהיימען געווער"!

ס'איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפל, אַז די „רויטע געפאַר", די מורא פאַר די קאָמוניסטן, וואָס האָט אויסגעבעט פאַר די אַקס־מלוכות דעם וועג צו פּרובירן איינגעמען די וועלט, איז אין אַמעריקע כמעט אינגאַנצן אויפ־געבלאָזן געוואָרן צוליב דער מורא און האַס צום סאָוועטן־פאַרבאַנד. וואָרים אויסער אירע מעלות אָדער חסרונות איז די קאָמוניסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע קיינמאָל ניט געווען גענוג שטאַרק צו ווערן אַ געפאַר פאַר דער עקזיסטירנדיגער אָרדענונג און אין משך פון אַ ריי יאָרן איז זי ניט געווען אַרויסרופעריש אַפילו אין דעם טאָן פון אירע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. אָבער צוליב דעם, ווייל די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן כסדר און אומ־אויפהערלעך געפאָדערט, אַז אונזער לאַנד זאָל אַנטוויקלען אַ פריינטשאַפט און בונד מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז די גאַנצע מורא און האַס, וואָס האָט פריער עקזיסטירט געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאָנצענטרירט געוואָרן געגן די היגע קאָמוניסטן אַלס כלומרשטע „אַגענטן פון אַ פיינטלעכער פרעמדער מלוכה".

אַזוי ווי די „רויטע געפאַר" איז נאָך בשום אופן ניט טויט, איז זייער וויכטיג צו פאַרשטיין: וואָס עס דערהאַלט זי ביים לעבן, פון וואָס זי באַשטייט. וואָס פאַר אורזאַכן מאַכן, אַז אַמעריקאַנער זאָלן מורא האָבן פאַר קאָמוניסטן מער איידער פאַר וועלכע עס איז אַנדערע אַמעריקאַנישע פּאָליטישע מינדערהייט־גרופּעס, וועלכע מ'האָט שטענדיג אָנגענומען פאַר אַ נאַטירלעכער דערשיינונג?

לאָמיר זיך דערמאָנען אָן דעם יאָר 1938, די פאַטאַלע חדשים, וואָס האָבן געפירט צו דער קאַפּיטולאַציע אין מינכען. אַרום וואָס איז דעמאָלט געווען דער געשריי וועגן דער „רויטער געפאַר"? אַ קלאָרן ענטפער אויף דעם גיט אַ קאַרטון, וואָס איז דעמאָלט געדרוקט געוואָרן אין דער צייטונג־קייט פון דעם פאַרביסענעם רעד־בעיטער, ראָי האָוואַרד. דער קאַרטון (פון ניו־יאָרקער „וואָרלד־טעלעגראַם" פון 2טן יולי, 1938), וואָס איז געצייכנט

געוואָרן פון דעם באַוואוסטן קאַרטוניסט, ראָלין קוירבי, שטעלט פאָר דעם באַגריף וועגן „אומבאַגרענעצטער חוצפּה" אין דער פאָרם פון אַ בילד פון אוירל בראָודער, וואָס שטייט צווישן וואַשינגטאָן און דעם קרעמל מיט אַן אַמעריקאַנישער און סאָוועטישער פאָן אין די הענט און מיט אַ רוף: „הורא פאַר רויט, וויס און בלוי!"

הגם דער מיין פון דעם קאַרטון איז געווען אַ פיינטלעכער, האָט ער מער אָדער ווייניגער ריכטיג כאַראַקטעריזירט די הויפּט־זאַך, וואָס איך און אַלע אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן יאָרן־לאַנג געטאָן, נעמלעך, דאָס וואָס מיר האָבן גערופן צו פריינטשאַפט און צו אַ בונד צווישן אַמעריקע און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין יולי 1938 איז דאָס אַליין געווען גענוג צו באַ־צייכענען אונז אַלס מענטשן מיט אַן אומבאַגרענעצטער חוצפּה.

אָבער מיט וואָס אַזוינס איז געווען שלעכט פאָרצושלאָגן אין יאָר 1938 דעם בונד, וואָס איז איצט פאַרווירקלעכט געוואָרן און וואָס וואָלט פּיליכט געקאָנט אויסמיידן די איצטיגע מלחמה, ווען ער וואָלט פאַרווירקלעכט ווערן מיט עטלעכע יאָר פריער?

די, וואָס צעבלאָזן נאָך איצט אין יאָר 1944 אַ „רויטע געפאַר", ווייזן דערמיט בלויז, אַז זיי זיינען געגן דעם אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישן בונד, אַז זיי באַטראַכטן אים פאַר אַ טעות און ווילן אים פאַרענדיגן אַזוי שנעל ווי מעגלעך. אויב זיי זאָגן עס נאָר ניט אַרויס אָפן איז עס בלויז דערפאַר, ווייל די צייט איז איצט אַזאַ, וואָס דערלויבט זיי ניט צו זיין צו אָפנהאַרציג, — געפינען זיי דערפאַר טויזנטער אַנדערע טענות אָנשטאָט זייער ווירקלעכער גרונט־טענה. ביי היינטיגן טאָג פאַרלייקענען זיי אפילו אַמאָל דעם דאָזיגן אמת'ן מאָטיוו זייערן, אָבער אין דער ווירקלעכקייט פאַרבלייבט ער אַלץ ביי זיי.

די פראַגע צו פאַרדעקן דעם אמת'ן מאָטיוו הינטער אַ רויך־פאָרהאַנג פון אַ „רויטער געפאַר" פירט אָפט צו פאַנטאַסטישע געדאַנקען־קונצן. נעמט, למשל, דעם פאַל פון דעם הויפּט־פּאַרטיידיגער פון דעם „אַנטי־קאָמינטערן"־טעזיס אין דער איצטיגער אַדמיניסטראַציע, אַטוירני־דזשענעראַל בידל. ער זאָגט זיך אָפּ אָנצונעמען די אַנטשיידונג פון דעם סופּרים־קאָורט אין דעם שניידערמאַן־ענין, וואָס רייסט איינגאַנצן אַרונטער דעם באָדן פון אונטער זיין טרויעריג־באַרימטן „ברידזשעס־באַשלוס", וואָס איז געווען געבויט אויף אַ „רויטער געפאַר" אין איר טיפּסטער נאַצישער פאָרם. ער זאָגט זיך איינ־געשפּאַרט אָפּ צו דערלויבן, אַז דער ענטפער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אויף זיין באַשלוס וועגן ברידזשעס זאָל דערלאָזן ווערן צו דער באַטראַכטונג פון געריכט. ער פאַרלאַנגט, אַז דער געריכט זאָל פסק'ענען וועגן דער געזעצ־לעכקייט פון זיין האַנדלונג, ניט דערלויבנדיג אויסצוהערן דעם וויכטיגסטן צד אין דער פראַגע. אין אַ רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אין ניו יאָרק דעם

5טן מערץ, 1944, האָט מר. בידל געזוכט צו פאַרטײדיגן זײן שטעלונג אויף דעם פאָלגנדיגן מערקווירדיגן אופן:

„די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זײנען שטאַרק אומצופרידן מיט דער שטעלונג פון דער רעגירונג צו זײ אין פאַלן פון דעפּאָרטאַציע און פון צו־נעמען די בירגערשאַפט. זײ זאָגן, אַז זײ קאָנען ניט פאַרשטײן װי אַזױ מיר קאָנען קעמפן האַנט בײ האַנט מיט רוסלאַנד, באַװאונדערנדיג איר פּרעכטיגן מוט און אײנגעשפּאַרטקײט געגן שונא, און אין דער זעלביגער צײט האָבן טענות געגן דער פאַרשפּרײטונג פון קאָמוניסטישע אידײען אין אונזער לאַנד. אָבער מיר װאָלטן זיכער ניט געהאַט קײן טענות געגן דעם, װאָס רוסלאַנד דערלאָזט ניט די פאַרשפּרײטונג פון די אַמעריקאַנער פּאָליטישע אידײען אין איר אײגענעם גרױסן לאַנד. מיר װאָלטן דאָס באַטראַכט אַלס רוסלאַנד'ס אײגענעם עסק...

„דערקלערט רוסלאַנד איר פאָלק, אַז איר בונד מיט די פאַראײניגטע שטאַטן פאָדערט זי זאָל אָנערקענען די פרײהײטן פון דעמאָקראַטיע און די טעאָריע פון פרײער קאָנקורענץ־װירטשאַפט? זאָגט רוסלאַנד צו איר פאָלק, אַז איר בונד מיט גרױס־בריטאַניע פאָדערט, אַז זי זאָל בײ זיך אױך אײנפירן אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע? געװיס ניט... עס איז דעריבער דאָ ניט קײן שום ניט־אױסגעהאַלטנקײט און עס קאָן אַזױנס ניט זײן, אױסער אין די קעפּ פון די קאָמוניסטן, װאָס זײנען אומצופרידן און װעלן פאַרבלײבן אומצופרידן מיט אונזער אַנטשלאָסנקײט צו רעגירן איבער אונזער אײגענער געזעלשאַפט דערפאַר, װײל דאָס קאָן זיך אָפּרופן אױף זײער עטװאָס צװײפל־האַפטן סטאַטוס." *)

איך מוז דאָ אָפּפרעגן סײ מר. בידל'ס פילאָסאָפיע, סײ זײן געזעץ־באַגריף און לאָגיק און סײ זײן פּאָליטיק. עס איז ניט שװער צו דערװײזן, אַז אין זײן קאַמף געגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָט ער אױפגענומען אַ סכסוך ניט בלױז געגן אונז אַלײן. ער איז אַרױסגעטראָטן געגן די יסודות פון דער אַמעריקאַנער פילאָסאָפיע, װי זי איז אױסגעדריקט געװאָרן דורך דזשעפערסאָן, לינקאָלן און רוזװעלט'ן; ער האָט זיך געשטעלט געגן דעם אַמעריקאַנער געזעץ, װי ער איז פאָרמולירט געװאָרן דורכן סופּרים־קאָורט; ער האָט עובר געװען אױף יעדער אָנערקענטער סיסטעם פון לאָגיק; ער האָט זיך געשטעלט געגן דער פונדאַמענטאַלער װעלט־פּאָליטיק פון דער רעגירונג פון די פאַראײניגטע שטאַטן און האָט פאַרשאַפט נחת אונזערע שונאים איבער גאָר דער װעלט. איך װיל דאָ פעסטשטעלן אַ טעזיס, װאָס איז פונקט דער היפּוך פון בידל'ס, — נעמלעך, אַז די פאַרפאָלגונג פון די קאָמוניסטן פאַר זײערע פּאָליטישע מײנונגען מוז אָנגײן ניט בלױז די קאָמוניסטן, פונקט װי די פאַרפאָלגונג פון אידן צוליב זײער רעליגיע מוז אָנגײן ניט נאָר די אידן, אָדער די פאַרפאָלגונג פון קאַטאָליקן איז ניט קײן ענין װעגן װעלכן בלױז קאַטאָליקן דאַרפן זײן באַזאָרגט, אָדער דער דזשים־קראָאיזם געגן די

*) „ניו יאָרק טײמס", מערץ 6, 1944.

נעגערשע בירגער קאָן ניט זיין קיין ענין, וואָס גייט אָן בלויז די נעגערס. וואָרים ס'איז פונקט פאַרקערט: יעדע איינע פון אָט די סיסטעמאַטישע אַטאַקעס אויף מינדערהייט־גרופּעס איז אַ פאַרלייקענונג פון די דעמאָקראַטישע רעכט פאַר אַלע בירגער, אַ פאַרקריפּלונג פון דעם גאַנצן פּאָליטישן לעבן פון אונזער לאַנד און אַ סכנה פאַר דער דערפאָלגרייכער אָנפירונג פון דער מלחמה.

מר. בידל האַלט, אַז דערלויבן מענטשן צו שטיצן און אָנהאַלטן קאָמוניסטישע אידייען אין די פאַראייניגטע שטאַטן מיינט, אַז די אַמעריקאַנער מוזן אויפגעבן די מאַכט „צו רעגירן אונזער איינענע געזעלשאַפט"; אָבער לויט דער דאָזיגער לאָגיק וואָלט ער געדאַרפט אָפּנעמען די בירגערשאַפט, אָדער אַרויסשיקן פון לאַנד די אַלע, וואָס האַלטן פון די אידייען פון דער בריטישער מאָנאַרכיע. נאָר דאָס טוט ער גראָד ניט. ער האָט פאָרגעשלאָגן צו דענאַטוראַליזירן בלויז קאָמוניסטן און נאַציס. וואָס מיינט עס? דער מיין איז קלאָר, — און בידל אַליין האָט עס גענוי דערקלערט אין זיינע דאָקומענטן: דאָס מיינט, אַז בידל האַנדלט לויט דער הנחה, אַז די קאָמוניסטישאָנגעפירטע און די נאַצי־רעגירטע לענדער זיינען אַלע גלייך שונאים פון די פאַראייניגטע שטאַטן, און אַז אַמעריקאַנער, וואָס סימפּאַטיזירן מיט וועלכן עס איז פון זיי, זיינען אינערלעכע שונאים, וואָס דאַרפן אַלס אַזעלכע באַהאַנדלט ווערן.

מר. בידל האָט באַצייכנט אַלס „קאָמוניסט" יעדע פּערזאָן, וואָס פאַר אַ פּאָליטישע איבערצייגונגען ער זאָל ניט האָבן, וואָס האָט פאַר דעם 21טן יוני 1941 עפנטלעך אויסגעדריקט פריינטשאַפט און אונטערשטיצונג פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט געפּרידיגט אָן אַמעריקאַניש־סאָוועטישן בונד. ער נעמט אָן, אַז ניט געקוקט אויף אַמעריקע'ס איצטיגן בונד מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד און אויף דער דעקלאַראַציע פון טעהעראַן, אַז דאָס איז אַ לאַנג־טערמיניגער בונד, וועט די דאָזיגע באַציאונג אינגיכן פאַרביטן ווערן אויף אַ פיינטלעכער, און אַז אַמעריקאַנער וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ לאַנגיאָריגע, אויסגעהאַלטענע פריינטשאַפט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, קאָנען ניט געטרויט ווערן אַלס לאָיאַלע בירגער פון זייער איינן לאַנד.

מר. בידל איז דורך דעם עובר איבער דעם אַמעריקאַנישן גרונטבאַגריף, וועלכער האַלט — אין דזשעפערסאָנ'ס ווערטער — אַז „הגם דער ווילן פון דער מערהייט מוז באַשטיין אין אַלע פאַלן, מוז אָבער דער דאָזיגער ווילן זיין שכל'דיג, כדי צו זיין אַ גערעכטער ווילן; אַז די מינדערהייט באַזיצט אירע גלייכע רעכט, וועלכע מוזן באַשיצט ווערן דורך גלייכע געזעצן פאַר אַלעמען, און אַז דאָס עובר זיין אויף דעם וואָלט געווען אַן אונטערדריקונג." לויט מר. בידל'ס מיינונג קומט אָבער אויס, אַז אויב די מינדערהייט איז אַ קאָמוניסטישע איז זי ניט באַרעכטיגט אויף קיין גלייכע רעכט. אויף אַזאַ אופן איז מר. בידל עובר דעם אַמעריקאַנער געזעץ, און דער

סופרים־קאָורט האָט אים שאַרף דערמאָנט ווענן דעם אין זיין אַנטשיידונג וועגן דער שניידערמאַן־קעיס, וועלכע איז געווען די איינציגע קלאָרע פראַגע פון מר. בידל'ס שטעלונג געגן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן, און וועלכער מר. בידל און די נידעריגערע געריכטן, וואָס האָבן אָנגענומען זיין שטעלונג, זיינען שאַרף צוריקגעזעצט געוואָרן און זייערע טעאָריעס זיינען פאַרדאַמט געוואָרן.

מר. בידל פאַרגוואַלדיגט יעדע סיסטעם פון לאָגיק, ווייל ער האָט אָנ־שטאָט שכל'דיגע אַרגומענטן אַרויסגעשטעלט זיינע אייגענע פאָראורטיילן און זיין האַס צו קאָמוניסטן. ער פאַרטיידיגט דיסקרימינאַציעס געגן אַמערי־קאַנער אויפן גרונט פון דעם, וואָס אַזוי ווי מיר וואָלטן ניט געהאַט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן, אויב דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וואָלט דיסקרימינירט געגן רוסן, וואָס באַוואונדערן אַמעריקע, דעריבער האָבן אַמעריקאַנער ניט קיין רעכט צו פּראָטעסטירן ווען ער דיסקרימינירט געגן אַמעריקאַנער, וואָס באַוואונדערן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער פאַרגוואַלדיגט יעדע לאָגיק, ווען ער נעמט אָן, אַז מען מוז אָדער פאַרפאָלגן די קאָמוניסטן, אָדער אָננעמען דעם קאָמוניזם.

מר. בידל איז עובר אויף דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון די פאַר־איינינגטע שטאַטן, ווען ער דערקלערט, אַז אונזער פאַרבינדעטער, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אין דער אמת'ן אונזער לעבנס־לענגלעכער גרונט־שונא. עס מעג, פאַרשטייט זיך, זיין ריכטיג, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט ניט קיין רעכט אָפּצופרעגן מר. בידל'ס אויפפירונג אין זיין אַמט אין די פאַראייניגטע שטאַטן, — אָבער דער סאָוועטן־פאַרבאַנד מוז זיכער באַמערקן צוליב זיין אייגענער אינפאָרמאַציע, אַז דער אַטוירני־דזשענעראַל, דער יוסטיץ־מיניסטער פון די פאַראייניגטע שטאַטן, שרייבט אַריין אין זיינע געזעץ־אויסטייטשונגען אַ טעאָריע, אַז יעדער אַמעריקאַנער, וואָס שטימט איין מיט מיינונגען פון די סאָוועטישע פירער, איז דורך דעם גופא אַ פאַררעטער צו זיין אייגן לאַנד. אָבער נאָך וויכטיגער איז, וואָס די אַמעריקאַנער בירגער מוזן באַמערקן, אַז זייער אַטוירני־דזשענעראַל פאַרנעמט בנוגע דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד די זעלביגע שטעלונג, ווי די, וואָס האָט אַזוי טרויעריג „באַרימט" געמאַכט די נעמען פון וויליאַם בוליט און אַדאָלף בוירלי איבער גאָר דער וועלט. ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין צופאַל, וואָס בידל איז אַ נאָענטער פערזענלעכער און פּאָליטישער פריינט פון בוליט'ן און בוירלי'ן. די דאָזיגע דריי „בייז"ן — בידל, בוליט און בוירלי — זיינען די דריי מושקעטירן פון אַנטי־סאָוועטיזם אין אַמעריקע, און זייער שנאה צו די אַמעריקאַנער קאָמו־ניסטן איז בלויז אַ פאַרמאַסקירטע אַטאַקע געגן דעם בונד צווישן אַמעריקע, ענגלאַנד און דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

יעדער אַמעריקאַנער, וואָס וויל אָנהאַלטן די טראַדיציע פון דזשעפער־סאָנ'ען, וואָס האָט אָפּגעשאַפט די שענדלעכע „עיליען" און „סעדישאָן"

אַקטן; יעדער אַמעריקאַנער, וואָס האַלט מער פון דעם סופרים־קאָורט׳ס אויסטייטשונג פון געזעץ, איידער פון מר. בידל׳ס; יעדער איינער, וואָס קאָן ניט איינשטימען, אַז אַבסקוראַנטיזם זאָל פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון לאָגיק אין דעם העכסטן יורידישן אַמט פון אונזער לאַנד; יעדער וואָס וויל העלפן בויען אַ לאַנג־טערמיניגן שלום און פריינטשאַפט, וואָס זיינען צוגעזאָגט געוואָרן אין טעהעראַן, — יעדער אַזאַ אַמעריקאַנער מוז זיך באַטייליגן אין פאַרוואַרפן אַלע פאָרמען פון שרעקן מיט אַ „רויטער געפאַר" אין אונזער לאַנד, דורך וועמען זיי זאָלן ניט פאַרשפּרייט ווערן, — דורך מר. בידל, אָדער קוירנעל מעקאָרמיק פון דער „שיקאַגאָ טריביון", דורך הוירסט׳ן, אָדער דורך היטלער׳ן גופא.

לאָמיר אונטערפירן אַ סך־הכל: אַ פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט פאָדערט אַ גרונט־פּאַרטיידיגונג פון דעמאָקראַטיע, דאָס אומקאָנדיציאָנעלע רעכט פון דער מערהייט צו רעגירן און די אומקאָנדיציאָנעלע פליכט פון דער מערהייט צו באַשיצן די אַלע מינדערהייטן, וואָס אינאיינעם גענומען בילדן זיי אַ מערהייט פון גאַנץ אַמעריקע. דאָס פאָדערט די אָפּשאַפונג פון דזשים־קראָאיזם און די פאַרזיכערונג פון דער אומקאָנדיציאָנעלער גלייכער בירגערשאַפט פאַר די נעגער־אַמעריקאַנער, וואָס איז גאַראַנטירט דורך דער קאָנסטיטוציע. דאָס פאָדערט די אָפּשאַפונג פון דעם פּאָל־טעקס און פון אַלע פאָרמען פון באַגרענעצונגען פון שטימרעכט. דאָס פאָדערט צו דערקלערן אויסער געזעץ דעם אַנטיסעמיטיזם און אַלע פאָרמען פון ראַסן־העכערקייט אין דער טעאָריע און פּראַקטיק. דאָס פאָדערט צו באַזיגן די נייע אַנטי־קאַטוילישע באַוועגונגען, וואָס האָבן שוין פריער, אין די צייטן פון דער „נאָו־נאַטהינג באַוועגונג", פאַרשאַפט אונזער לאַנד אַזוי פיל שאָדן. און דאָס פאָדערט, ענדלעך, די פולשטענדיגע אויסראָטונג פון היטלערס „אַנטי־קאָמינטערן" און פון זיין „רויטער געפאַר" פון דעם אַמעריקאַנער לעבן, און די אָפּשאַפונג פון אַלע אויסנאַם־געזעצן, וואָס זיינען געווענדט געגן קאָמוניסטן.

דאָס זיינען איניגע פון די פשוט׳ע און עלעמענטאַרע מיטלען, וואָס זיינען נויטיג צוליב דעם שוץ פון דעמאָקראַטיע. איינגיין דאָ אויף קאָמפּראָמיסן, אָדער אויפצוגעבן די דאָזיגע שוץ פון דעמאָקראַטיע, וואָלט געמיינט נאָכצוגעבן היטלער׳ן ביי אונדז אין דער היים אין דער זעלביגער צייט, ווען מיר זיינען פאַרנומען מיט צעשמעטערן אים אין אויסלאַנד. די דאָזיגע פאָדערונגען גייען דעריבער אָן אַלע פּאַטריאָטישע אַמעריקאַנער און זיינען אַ נויטיגער טייל פון יעדער פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער איינִיגקייט.

פערטער טייל:

די וואַלן פון 1944—פאַר אייניגקייט אָדער אומאייניגקייט?

קאַפּיטל פערצן

פאַרטייאישקייט — אַ צו טייערער ביסן

Dי פאַראייניגטע שטאַטן טרעטן אַריין אין דעם אַנטשיידנדיגסטן מאָמענט פון דער מלחמה, אונזערע סאָלדאַטן טרעטן אַריין אין די שלאַכטן צום ערשטן מאָל אין גרויסע צאָלן, און גלייכצייטיג שטייען מיר אויפן שוועל פון נאַציאָנאַלע וואַלן.

מיר זיינען די איינציגע מלוכה אין דער וועלט, וואָס האָט אַזאַ שטייפע קאָנסטיטוציע, אַז וואַלן מוזן ביי אונז פאָרקומען אין איינמאָל פאַר אַלע מאָל באַשטימטע טערמינען אומאָפּהענגיג פון די אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס שטייען פאַרן לאַנד. אין דעם, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים, מוזן מיר נעמען אונזער וועלט, ווי מיר געפינען זי, און טאָן דאָס בעסטע וואָס מיר קאָנען. זיכער קאָנען מיר ניט אָפּליגן די מלחמה, כדי צו פאַרנעמען זיך מיט ענדערן אונזער קאָנסטיטוציע, וואָס דאָס וואָלט אפילו געווען אַ גרעסערע אַרבעט, ווי דורכפירן נאַציאָנאַלע וואַלן.

ס׳איז אָבער פונדעסטוועגן איבעריג צו באַהאַלטן פון זיך, אַז די נויטווענדיגקייט דורכצופירן וואַלן אין אַזאַ יאָר איז אַ גאַנץ־געפערלעכע אַנשטרענגונג פון דער נאַציאָנאַלער אייניקגייט, וועלכע איז נויטיג צוליב׳ן זיג.

אויב די וואַלן פון 1944 זאָלן דורכגעפירט ווערן אין דעם געוויינלעכן אַמעריקאַנישן גייסט פון טומלדיגער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווי אַ ווילדע רייסעריי פאַר מאַכט, קאָן דאָס באמת ברענגען די געפערלעכסטע רעזולטאַטן פאַר אַלע האָפענונגען אויף אַ שנעלן זיג און אויף אַ דויערהאַפטיגן פרידן. אויב פאַרטייאישקייט וועט ווערן דער הערשנדיגער גייסט פון די וואַלן פון יאָר 1944, וועט עס זיין אַ צו־טייערער ביסן, וועלכן מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן.

די גרעסטע היימישע פּראָבלעם, וואָס שטייט איצט פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן, איז אָפּצושוואַכן און שטעלן אונטער אַ קאָנטראָל דעם דראָענדיגן גייסט פון פאַרביסענער פאַרטייאישקייט אין דער וואַל־קאַמפּאַניע. ס׳איז די פּראָבלעם ווי אָנצופירן נאַציאָנאַלע וואַלן אין דעם גייסט פון נאַציאָנאַלער אייניגקייט. ס׳איז אַ זייער שווערע און קאָמפּליצירטע פּראָבלעם.

אונזער לאַנד איז געשטאַנען פאַר אַן ענלעכער פּראָבלעם אין 1864, אויף דעם לעצטן עטאַפּ פון דעם בירגער־קריג. לינקאָלן האָט דעמאָלט ערשט אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיך פאַר אַ מייסטער איבער די האַרץ־ברעכנדיגע שווע־

ריגקייטן פון דער מלחמה. ער האָט געהאַט געגן זיך אין קאָנגרעס א פיינט־לעבע קאָאַליציע, וואָס האָט צעטיילט זיין אייגענע פּאַרטיי און האָט פּאַר־איניגט אין איין לאַגער אַלע ספּעציעלע אינטערעסן, פּאַראָורטיילן, דעספּיטיזם, אַנטוישטע זשעדנעקייט און אומבאַפרידיגטע פּערזענלעכע אַמביציעס, וואָס האָבן געקעמפט געגן דעם פּרעזידענט. די אָפּאָזיציע צו פּרעזידענט לינקאָלן האָט געפּאָדערט, אַז ער זאָל פּאַרלאָזן זיין אַמט אַלס פּרייז פון אַוו עלכן עס איז אינערלעכן שלום. לינקאָלן האָט געמוזט שטיין פּאַר א שטאַרקן נסיון צו האַלטן די אָפּאָזיציע ביים וואָרט און צוריקציען זיך אין פּריוואַטן לעבן. ער איז געווען אויסגעמאַטערט און צעוויטאָגט און האָט פּאַר זיך פּערזענלעך ניט פּאָראויסגעזען קיין שום זאַך אויסער פּאַרגרעסערטע ליידן, אויב ער וועט ווייטער אָנהאַלטן דעם קאַמף. אָבער ער האָט אין דער זעלביגער צייט אויך קלאָר געזען, אַז זיין צוריקציען זיך וועט גאָר ניט בייטראָגן צו דער פּאַר־איינינונג פון דעם לאַנד. פּאַרקערט, דאָס וואָלט בלויז צוגעגעבן די רעבעלן פון דער סאַוט נייע האָפענונגען און וואָלט פּאַרגרעסערט די שוועריגקייט פון דער מלחמה, דאָס וואָלט אַריינגעוואָרפן זיין אייגענע פּאַרטיי אין א כאַאָס פון ווידערשפּרעכנדיגע אינטערעסן און אַמביציעס, און דורך דעם וואָלט געשטעלט געוואָרן אין אַן ערנסטער געפאַר דער גאַנצער צוועק פון דער מלחמה, — דאָס איינהאַלטן די פּאַראייניגטע שטאַטן אויפן וועג פון דעם היסטאָרישן פּראָגרעס.

לינקאָלן האָט דעריבער באַשלאָסן געגן זיינע אייגענע נייגונגען און איג־טערעסן אָנצונעמען די פּרעזידענט־נאָמינאַציע פון יאָר 1864 און צו פּאַר־וואַנדלען דעם וואַל־קאַמפּעין פון א קוואַל פון אומאייניגקייט אין א מיטל ווידער צו פּאַראייניגן דאָס לאַנד. ער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו געווינען נאַציאָנאַלע וואַלן אָן פּאַרטייאישקייט דורך אויפהויבן זיך העכער פון די פּאַרטיי־גרענעצן, אָבער אין דער זעלביגער צייט ניט נאָכגעבנדיג דער אָפּאָזיציע קיין האָר אין פּרינציפּיעלע פּראַגן. ער האָט אָט דעם פּרינציפּ פון ניט־פּאַרטייאישקייט דורכגעפירט אַזוי וויט, אַז ער האָט זיך געשטיצט אויף אַן איינינקייט־קאָאַליציע, אָנשטאָט אויף זיין אייגענער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי, און האָט אַריינגענומען דעם איינינקייט־קאַנדידאַט פון דער סאַוט, ענדריו דזשאָנסאָן, אַלס זיינעם א מיט־קאַנדידאַט, ניט געקוקט אויף די ביטערע פּראָטעסטן פון אַלע פּאַרטייאישע רעפּובליקאַנער. ער האָט זיך געשטעלט געגן און האָט באַזיגט יעדע דריק־גרופּע, וואָס האָט פּאַרטראָטן ספּעציעלע איג־טערעסן, ווייל ער האָט אין דעם געזען דעם איינציגן מיטל צו דערגרייכן נאַציאָנאַלע איינינקייט און באַפרידיגן די נאַציאָנאַלע אינטערעסן. און ער האָט געוואונען די וואַלן אויפן איינציגן וועג, אויף וועלכן עס איז מעגלעך געווען צו געווינען, געווינענדיג אויף אַזא אופן פּאַר זיך א גלאָררייכן אָרט אין אונזער געשיכטע.

אין יאָר 1944 שטייט פּרענקלין רוזוועלט פּאַר א פּראָבלעם, וואָס איז מערקווירדיג ענלעך צו דער, פּאַר וועלכער עס איז אין זיין צייט געשטאַנען לינקאָלן.

פיל פון מיינע לייענער וועלן לייענען דעם בוך ערשט נאָכדעם, ווי די רעפּובליקאַנישע און דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָנס וועלן שוין האָבן געהאַט פאַרזאַמלט זיך, אָנגעצייכנט זייערע קאַנדידאַטן און אָנגענומען זייערע פּלאַטפאָרמעס. איינינע פון די פראַגן, וואָס איך וויל דאָ איצט באַהאַנדלען, וועלן דעמאָלט אויפן ערשטן בליק אפשר אויסזען, ווי פאַרצייטיגע געשיכטע, ווייל אונזער לאַנד און די גאַנצע וועלט באַוועגט זיך היינטיגע צייטן זייער שנעל. פונדעסטוועגן שיינט מיר, אַז עס לוינט זיך צו דערמאָנען זיך אַליין קומענדיגן סעפּטעמבער און אָקטאָבער (ערב די וואַלן), ווי די וואַל־פּראָב־לעמען האָבן אויסגעזען ביים סוף פון לעצטן מערץ.

בעת די שורות ווערן געשריבן איז עס די וויכטיגסטע פראַגע, צי וועט רוזוועלט אָננעמען די נאָמינאַציע פאַר פּרעזידענט אויף אַ פערטן טערמין. דאָס איז ניט קיין פראַגע, וואָס דער פּרעזידענט קאָן באַשליסן פאַר זיך אַליין. ער קאָן ניט זוכן די נאָמינאַציע און ער קאָן ניט פירן קיין אַקטיוון פּערזענלעכן קאַמפּעין, אויב ער וועט די נאָמינאַציע אָננעמען. ער טראָגט איצט אויף זיינע פּלייצעס איינע פון די גרעסטע משא׳ס, וואָס אַ מענטש האָט ווען גענומען אויף זיך; ער איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער שטאַרקסטער מלוכה אין דער וועלט אין דעם קריטישסטן מאָמענט פון דער בלוטיגסטער מלחמה, וואָס די וועלט האָט ווען געזען; ער ווייסט, אַז דאָס לאַנד קאָן זיך איצט ווייניגער פאַר אַלץ דערלויבן דעם לוקסוס פון האָבן אים אין דער ראָלע פון אַ דורכגעפאַלענעם קאַנדידאַט, אָבער דער איינציגער בייטראָג וואָס ער קאָן מאַכן צו געווינען די וואַלן, איז צו פאָרמולירן קאָנקרעטע פּאָליסים און קאָנצענטרירן זיך אויף געווינען די מלחמה. איידער ער קאָן זיך אַנטשליסן אָנצונעמען די נאָמינאַציע, מוז ער האָבן אַן איבערצייגנדיגן באַווייז, אַז דאָס לאַנד וויל אים האָבן און אַז עס וועט אים דערוויילן ניט צווינגענדיג אים צו פאַרנאַכלעסיגן זיינע מלחמה־פליכטן צוליב דעם קאַמפּעין פאַר זיין אַמט. אויב ער וועט זיין אין אַזאַ לאַגע, אַז ער וועט מוזן קעמפן פאַר דעם אַמט, וועט ער די נאָמינאַציע ניט קאָנען אָננעמען. אין יאָר 1944 קאָן רוזוועלט זיין אַ קאַנדידאַט נאָר אין דעם פאַל, אויב דאָס פאָלק וועט פאַר אים באמת קלאָר מאַכן, אַז אין דעם געגעבענעם פאַל „זוכט דער אַמט דעם מענטשן".

ס׳איז אָבער פאַראַן אַן ערנסטער פּסיכאָלאָגישער שטער פאַר אַזאַ אַנט־וויקלונג. רוזוועלט האָט אין משך פון יאָרן געגעבן דעם לאַנד אַזאַ דינאַמישע פירערשאַפט, אַז סיי צווישן דעם פּרעזידענט׳ס פריינט, סיי צווישן זיינע געגנער האָט זיך אַנטוויקלט אַ געוואוינהייט אָפּצוואַרטן אויף זיין איניציאַ־טיווע, איידער זיי אַנטשליסן זיך אויף אַ קאָרעקטן ענטפער אויף אַ וועלכער עס איז פּראָבלעם. אויב מיר ווילן, אַז פּרעזידענט רוזוועלט זאָל ווידער זיין אַ קאַנדידאַט, מוז מען די דאָזיגע געוואוינהייט ברעכן, און איצט מוז די איניציאַטיווע קומען פון אונטן און ניט פון אויבן.

אָבער אפשר זאָלן מיר גאָר אַ טראַכט טאָן וועגן דעם, צי וואָלט טאַקע ניט געווען ריכטיק, אַז רוזוועלט זאָל אָנזאָגן, אַז צוליב נאַציאָנאַלער איינינ־

קייט ציט ער זיך צוריק, נעמענדיג אין אכט, אז ער האָט אזעלכע ביטערע שונאים ניט נאָר צווישן די רעפּובליקאַנער, נאָר אַפילו אין זיין אייגענער פּאַרטיי?

ס'איז געגנוג א ווײַלע א טראַכט צו טאָן וועגן דעם, כדי איינצוזען, ווי קאַטאַסטראָפיש אַזאַ שריט וואָלט געווען פאַר דעם לאַנד. ניט קיין אייניגקייט וואָלט דערפון געקומען, נאָר דאָס לאַנד וואָלט גענומען ארומבלאָנדזשען איבער אַן אומגעצייכנטן ים פון אומבאַגרענעצטן פּראַקטיאַניליזם.

אָן רוזוועלט'ס פירנדיגער האַנט וואָלט די דעמאָקראַטישע נאַציאָנאַלע קאָנווענשאָן פארוואַנדלט געוואָרן אין א האָפּענונגסלאָזן פּלאָנטער פון שטרייטנדיגע פראַקציעס, פון וועלכע עס וואָלט געקאָנט ארויסקומען א פירערשאַפט פון דעם מין, ווי דער „אָהייאָ־גענג”, וואָס האָט פארכאַפּט די רעפּובליקאַנישע קאָנווענשאָן אין יאָר 1920.

די רעפּובליקאַנישע קאָנווענשאָן, ווידער, זייענדיג פריי פון דעם דרוק פון רוזוועלט'ס קאַנדידאַטור, וואָלט געוואָרן דער ריכטיגער פּלאַץ פאַר צע־יושעטער מאַשין־פּאָליטיק. די האָווער־טאַפט־וואַנדערבערג קאָמפּאַניע וואָלט געזעסן הויך אין זאָטל און וענדעל ווילקי'ס אויסזיכטן וואָלטן צעשוואָומען געוואָרן ווי א הויפן שניי אין פייער. אַפילו דיואי, וועלכער איז איצט דער ליבלינג פון דער מאַשין, וואָלט אויסגעפונען, אז זיינע אָנהענגער זיינען ניט מער, ווי איינע צווישן א סך פראַקציעס. פון אַזאַ פּלאָנטער וואָלט גע־קאָנט ארויסשווימען בלויז אַזאַ קאַנדידאַט ווי סענאַטאָר טאַפט, אָדער אַפילו האָווער, צי וואַנדענבערג, — און דערביי מיט גוטע אויסזיכטן אויף א זיג.

דאָס אַלץ וואָלט געוואָרן אומפארמיידלעך, ווען פּרעזידענט רוזוועלט וואָלט זיך צוריקגעצויגן פון די וואַלן.

די אָנערקענונג פון די דאָזיגע פאַקטן האָט געבראַכט דערצו, אז שוין אַזוי פרי ווי אין זומער 1943 האָבן די וויטיגסטע טיילן פון דער ארבע־טער־באַוועגונג גענומען אַנטוויקלען א פאָלקס־פאָדערונג, אז רוזוועלט זאָל זיין א קאַנדידאַט אין יאָר 1944. דאָס איז ניט געווען קיין ענגע פּאַרטייאישע שטעלונג מצד דער ארבעטערשאַפט, וואָרים זי האָט גראָד דעמאָלט געהאַט די ביטערסטע טענות, וואָס זיינען געווען פארבונדן מיט דער אָנפירונג פון דער מלחמה, און דעמאַגאָגן פון אַלע זייטן האָבן דעמאָלט אַפּעלירט צו די ארבעטער און זיי צוגעזאָגט וואָס נאָר זייער הארץ גלוסט, אונטערגעטראָגן אויף א זילבערן טעצעלע! ניין, דאָס איז געווען א באַווייז, אז די ארבעטער־שאַפט איז דערוואַקסן צו איר פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַלס דער רוקנביין און דער פאָרשטייער פון דעם גאַנצן פאָלק. די ארבעטערשאַפט האָט ריכטיג פארשטאַנען, אז דאָס איז ניט קיין פראַגע, וואָס דאַרף געלאָזן ווערן פאַר רוז־וועלט'ס פערזענלעכע געשמאַקן און שטימונגען, נאָר אז דאָס איז א פראַגע וועגן דינען דעם פאָלק, ווען דאָס פאָלק רופט און דער יחיד מוז זיך שטעלן אויף דער פּאָזיציע, אויף וועלכער דאָס פאָלק נויטיגט זיך אין אים.

דאָס פאָלק גופא מוז דורכפירן פאַר רוזוועלט'ן זיין קאַמפּעין. דאָס מוז זיין א ניט־פּאַרטייאישער קאַמפּעין; דאָס מוז זיין א קאַמפּעין פאַר נאַציאָ־

נאַלער איינינקייט — פאַר געווינען די מלחמה, פאַר רעאַליזירן די טעהעראַנער פּערספּעקטיווע פון אַ פעסטן, לאַנג־דויערנדיגן שלום. דער קאַמפּעין טאָר ניט געלאָזן ווערן אין די הענט פון די אַלטע פּאָליטישע מאַשינעס, וואָס ווייסן וויַ צו פירן אַ קאַמפּעין בלויז לויט די אַלטע טראַדיציעס פון שאַרפע אַטאַקעס געגן דעם אָפּאָנענט און פון צעיושעטער פּאַרטייאישקייט לטובת אַ פּראָפעסיאָנעלער קליקע פון פּאָליטישנס. אַזאַ קאַמפּעין טאָר ניט אויפ־וועקן און פאַרשאַרפן די אַלטע קאָמבינאַציעס און פּאַראורטיילן, נאָר ער מוז איבערשפּאַנען איבער זיי און אויפלייזן זיי, און צונויפשמעלצן אַזאַ איינינקייט פון די פּאַטריאָטישע בירגער, וואָס זאָל צעשמעטערן די אַלטע טראַדיציאָנעלע רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישע צעטיילונג־ליניעס, די אידעאָ־לאָגיע פון שאַרפע קלאַסן־איינטיילונגען, די שנאה צווישן „אַלטן דיל" און „נייעם דיל" און יעדן אַנדער באַריער, וואָס שטייט אין וועג און שטערט דער נאַציאָנאַלער איינינקייט.

די אויסערגעוויינלעכע לאַגע, אין וועלכער אונזער לאַנד געפינט זיך איצט, פאָדערט אַן עקסטראַאָרדינאַרן אופן פון דורכפירן די וואַלן פון 1944, כדי צו פאַרוואַנדלען זיי פון אַ דראָאונג געגן נאַציאָנאַלער איינינקייט אין אַ מיטל צו פאַראייניגן דאָס לאַנד אויף אַ העכערער שטופע.

כדי צו דערגרייכן דאָס, מוזן די פאָלקס־מאַסן זיך אויסלערנען צו מאַכן, אַז עקסטרעמע פּאַרטייאישקייט זאָל זיך ניט לוינען פאַר די וואָס ווייזן זי אַרויס. זיי מוזן געפינען אַ וועג, ווי צו ווייזן זיין אָרט דעם גרויס־מויליגן דעמאַגאָג, ווי אויפצודעקן דעם ביטערן אינטריגאַנט, ווי אָפּצושטופּן די אַלטע מאַשין־פּאָליטישענס אין הינטערגרונט און ווי אָנצוהויבן אַרויסברענגען צום פראָנט אַ נייעם מין פירערשאַפט.

צוליב דעם צוועק דאַרף דאָס פאָלק, און ספּעציעל זיין גרעסערער טייל, וואָס באַשטייט פון אַרבעטער, אויסבויען זיינע אייגענע אָרגאַניזאַציעס פאַר פּאָליטישער טעטיגקייט, אָנהויבנדיג מיט די שכנישע קוואַרטאַלן און וואָרדס, אויסברייטערנדיג זיי אויף די וואַל־דיסטריקטן, שטעטלעך און שטעט, ביז צו די סטעיטס און דעם גאַנצן לאַנד. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיין ניט־פּאַרטייאיש, נעמען אַ שטעלונג צו אישוס און אורטיילן מענטשן און קאַנדידאַטן לויט דעם, ווי קלאָר און ערלעך זיי נעמען זייער שטעלונג צו די דאָזיגע אישוס, און ניט לויט דעם פּאַרטייאישן „לעיבל", וואָס קאָן צו זיי זיין צוגעקלעפּט.

די גרויסע מאַסע פון אומפּאַרטייאישע בירגער מוז אָרגאַניזירט ווערן צו באַהערשן די צוויי גרויסע פּאָליטישע קאָנווענשאָנס, וואָס וועלן אויס־קלייבן די צוויי הויפּט פּרעזידענט־קאַנדידאַטן. דורך רעקרוטירן פּרעזידענט רוזוועלט'ן אויף דער גאַנצער צייט פון דער מלחמה, קאָנען זיי מאַכן זיכער, אַז די דעפיטיסטן און רעאַקציאָנערן זאָלן ניט קאָנטראָלירן די דעמאָקראַטישע קאָנווענשאָן. דורך דעם קאָנען זיי אויך פאַרזיכערן, אַז אויף דער רעפּובלי־קאַנישער קאָנווענשאָן זאָלן די דעפיטיסטן וויינינגסטנס ניט באַקומען די אויבערהאַנט. זיי קאָנען ביי די קומענדיגע וואַלן באַזייטיגן פון קאָנגרעס די

אומפּאַראַנטוואָרטלעכע און די דעפּיטיסטן פוןביידע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך פאַראייניגט צו אַטאַקירן דעם פּרעזידענט און זיין פּראָגראַם פון אַ זיג און פון אַ שטאַנדהאַפטיגן שלום; זיי קאָנען אַרויסברענגען נייע און בעסערע פאַרטרעטער פון פאָלק פון ביידע פּאַרטייען, וואָס וועלן צוריק אויפשטעלן דעם פּרעסטיזש פון דעם קאָנגרעס און פאַראייניגן די דאָזיגע קערפּערשאַפט אַלס אַ פאַרטרעטערשאַפט פון אַ פאַראייניגטן פאָלק.

די פּראָגראַם פון טעהעראַן שטייט אין קאָן אין די וואַלן פון 1944. די אַלע וואָס ווילן קעמפן פאַר דער רעאַליזירונג פון דער טעהעראַנער פּראָגראַם מוזן זיך פאַראייניגן, אָפּגעזען פון די פריערדיגע דיפערענצן און אָנטאַ־גאָניזמען, געגן די, וואָס שטעלן זיך געגן, גראָבן אונטער אָדער וואַרפן צווייפלען אויף דער דאָזיגער פּראָגראַם פון אַ זיג און פון אַ שטאַנדהאַפטיגער, פרידלעכער און בליענדיגער וועלט פאַר אַ צאָל קומענדיגע דורות.

קאַפּיטל פופצן

געגן וועמען מוזן מיר קעמפן?

אַ ניט־פּאַרטייאישער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער אייניגקייט, וואָס שטייט העכער פון פּאַרטיי־צעטיילונגען, איז אין לעצטן סך־הכל אַ קאַמף פאַר און געגן באַשטימטע קאַנדידאַטן. ווי קאָנען מיר דערקענען וועמען מיר דאַרפן באַקעמפן?

לאָמיר נעמען אַ צאָל געוויסע נעמען און אַדרעסן אַלס מוסטערן פון דעם סאָרט מענטשן, געגן וועלכן מיר מוזן קעמפן.

סענאַטאָר ווהילער פון מאָנטאַנאַ און קאָנגרעסמאַן דאַיעז פון טעקסאַס זיינען אין דעם פּרט די בעסטע ביישפּילן אין דעם דעמאָקראַטישן פליגל פון קאָנגרעס. סענאַטאָר טאַפט פון אָהייאָ און קאָנגרעסמאַן דזשעסי סאַמנער פון איליניאָי זיינען אַ טיפּישע פּאָרל פון דער פיל־גרעסערער צאָל רעפּובליקאַנישע מוסטערן פון דעם מין.

עס זיינען פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען דורך און דורך פיינטלעך צו דעם אַמעריקאַניש־סאָוועטיש־ענגלישן בונד און צו דעם טעהעראַנער אָפּמאַך. זיי האָבן שטענדיג נעגלויבט, אַז אַמעריקע וואָלט אָנשטאָט דעם בעסער גע־דאַרפט קומען צו אַ וועלכן עס איז הסכם מיט היטלער'ן און אַז מיר וואָלטן וואַרשיינלעך געקאָנט „טאָן ביזנעס" מיט אים. זיי זיינען אַנטשלאָסן, אַז מיר זאָלן ניט „האָבן קיין געשעפטן" מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף וויפיל דאָס הענגט אָפּ פון זיי, און זיי ווילן, אַז אונזערע באַציאונגען מיט ענגלאַנד זאָלן איינגעשטעלט ווערן בלויז אויף באַדינגונגען, וואָס זיי שטעלן אַרויס, — און דאָס מיינט קודם־כל אויף אַ באַזיס פון אַן אַמעריקאַניש־ענגלישן בונד געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. מאַרטין דאַיעז איז אַ לאַנגע צייט געווען דער הויפּט־פאַרטרעטער פון היטלער'ס „אַנטי־קאָמינטערן" אין אַמעריקע. דזשעסי

סאַמנער האָט אַריינגעטראָגן אין קאָנגרעס אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ער האָט פאַרלאַנגט אויפצוגעבן די ענגליש־אַמעריקאַנישע אינוואַזיע פון מערב־איירּאָפּע. זיי אַלע ווערן ניט מיד צו גוואַלדעווען וועגן אַ „רויטער געפאַר". זיי אַלע שטימען אין קאָנגרעס געגן אַלע שליסל־פונקטן פון פּרעזידענט רוז־וועלט׳ס מלחמה־פּראָגראַם. זיי אַלע האַלטן, אַז די גרעסטע געפאַר פאַר אַמעריקע און פאַר גאָר דער וועלט איז רוזוועלט׳ס „דיקטאַטור".

אַ חוץ אָט דעם מין פּאָליטישנס האָבן מיר אין קאָנגרעס די פּאָל־טעקס דעמאָקראַטן פון דער סאַוט און די רעפּובליקאַנער פון דער נאָרד, וואָס האָבן אויסגעבילדעט אין קאָנגרעס אַ קאָאַליציע אויף אָפּצונעמען ביי אונזערע סאָלדאַטן דאָס רעכט צו שטימען אין די וואַלן פון יאָר 1944 דורך אַ פעדע־ראַלן באַלאָט, וועלכער גיט די איינציגע פּראַקטישע מעגלעכקייט דערצו, און וואָס האָבן אָנשטאָט דעם אונטערגערוקט אַ שווינדל־טריק, וואָס נעמט אָפּ דאָס שטימרעכט ביי ניין־צענטלעך פון אונזערע באַוואָפנטע קרעפטן.

אויפן נעביט פון דער פּרעסע איז דער דאָזיגער לאַגער פון די היטלער־פריינט אין אַמעריקע פאַרטראָטן דערהויפּט דורך דער שיקאַגאָ טריביון פון קוירנעל מעקאָרמיק, די ניו יאָרקער דעילי ניוס פון דזש. מ. פּאַטערסאָן, דורך דער וואַשינגטאָנער טאַיִמס־העראַלד פון סיסי פּאַטערסאָן און דורך דעם גאַנצן צייטונג־רינג פון וויליאַם ראַנדאָלף הוירסט. דאָס זיינען די ערגסטע פון דער קאָמפּאַניע, אָבער מען מוז צוגעבן, אַז זייער סם דרינגט אַריין אין ס׳רוב פון די גרויסע טעגלעכע צייטונגען איבערן גאַנצן לאַנד. זיי זיינען דער מאָדערנער אויסדרוק פון דער פאַררעטערישער „קאָפּערהעד"־פּרעסע, מיט וועלכער פּרעזידענט לינקאָלן איז אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן אין זיין צייט און וועלכע ער האָט צומאָל אַפילו געמוזט אונטערדריקן דורך דער מיליטערישער מאַכט. זיי זיינען פאַרשפּרייטער פון פאַרראַט און דעפעטיזם.

ווענדעל ווילקי האָט אויסגעוויזן אַ געזונטן אַמעריקאַנישן אינסטינקט, ווען ער האָט בעת דעם פּראַימערי־קאַמפּעין אין וויסקאַנסין דערקלערט, אַז ער איז שטאָלץ צו האָבן מעקאָרמיק׳ן און הוירסט׳ן פאַר זיינע פיינט און אַז די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי וואָלט זיכער פאַרלוירן, אָדער זי וואָלט פאַרדינט צו פאַרלירן די וואַלן, אויב זי זאָל נאָמינירן אַ פּרעזידענט־קאַנדידאַט, וועל־כער איז אָננעמבאַר פאַר די דאָזיקע פאַרשווינען. אַזוי לאַנג ווי ווילקי האָלט זיך אומקאָמפּראָמיסלעך אין דער דאָזיגער ליניע און דערפירט זי צו איר לאָגישן אויספיר דורך ניט געווינען פאַר זיך די אונטערשטיצונג פון די הוירסטס און די מעקאָרמיקס, דאַרף ער גערעכנט ווערן אין דעם לאַגער פון נאַציאָנאַלער איינינקייט, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס פאַר אַ טעות׳ן ער האָט געקאָנט מאַכן אין אַנדערע פראַגן. אַלע אַנדערע נעמען אויסער ווילקי׳ס, וואָס זיינען אָנגערופן געוואָרן אַלס מעגלעכע רעפּובליקאַנישע קאַנדידאַטן פאַר די נאָמינאַציעס, זיינען געווען אָננעמבאַר פאַר הוירסט׳ן און פאַר מעקאָרמיק׳ן.

דער ווילד־צעיושעטער קרייז פון דעם דעפעטיסטישן לאַגער געפינט זיין

אויסדרוק אין די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַרטראָטן דורך דזשעראַלד ק. סמיט פון „אַמעריקאַ פוירסט" און פון קו־קלוקס־קלען און דורך זיינע פריינט די קלעריקאַלע פאַשיסטן, „פאַדהער" קאָגלין און „פאַדהער" קוירען. זיי געהערן צו דעם „שטורעם־טרופּער" מין, וואָס פירט אָפּן דורך היטלער׳ס פּראָפּאַגאַנדע אין אַלע אירע פאָרמען און מיט אַ מינימום קאַמופלאַזש. דורך אויסגעפינען ווער עס זיינען זייערע פריינט, איז מעגלעך פעסטצושטעלן ווער עס זיינען נאָך אַנדערע פאַרטרעטער פון דעם דעפיטיסטישן לאַגער און צו־געבן זיי צו דער ליסט פון די, וואָס מיר מוזן באַקעמפן.

אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז איצט דער הויפּט־טרעגער פון דעפיטיזם און פון נאַצי־אַרטיגע אידייען דזשאָן ל. לואיס, דער באָס פון דער יונאַיטעד מאַין וואָירקערס יוניאָן. לואיס איז דער קאָמאַנדיר פון דער פינפ־טער קאָלאָנע אין די רייען פון דער אַרבעטערשאַפט. לואיס איז עס געווען דער, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גרעסטן צוריקשטויס, וואָס די מלחמה־אָנשטרענגונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן האָט געליטן אין יאָר 1943. ער האָט מאַניפּולירט די טענות פון די מאַינערס אַזוי, אַז עס זאָל אוממעגלעך ווערן צו לייזן זיי אויף אַ פרידלעכן אופן און האָט דורכגעפירט אַ ריי אומנויטיגע, שעדיגערישע סטרייקס. דער שאָדן, וואָס ער האָט דורך דעם פאַרשאַפט די אַרבעטער־אינטערעסן, איז איבערגעשטייגט געוואָרן בלויז דורך דעם שאָדן, וואָס ער האָט געבראַכט דעם נאַציאָנאַלן מלחמה־בייטראָג און דער נאַציאָנאַלער מאָראַל, און דורך דער דערמוטיגונג, וואָס דאָס האָט געגעבן היטלער׳ן.

מיר טאָרן ניט פאַרגעסן די דערפאַרונג, וואָס מיר האָבן געהאַט אין יאָר 1943 מיט לואיס׳ן, ווייל ער גרייט זיך אַרויסצוקומען אין די וואַלן פון 1944 אַלס „דער וואָס רעדט פאַר די אַרבעטער", כדי ווידער צו פּרובירן צעשטערן די איינינקייט און העלפן דעם לאַגער פון דעפיטיזם און די אָנהענגער פון אַ „פאַרהאַנדלטן פרידן" מיט היטלער׳ן. עס איז דעריבער דאָ נויטיג צו דער־מאָנען די הויפּט־פּונקטן פון דעם קאַמף מיט לואיס׳ן אין יאָר 1943.

דער הויפּט־פּונקט איז געווען די באַציאונג פון דער אַרבעטערשאַפט צו דער מלחמה. לואיס׳עס שטעלונג איז געווען, — און אַ געוויסע צייט האָט ער באַוויזן צו קריגן אַ געפערלעך־גרויסע אונטערשטיצונג פאַר איר, — אַז די אַרבעטער האָט ניט קיין שום גרונט־פּאָליטיק בנוגע דער מלחמה. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז די פּאָליטיק פון ניט־סטרייקן איז געווען בלויז אַ הנחה די באַלעבאַטים און דער רעגירונג, וואָס קאָן אָנגעהאַלטן ווערן נאָר אַזוי לאַנג ווי ער, לואיס, געפינט עס באַקוועם אָנצוהאַלטן, — דאָס הייסט, אַז דאָס געווינען די מלחמה איז די אויפגאַבע פון דער רעגירונג און פון די אַרבעט־געבער, אָבער בשום אופן ניט פון די אַרבעטער, וואָס האָבן אַנדערע זאַכן אינזינען. דאָס איז אין עצם אַ דעפיטיסטישע פּאָזיציע. וואָרים אויב די אַרבעטערשאַפט פאַרשטייט ניט די העכסטע וויכטיגקייט פון דעם זיג אין דער מלחמה און נעמט ניט אָן די מלחמה פאַר איר אייגענער זאַך, מוז דער לאָגי־שער שלום פון דעם זיין, אַז די אַרבעטער מוזן באַטראַכט די שוועריגקייטן און קרבנות פון דער מלחמה אַלס אומזיניגע יאָכן, וואָס זיינען אויף זיי אַרויפ־

געצוואונגען געווארן געגן זייער ווילן; זיי מוזן דאן באטראכטן די מלחמה, ווי עטוואס אזוינס, וואס מוז באקעמפט ווערן מצד די ארבעטער, וואס מען מוז זיך שטעלן געגן איר און שעדיגן איר און ברענגען צו א וואס־שנעלערן סוף, ניט זוכנדיג צו דערגרייכן קיין זיג. און דאס איז דער לאגישער אויספיר פון אלץ, וואס לואיס האט ביז איצט געטאן און געזאגט און פון דעם, וואס ער קלייבט זיך צו טאן אין דעם קאמפעין פון 1944.

דער פאקט איז, אז די ארבעטערשאפט אונטערשטיצט די מלחמה דערפאר, ווייל זי ווייסט, אז בלויז א זיג וועט ראטעווען די ארבעטער פון שקלאפעריי סיי דא אין לאנד, סיי אין ס׳רוב פון דער וועלט. עס איז אבער אוממעגלעך צו געווינען די מלחמה, אויב דאס אמעריקאנישע עקאנאמישע און פאליטישע לעבן ווערט צעריסן דורך גרויסע סטרייק־קאמפן. אט דערפאר האט די ארבעטער־באוועגונג באשלאסן, אין הסכם מיט איר אייגענעם ווילן און ניט אלס א הנחה צו עמעצן אנדערש, אפצוהאלטן זיך פון באנוצן זיך מיט איר נאטירלעכן, געזעצלעכן געווער, פון סטרייקן, אזוי לאנג ווי די איצטיגע אויסנאם־לאגע האלט אן. די ארבעטערשאפט וואלט זיך געמוזט האלטן אן אזא פאליטיק אפילו ווען די רעגירונג וואלט געווען ארבעטער־פיינטלעך, אזוי לאנג, ווי זי וואלט געפירט דאס לאנד צום זיג. אבער ס׳איז פאר דער ארבעטערשאפט שטארק פארלייכטערט געווארן צו האלטן זיך אן אזא פאליטיק צוליב דעם, ווייל די ארבעטער־פיינטלעכע כוחות קאנטראלירן בלויז דעם קאנגרעס, בעת די עקזעקוטיווע מאכט — דער אנטשיידנדיגער טייל פון דער רעגירונג אין א צייט פון מלחמה — איז אויסדריקלעך פריינטלעך צו די ארבעטער און איז פארבונדן מיט דער ארבעטערשאפט.

לואיס׳עס דעפעטיסטישע און אנטי־מלחמה פאליטיק איז געווען זייער ווייט פון העלפן די אינטערעסן פון די מאינערס אויפן חשבון פון דער מלחמה, — זי איז אין דער אמת׳ן געווען געווענדט סיי געגן די מאינערס אינטערעסן, סיי געגן די אינטערעסן פון קריג. די רעגירונג האט אין יאר 1942 פארגעשלאגן א פראגראם, וועלכע סיי לואיס, סיי די מאין־אייגנטימער האבן צוריקגעווארפן, אבער וואס איז אין עצם געווען די זעלביגע, וואס איז ענדלעך אנגענומען געווארן אין יאר 1943 נאך א ריי שעדלעכע סטרייקס, און וואס לואיס האט פראקלאמירט אלס זיינעם א זיג. אויב דאס איז געווען א זיג, איז עס געווען דער זיג, וועלכן לואיס אליין האט ניט געלאזן די מאינערס געווינען מיט א יאר פריער. אבער לואיס׳עס הויפט־צוועק איז געווען דער סטרייק גופא. ער האט באטראכט פאר זיינעם א זיג דעם דערפאלג, מיט וועלכן ער האט געשאפן סטרייקס און ניט דאס, וואס די מאינערס האבן פון די סטרייקס געקראגן. ווייל זיי האבן געקאנט באקומען די זעלביגע רעזולטאטן פיל פריער און אן א סטרייק.

לואיס האט געהאנדלט אין הסכם מיט די קורצזיכטיגע זשעדנע מאין־אייגנטימער, וואס האבן זיך באנוצט מיט זיין הילף, כדי צו ברעכן די פרייז־קאנטראל געזעצן און די באגרענעצונג פון פראפיטן, וואס די רעגירונג האט דורכגעפירט. אין ברען פון די שעדלעכסטע סטרייקס איז לואיס עפנטלעך און

ווארעם געלויבט געוואָרן דורך די זעלביגע באַלעבאַטים, געגן וועלכע ער האָט כלומרשט געקעמפט. דער וואָכיליגע אינטעליגענטסער, דער אָרגאַן פון די ראַקציאָנערע מאַין־מאַגנאַטן, האָט אין זיין נומער פון דעם 1טן יוני, 1943, געשריבן:

„מיר פון אונזער זייט וואָלטן בעסער געוואָלט זען אין שפּיץ פון דער אַרבעטערשאַפט אין די פאַראייניגטע שטאַטן דזשאָן לואיס׳ן, איידער וועמען עס איז אַנדערש. מיר נויטיגן זיך אין זיין שטאַרקייט. מיר באַטראַכטן אים ניט נאָר פאַר דעם שטאַרקסטן, נאָר אויך פאַר דעם פאַסנדיגסטן אַרבעטער־פירער אין לאַנד."

אַלע דעפּיטיסטן און די גאַנצע פּראָ־נאַצישע פּרעסע אין לאַנד האָט זיך צוגעאיילט צו שטיצן לואיס׳ן. זיי האָבן אים אַרויסגעשטעלט פאַר אַ „העלד פון אַרבעט" און האָבן אים געלויבט אין די הימלען. די שיקאַגאָ טריביון, דער פאַרביסענער שונא פון די אַרבעטער און פון דער מלחמה, איז געווען שטאַרק צופרידן מיט לואיסן. די אַרבעטערשאַפט אַלס גאַנצע האָט באַקומען אַ פּאַטש אין פּנים, ווארים די זעלביגע צייטונגען, וואָס האָבן אַזוי געלויבט לואיס׳ן, האָבן גנהעצט אונזערע באַוואָפנטע קרעפטן געגן די אַרבעטער אונטערן אויסרייד פון לואיס׳עס סטרייקס און דער קאָנגרעס האָט דורכגעפירט אַנטי־אַרבעטער געזעצן, פאַרשווערינגדיג דערמיט די גאַנצע לאַגע.

זאָל די אַרבעטער־באַוועגונג און דאָס גאַנצע לאַנד געדענקען די דאָזיגע פאַקטן איצט, אין יאָר 1944, ווען לואיס וועט אַרויסטרעטן אין דעם וואַל־קאַמפּעין און פאַרזעצן זיין שעדיגערישע אַרבעט אַלס כלומרשטער „אַר־בעטער־פירער".

אַלע אומגעזונטע און צעשטערנדיגע איינפלוסן אין דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג ציען זיך איצט צו און אַרום דזשאָן לואיס׳ן. ס׳איז ניט קיין צופאַל, וואָס דייוויד דוביסקי, דער פירער פון דער לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, איז געווען דער, וואָס האָט אָנגעהויבן די באַוועגונג אַריינ־צוציען לואיס׳ן צוריק אין דער א. פ. אָוו ל. מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון הערבערט האָוווער׳ס גוטע פריינט, מעטיו וואָל און האַטשעסאָן. דובינסקי איז לואיס׳עס אַ גייסטיגער קרוב, כאָטש ער האָט פאַרלאָזן לואיס׳ן, ווען יענער איז נאָך געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם סי־אַי־אָ און ניט געקוקט אויף לואיס׳עס גוט־באַקאַנטן אַנטיסעמיטיזם. די דאָזיגע קרובה׳שאַפט זייערע נעמט זיך פון זייער געמיינזאַמער שטעלונג צו דער מלחמה. דובינסקי איז אַ געשוואָרענער, אויסגעשפּראָכענער שונא פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָט עפנטלעך אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז אַמעריקע וועט העלפן צעשטערן די סאָוועט־רעגירונג. זיין פריינט, כאַנין, האָט אין יאַנואַר 1942, געשריבן און דובינסקי האָט זיך עפנטלעך אָנגעשלאָסן אין אַפּריל 1943, אָן דער פאָלגנדיגער דערקלערונג:

„דער לעצטער שאָס איז נאָך ניט אָפּגעפייערט געוואָרן. ער וועט נאָך אויסגעשאָסן ווערן. דער לעצטער שאָס וועט געפייערט ווערן פון דער פרייער

אַמעריקע, — און פון אַט דעם שאַם וועט דער סטאַלין־רעזשים צעשאָסן ווערן אויף שטיקער." *)

אַלע פּאַרשוינען, וואָס האָבן אַזאַ פייערדיגע אמביציע צו „צעשיסן אויף שטיקער" דעם „סטאַלין־רעזשים", מוזן אומפּאַרמיידלעך שטרעבן צו אַ בונד מיט דער גרעסטער פון אַלע אָנשטרענגונגען אין דער דאָזיגער ריכטונג, — מיט דעם היטלער־רעזשים. אַט דערפאַר אונטערשטיצט עם דובינסקי און זיין פּאָליטישע גרופּע פון „פאָרווערטס" און „ניו לידער" די פּוילישע גלות־רעגירונג, — ווייל זי וואָלט וועלן „צעשיסן אויף שטיקער דעם סטאַלין־רעזשים"; אַט דערפאַר שטיצט די דאָזיגע חברה דעם גענעראַל מיכאַילאָוויטש פון יוגאָסלאַוויע און פאַרלוימדעט מאַרשאַל טיטאָ אַלס „קאָמוניסטישן באַנדיט"; אַט דערפאַר האָבן זיי געלויבט אין די הימלען סעקרעטערי אָוו סטעיט קאָרדעל האַל אַזוי לאַנג, ווי זיי האָבן געגלויבט, אַז ער איז געגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, און זיי זיינען געוואָרן זיינע ביטערסטע שונאים, ווען ער האָט געהאָלפן דורכפירן די באַרימטע מאָסקווער רעזאָלוציעס; אַט דערפאַר זיינען זיי אַזוי צעיושעט געגן די טעהעראַנער באַשלוסן; און אַט דערפאַר באַוועגן זיי זיך צו אַן אָפּאָזיציע געגן רוזוועלט'ן אין אַלע וויכטיגסטע פראַגן. און צוליב דער זעלביגער אורזאַך האָבן זיי מיט אַ בלינדער רציחה געזוכט צו צעשפּאַלטן די אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי אין ניו יאָרק, ווען די הילמאַן־אָנהענגער, וואָס אונטערשטיצן דעם פּרעזידענט אויף אַן אמת, האָבן געוואונען די פּראַימעריס און האָבן דערווײלט די קאָנטראָלירנדיגע סטעיט־קאָמיטע.

ניט אַ קראַץ אַ סאָוועט־האַסער אין יאָר 1944 און איר וועט אַנטדעקן, אַז ער איז אויך אַן ענגלאַנד־האַסער און אַז ער איז אויפן שוועל פון פאַרראַט צו אַמעריקע. דאָס איז אויך אַ גוטער וועגווייזער אויף אויסצוגעפינען די, וואָס מוזן באַקעמפּט ווערן אין דעם וואַל־קאַמפּעין פון יאָר 1944.

יאָ, עס זיינען פאַראַן גענוג און איבערגענוג היימישע שונאים!

אָבער מיר מוזן זיך שטאַרק היטן פון פּרוּוון דערקענען אונזערע שונאים לויט זייערע אַלטע באַצייכענונגען פון רעפּובליקאַנער, דעמאָקראַטן, קאַפּיטאַליסטן, מאָנאָפּאָליסטן א. אַז. וו. אין די אַלע גרופּעס זיינען פאַראַן סיי שונאים, סיי פריינט, און ווען אַ גאַנצע גרופּע ווערט אַטאַקירט, שטאַרקט עס בלויז אונזערע שונאים און שוואַכט אָפּ אונזערע פריינט. דאָס איגנאָרירט אויך די עקזיסטענץ פון שונאים, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער דעם מאַנטל פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָבער וואָס זיינען אין דער אמת'ן פּונקט אַזוי פאַרביסן און פיינטלעך, ווי דער שונא, וועלכער איז אַ „קאַפּיטאַליסט".

דער לאָזונג אין דעם וואַל־קאַמפּעין פון יאָר 1944 קאָן גענומען ווערן פון דער טראַדיציע פון אונזער מלחמה פאַר אומאָפּהענגיגקייט: „שיס ניט ביז וואַנען דו זעסט ניט די ווייסלען פון זייערע אויגן". איידער איר „שיסט", מאַכט זיכער אַז פאַר אייך שטייט אַן אמת'ער שונא. שיסט ניט גלאַט אַזוי אין דער לופטן. אין דער איצטיגער שלאַכט פון אַמעריקע נויטיגן מיר זיך אין אַ פּינקטלעכן צילעוועץ און אין אַ קלאָרן ציל־ברעט.

*) „דער פריינט", אָרגאַן פון אַרבעטער־רינג, יאַנואַר 1942.

קאַפּיטל זעכצן

די ענדערונגען אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע

די אָרגאַניזירטע קאָמוניסטן, די מאַרקסיסטן אין אונזער לאַנד האַלטן, אַז די אויסזיכטן און אויפגאַבן, וואָס דער טעהעראַנער אָפּמאַך האָט געשאַפן, זיינען אַזוי גרינטלעך און אַזוי ניי, אַז אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם האָבן אין אונזער אָרגאַניזאַציע־פאָרם און אַרבעט־מעטאָדן געמוזט איינגעפירט ווערן איניגע וויכטיגע ענדערונגען. די ענדגילטיגע באַשלוסן האָבן געדאַרפט אָנגענומען ווערן אויף דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אָבער די ברייטע דיסקוסיע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד, האָט באַוויזן אַזאַ איינשטימיגקייט פון מיינונגען, אַז מען האָט פאָרויס געקאָנט אָנצייכענען די הויפּט־שטריכן פון די באַשלוסן, וואָס וועלן אָנגענומען ווערן.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן זאָגן זיך אָפּ אויף אַ באַדייטנדיגן פעריאָד פון אַ קאַמף פאַר פאַרטיי־געווינסן פאַר זיך אַלס אַ באַזונדערע גרופּע, אַלס אַ פּאָליטישע פאַרטיי. די קאָמוניסטן זעען פאָרויס, אַז די פּראַקטישע פּאָליטישע צילן, וואָס זיי שטעלן זיך, וועלן אין משך פון אַ לאַנגער צייט און אין אַלע וויכטיגסטע פונקטן איינשטימען מיט די צילן פון אַ פיל גרעסערער קערפּערשאַפט פון ניט־קאָמוניסטן און אַז אונזערע פּאָליטישע האַנדלונגען דאַרפן דעריבער איינגעשלאָסן ווערן אין אַזעלכע פיל גרעסערע באַוועגונגען. די עקזיסטענץ פון אַ באַזונדערער פּאָליטישער פאַרטיי פון קאָמוניסטן האָט דעריבער מער ניט קיין פּראַקטישן צוועק און קאָן, פאַרקערט, זיין אַ שטערונג פאַר דער ברייטערער איינגקייט.

די קאָמוניסטן באַשליסן דעריבער אויפצולייזן זייער באַזונדערע פּאָליטישע פאַרטיי און צו געפינען אָנשטאָט איר אַן אַנדערע, אַ נייע אָרגאַניזירפאָרם און נאָמען, וואָס זיינען מער צוגעפּאַסט צו די אויפגאַבן פון דעם היינטיגן טאָג און צו דער פּאָליטישער סטרוקטור, דורך וועלכער די דאָזיגע אויפגאַבן מוזן דורכגעפירט ווערן.

די קאָמוניסטישע פאַרטיי פון די פאַראייניגטע שטאַטן ווערט אויפגעלייזט.

מענטשן, וואָס האָבן כסדר געגוואַלדעוועט געגן אונז און געפאָדערט, אַז די קאָמוניסטישע פאַרטיי זאָל זיך אויפלייזן, זיינען שטאַרק אַנטוישט געוואָרן, ווען זייער פאָדערונג האָט אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט ווערן. איצט טענה'ן זיי שוין, אַז דאָס מאַכט ניט קיין שום אונטערשייד, וואָרים עס פאַרבלייבן נאָך אַלץ קאָמוניסטן און זיי וועלן זיך פאַראייניגן פאַר געמיינזאַמער אַרבעט אונטער אַן אַנדער פאָרם. ווי עס שיינט, האָבן זיי גאָר געוואָלט און ווילן אויך איצט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן ניט אַנדערש ווי באַגיין זעלבסט־

מאָרד! אַ געוויסער דר. קאַונטס, וואָס האָט ערשט מיט עטלעכע חדשים צוריק פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצן בוך אויף צו דערווייזן, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי מוז זיך אויפלייזן, האָט פּלוצלונג אָן שום דערקלערונגען געביטן זיין מיינונג און געוואָלדעוועט, אַז די קאָמוניסטן זאָלן געצוואונגען ווערן אָנצו־האַלטן זייער אייגענע באַזונדערע פּאַרטיי, צי זיי ווילן עס יאָ, אָדער ניט. ווען די געשיכטע וואָלט זיך פון צייט צו צייט ניט דערלויבט אַזעלכע קאָמישע וויצן, וואָלט זי פּיליכט געווען צו דריקנדיק־ערנסט פאַר דער מענטשלעכער נאַטור.

נאַטירלעך וועלן די קאָמוניסטן, די מאַרקסיסטן, האָבן אַן אייגענע אָר־גאַניזאַציע, אָבער די אָרגאַניזאַציע וועט ניט טראָגן קיין פּאַרטייאישן כאַראַקטער.

די פּאָליטישע צילן, צו וועלכע מיר שטרעבן צוזאַמען מיט דער מערהייט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, וועלן מיר זוכן צו דערגרייכן דורך דער עקזיס־טירנדיגער פּאַרטיי־סטרוקטור פון אונזער לאַנד, — די סטרוקטור, וואָס איר עצם ליגט היינט אין דער כאַראַקטעריסטיש־אַמעריקאַנישער „צוויי־פּאַרטיי סיסטעם".

אין מיין בוך „וויקטאָרי ענד עפטער", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1942, האָב איך געגעבן אַ ברייטן אַנאַליז פון אָט דער צוויי־פּאַרטיי סיסטעם און פון דעם אופן, ווי זי אַרבעט. איך האָב דאָרטן באַוויזן, ווי די דעמאָקראַטישע און די רעפּובליקאַנישע פּאַרטיי זיינען ביידע געוואָרן האַלב־אָפיציעלע אינסטיטוציעס, וואָס שטיצן זיך אויפן געזעץ און אויף די מנהגים, וואָס מאַכן שווער, אויב ניט אוממעגלעך, די אַנטשטייאונג פון נייע גרויסע פּאַרטייען. די קאָמפּליצירטע און כסדר זיך־ענדערנדיגע שטראָמען פון דעם אַמעריקאַנער פּאָליטישן לעבן ווערן אַריינגעגאָסן אין די דאָזיגע טראַ־דיציאָנעלע פאָרמען, וואָס האָבן זיך אויסגעבילדעט אין פריערדיגע צייטן אַלס ענטפער אויף פּאָדערונגען און פּאָליטישע פאַרהעלטענישן, וואָס זיינען שוין לאַנג פאַרעלטערט געוואָרן. דער רעזולטאַט פון דעם איז, אַז היינטיגע פּאָליטישע פּאָדערונגען ווערן אויסגעקעמפט ניט צווישן צוויי פּאַרטייען, נאָר אין די דאָזיגע פּאַרטייען. די אָנהענגער פון יעדער פּאַרטיי זיינען פאַרבונדן צווישן זיך ניט דורך קיין הסכם וועגן לויפנדיגע פראַגן, נאָר גיכער דורך אַ טראַדיציע, און אַ וואַקסנדיגער טייל פון דער באַפעלקערונג, וואָס בילדעט איצט מער ווי אַ דריטל פון לאַנד, האַלט זיך אומאָפּהענגיג פון ביידע פּאַר־טייען, אויסקלייבנדיג צווישן זיי ניט די אָדער יענע גאַנצע פּאַרטיי, נאָר יעדעס מאָל אַנדערע מענטשן און גרופּעס אין פאַרבינדונג מיט די פראַגן וואָס שטייען און מיט דעם אמת, אויף וועלכן מען דאַרף אויסקלייבן.

קיינער קאָן מער ניט פאָרויסזאָגן וועלכע פון די פּאַרטייען עס האָט אַ מערהייט אין לאַנד, ווייל קיין איינע פון זיי האָט ניט צו יעדער צייט קיין באַשטענדיגע מערהייט. די אומאָפּהענגיגע וויילער, וואָס „שפּאַלטן דעם וואוט" און וואָס שטימען ניט אין אינגאַנצן מיט קיין איינער פון אָט די פּאַרטייען, האַלטן אין זייערע הענט אַלץ מער און מער דעם באַלאַנס פון

מאַכט. זייער ראָלע ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דער סיסטעם פון „דירעקטע פּרײַמעריס”, דורך וועלכע די רעגירונג גופא פירט דורך אין פאַר־שיידענע שטאַטן די פאַר־וואַלן פון דער פאַרטיי־פירערשאַפט און פון די פאַרטיי־קאַנדידאַטן פאַר עפנטלעכע אַמטן און אין וועלכע יעדער בירגער קאָן זיך, — פאָרמעל, וויינינגסטנס, — באַטייליגן, אַמאָל דורך פריער רעגיסטרירן זיך פאַר אַ באַשטימטער פאַרטיי און אין אַנדערע פאַלן פשוט דורך אויס־קלייבן די אָדער יענע ליסטע אין די וואַל־פּלעצער.

ס'איז איבעריג דאָ צו דעבאַטירן די פראַגע, צי דאָס איז די בעסטע מעגלעכע וואַל־סיסטעם. ס'איז יעדנפאַלס די סיסטעם, וואָס אַרבעט ביי אונז און עס זיינען ניטאָ קיין באַלדיגע אויסזיכטן אויף אַ גרינטלעכער ענדערונג. איז אונזער אויפגאַבע דעריבער צו טאָן אַלץ וואָס מעגלעך צו מאַכן, אַז די סיסטעם זאָל אַרבעטן פאַר דעם וואוילזיין פון לאַנד.

אין די לעצטע פאַר דורות זיינען געמאַכט געוואָרן עטלעכע אַמביציעזע פּראָבעס אַרויסצורייסן זיך פון דעם דאָזיגן פּאָליטישן צוואַנג־העמד פון דער צוויי־פאַרטיי סיסטעם, ווען זי האָט שוין צו אָפן און שאַרף געפּעלשט די פּאָליטישע פאַרהעלטעניש אין לאַנד. אַזעלכע פּראָבעס זיינען געמאַכט גע־וואָרן דורך טעדי רוזוועלט'ן אין יאָר 1912 און דורך לאַפּאָלעט'ן אין 1924. די דאָזיגע רעוואָלטן האָבן געהאַט די גרעסטע פּאָליטישע באַדייטונג און האָבן פאַרשנעלערט געוויסע פּאָליטישע איבערשטעלונגען אין דער פּראַקטיק פון דער צוויי־פאַרטיי סיסטעם, אָבער אָרגאַניזאַציאָנעל האָבן זיי קיין דער־פאָלג ניט געהאַט און האָבן ניט אַריינגעבראַכט אין דער סיסטעם קיין פּער־מאַנענטע ענדערונגען.

די פאַרמער־לעיבאָר פאַרטיי אין מינעסאָטאַ האָט זיך אָפּגעריסן פון דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי פון איר שטאַט און האָט דורכגעמאַכט אַ דערפאָלג־רייכע, אָבער קורצע קאַריערע. אָבער אין יאָר 1944 האָט זי כמעט איינ־שטימיג באַשלאָסן ווידער צו פאַרשמעלצן זיך מיט דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעפונען, אַז די קאָמפּליקאַציעס פון אַ דריי־פאַרטיי סיסטעם אין זייער שטאַט זיינען געוואָרן אַ שטערונג פאַר אייניגקייט. די פּראָגרעסיווע פאַרטיי אין וויסקאָנסין האָט אויך געהאַט אַ ריי קורץ־דויערנדיגע דערפאָלגן, אָבער זי איז זיך שנעל צעפאַלן אונטער דער נאַצי־אָימיטירנדיגער פירערשאַפט פון פיליפּ לאַפאָלעט.

אין ניו יאָרק האָט די אַמעריקאַנער לעיבאָר פאַרטיי באַוויזן אָנצוהויבן צו שפּילן אַ באַדייטנדיגע ראָלע אַ דאַנק די וואַל־געזעצן פון דעם שטאַט, וואָס דערלויבן, להיפוך צו אַנדערע שטאַטן, אַ צייטווייליגע מיטאַרבעטערשאַפט פון פאַרטייען דורך דעם, וואָס זיי נאָמינירן אַ שותפות'דיגן קאַנדידאַט פאַר אַ באַשטימטן אַמט און דער וואָוט פוןביידע פאַרטייען ווערט קאָמבינירט ביים ענדגילטיגן צונויפציילן די שטימען. די אַ. ל. פּ. האָט דעריבער געהאַט די מעגלעכקייט אָנצוהאַלטן אַ קאָאַליציע מיט דער דעמאָקראַטישער פאַרטיי אין די נאַציאָנאַלע וואַלן און מיט דער רעפּובליקאַנער פאַרטיי אין געוויסע שטאַט־וואַלן, און אין דער זעלבינער צייט אַרויסשטעלן אויך באַזונדערע אייגענע

קאַנדידאַטן פאַר באַשטימטע אַמטן, שאַפנדיג דערמיט אַ זייער ווערטפולן אָרגאַניזאַציאָנעלן אינסטרומענט פאַר די אומאָפּהענגיגע ווײַלער. אָבער ווי ניט־זיכער עס איז די דאָזיגע פּאָזיציע פון דער א. ל. פּ. האָט מען געקאָנט זען, ווען אין דער לעדזשיסלעיטשור אין אָלבאַני איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ ביל צו ענדערן די וואַל־געזעצן פון שטאַט אַזוי, אַז אַ קאַנדידאַט זאָל ניט קאָנען אַרויסשטעלן זיין נאָמען מער ווי אויף איין צעטל, — פון דער פּאַרטיי, אין וועלכער ער איז רעגיסטרירט. דער ביל איז ניט אָנגענומען געוואָרן, אָבער אויב די רעפּובליקאַנישע מערהייט פון דער לעדזשיסלעיטשור וואָלט געהאַלטן, אַז אירע אינטערעסן זיינען דאָ שטאַרק פאַרמישט, וואָלט איר קיין זאַך ניט געשטערט צו פאַרוואַנדלען דעם ביל אין אַ געזעץ און דורכדעם צעשטערן די ווירקזאַמקייט פון דער אַמעריקען לעיבאָר פּאַרטיי. אויף אַזאַ אופן מוז זיך די א. ל. פּ. שטענדיג פאַרלאָזן אויפן גנאָד פון דער פּאַרטיי, וועלכע קאָנטראָלירט אין דעם געגעבענעם מאָמענט די לעדזשיסלעיטשור.

די קאָמוניסטן שליסן זיך ניט אָן אַלס גאַנצע גרופּע אָדער אָרגאַניזאַציע אין קיין איינער פון די עקזיסטירנדיגע פּאַרטייען. זיי שליסן זיך אָן אָן דער מאַסע פון די אומאָפּהענגיגע ווײַלער, וואָס קלייבן אויס די בעסטע קאַנדידאַטן פון צווישן די, וואָס אַלע פּאַרטייען שטעלן אַרויס. יעדער קאָמוניסט באַזונדער איז פריי צו רעגיסטרירן זיך פאַר וועלכער עס איז פון די פּאַרטייען אויף אַן אופן, וועלכן די אומאָפּהענגיגע פּראָגרעסיווע ווײַלער, מיט וועלכע ער גייט געוויינלעך צוזאַמען, האַלטן פאַר דעם בעסטן.

די נייע אָרגאַניזאַציע, וואָס די קאָמוניסטן שטעלן איין צוליב זייערע געמיינזאַמע ניט־פּאַרטייאישע טעטיגקייטן, נעמט איבער און וועט פאָרזעצן אַלע פּאָליטיש־דערציענדיגע טעטיגקייטן, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט פריער דורכגעפירט, אויסלאָזנדיג די פונקטן פון אַ וואַל־פּאַרטיי, וואָס פאַרקערפּערן דעם קאַמף פאַר פּאַרטיי־געווינסן.

ווען ס'איז געקומען צו געבן אַ נאָמען דער נייער אָרגאַנזיצאַיע, איז די אַממערסטן פאַרשפּרייטע מיינונג צווישן די קאָמוניסטן געווען, אַז זי זאָל זיך רופן די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאָליטישע אַסאָציאַציע. מען האָט באַטראַכט די מעגלעכקייט אויך פון אַנדערע נמען, ווי למשל: „די ניט־פּאַרטייאישע פּאָליטישע אַסאָציאַציע”. עס האָט זיך דערביי געהאַנדלט וועגן דעם, צי זאָל מען אויף ווייטער אָנהאַלטן דעם „קאָמוניסטישן” נאָמען. די פראַגע איז געווען, וואָס עס לוינט זיך בעסער: צו באַטאָנען אין איר נאָמען דעם לאַנגאָניגן פּאָליטישן כאַראַקטער פון דער אָרגאַניזאַציע, אָדער אונטערצושטרייכן דעם מעטאָד פון איר צוזאַמענאַרבעט מיט דער ברייטער דעמאָקראַטיש־פּראָגרעסיווער מערהייט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. יעדנפאַלס וועט דער אַמעריקאַנער עולם ניט בלייבן אונטער קיין צווייפל ווער עס זיינען די קאָמוניסטן אין לאַנד, וואָס זיי דענקען, וואו זיי געפינען זיך און וואָס זיי טוען. קאָמוניסטן זיינען קיינמאָל ניט געווען צווישן די, וואָס האָבן אַ טבע אויפצולייזן זיך און פרייווויליג צו פאַרשווינדן צווישן אַנדערע.

אין איניגע קרייזן עקזיסטירט אַ מיספאַרשטייעניש וועגן דעם, אַז די

ענדערונג אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פּראַקטיק באַדייט, אַז קאָמוניסטן וועלן מער ניט אַרויסטרעטן אַלס קאַנדידאַטן פאַר פּאָליטישע אַמטן. דאָס וואָלט געווען פּונקט אַזוי ניט ריכטיג בנוגע קאָמוניסטן, ווי בנוגע אַנדערע אומאָפּהענגיגע וויילער, מיט וועלכע מיר פאַרבינדן אונזער טעטיגקייט. דער אמת איז אָבער, אַז קאָמוניסטן וועלן מער ניט זיין קיין קאַנדידאַטן צו אַ וועלכן עס איז אַמט בלויז אין נאָמען פון זייער אייגענער גרופּע, אָדער אויף אַ באַזונדערער קאָמוניסטישער פּלאַטפאָרם. אויב אַ קאָמוניסט וועט נאָמינירט ווערן צו אַ וועלכן עס איז אַמט, וועט עס זיין אַ רעזולטאַט פון דער אַקטיוויקייט פון ברייטע קרייזן פון אומאָפּהענגיגע וויילער, — ווי עס איז, למשל, געווען דער פאַל מיט בענדזשאַמין דזש. דעיוויס אָדער פּיטער קאַטשיאָנע בעת די וואַלן אין דעם ניו יאָרקער סיטי קאַונסיל, ווען ביידע קאַנדידאַטן האָבן פאַרטראָטן אַן איינינקייט־קרייז, וואָס איז געווען פיל גרעסער, ווי דער וואָס האָט געשטימט פאַר כמעט יעדן אַנדער קאַנדידאַט אויף די וואַל־ליסטעס. אין יעדן פאַל, ווען אַ קאָמוניסט וועט פילן, אַז ער פאַרטרעט ווי געהעריג און העלפט צונויפשמידן אַ גרעסערע איינינקייט דורך אָננעמען די נאָמינאַציע, וועט ער זיך אוודאי ניט קווייקלען צו זיין אַ קאַנדידאַט פאַר אַן אַמט.

מיר קאָנען אונטערפירן אַ סך־הכל אונטער דער גאַנצער פראַגע וועגן די ענדערונגען אין דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איר טעטיגקייט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז זיי זיינען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דעם איינציגן געדאַנק, — צו מאַכן די קאָמוניסטן פאַר מער אַקטיווע און ווירקזאַמע אָנטיילנעמער אין דער פאַראייניגונג פון דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער־קלאַס און פון דעם פאָלק בכלל, צו קעמפן פאַר פּראָגרעס און אויפקלערונג, פאַר דעם זיג אין דער מלחמה און פאַר אַ דויערהאַפטיגן שלום, געבויט אויף פרייהייט און וואוילזיין.

מיר ווייסן פון אונזער אייגענער דערפאַרונג און פון דער דערפאַרונג פון ס׳רוב לענדער אין דער וועלט, אַז די קאָמוניסטן קאָנען מאַכן אַ גרויסע און וואַקסנדיגעביישטייערונג פאַר אונזער אייגן לאַנד, פאַר די פאַראייניגטע שטאַטן.

קאַפּיטל זיבעצן

די ביישטייערונג פון מאַרקסיזם פאַר אַמעריקע

אַ סך קאָמענטאַטאָרן, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך זיינע אייגענע צילן דערביי, האָבן אויסגעטייטשט די ריכטונג, אין וועלכער די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן גייען איצט, אַלס דאָס אויפגעבן פון דעם מאַרקסיזם. די פון זיי, וואָס האָבן זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט אַרויסגעוויזן פאַר די ביטערסטע שונאים פון מאַרקסיזם, שפּרינגען איצט אַרויס צו פאַרטיידיגן אים געגן דעם „פאַרראַט" פון די מאַרקסיסטן צו זייער אייגענער לערע. אַפילו די אַלטע

מיושב'דיגע ניו יאָרק טאַימס האָט נעבעך פאַרלוירן דעם לעצטן טראָפּן צו־טרוי צו די קאָמוניסטן, דערפאַר וואָס זיי האָבן „פאַרראַטן דעם מאַרקסיזם".

די דאָזיגע רירנדיגע זאָרג וועגן דעם שיקזאַל פון מאַרקסיזם מצד מענטשן, וואָס האָבן אים פריער, איידל געזאָגט, „עטוואָס פאַרנאַכלעסיגט", איז אַ זייער אינטערעסאַנטע דערשיינונג. זי פאַרדינט אַן ענטפער מצד די קאָמוניסטן.

די איצטיגע פּאָליטיק פון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן באַצוועקט אויס־שליסלעך צו העלפן לייזן די פּראָבלעמען פון אַמעריקע אין דעם גרעסטן קריזיס פון דער געשיכטע. די קאָמוניסטישע פּאָליטיק דאַרף דעריבער באַ־טראַכט ווערן בלויז פון אָט דעם שטאַנדפּונקט. אויב זי העלפט ערנסט דער דאָזיגער אויפגאַבע, איז זי אַ ריכטיגע; אויב זי העלפט ניט דעם דאָזיגן צוועק, איז זי ניט ריכטיג.

אַזוי ווי מיר האָבן אין דעם בוך אַרויסגעבראַכט די מעלות פון אונזער פּאָליטיק אין טערמינען פון דער וועלט־לאַגע און פון דער פּאָזיציע פון אַמעריקע אין איר, קאָנען מיר זיך דערלויבן צו געבן אונזער ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס האָט דער מאַרקסיזם ביישטייערן פאַר אַמעריקע? אין דעם ענטפער אויף דער פראַגע ליגט שוין דער ענטפער צו די, וואָס קלאָגן, אַז מיר האָבן פאַרלאָזן דעם מאַרקסיזם.

מאַרקסיזם איז די אָנווענדונג פון וויסנשאַפט צו דער לייזונג פון פּאָ־ליטישע פּראָבלעמען. ער נעמט אויף אַזעלכע פּראָבלעמען אַלס באַזונדערע פּונקטן אין דעם גאַנצן פּראָצעס פון דער געשיכטע, וועלכע פאָלגט נאָך, לויט זיין מיינונג, געוויסע פּרינציפּן פון אַנטוויקלונג, געוויסע געזעצן פון באַ־וועגונג, וואָס קאָנען באַאָבאַכט, פאַרצייכנט און פאַרשטאַנען ווערן. אויפן גרונט פון אַזאַ פאַרשטיין פון די פּרינציפּן פון דער געשיכטע שטעלט ער זיך די אויפגאַבע בעסער צוצוגרייטן די מענטשן צו קאָנטראָלירן און אָנפירן מיט דער געשיכטע, ווי זי ווערט געמאַכט טאָג־טעגלעך, — וואָס פאַר אונז מיינט עס די אַמעריקאַנער באַשלוסן וועגן אונזערע לויפנדיגע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. אויב מאַרקסיזם איז אין דעם זינען באמת אַ וויסנשאַפט, מוז ער ביי היינטיגן טאָג פריער פאַר אַלץ קאָנען ענטפערן אויף די פּראָבלעמען, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער מלחמה.

עמיצער האָט מיר אָנומלטן באַמערקט: „איך קאָן פאַרשטיין אייער איצטיגע פּאָליטיק אַלס אַזאַ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיטן אויסשליסלעכן צוועק צו געווינען די מלחמה. אָבער איך קאָן ניט פאַרשטיין, וואָס עס איז אַלס רעזולטאַט פון דעם געוואָרן מיטן מאַרקסיזם." איך האָב אים געענט־פערט, אַז איך בין צופרידן, וואָס ער האָט פאַרשטאַנען וואָס עס איז נויטיג כדי צו געווינען די מלחמה, אָבער מיך פאַרדריסט, וואָס ער נעמט דערביי אָן דעם מאַרקסיזם פאַר אַ טעאָריע ווי צו פאַרלירן די מלחמה.

דער מאַרקסיזם איז פאַר אַמעריקע ביי היינטיגן טאָג פריער פאַר אַלץ אַ וועגווייזער צום זיג אין דער מלחמה. אַזוי ווי דער זיג איז די העכסטע נויטווענדיגקייט פאַר דעם אַמעריקאַנער פאָלק, קאָן דער מאַרקסיזם באַשטיין,

אָדער דורכפֿאַלן נאָר אין הסכם מיט זיין בייטראָג צו דעם זיג. אויב דער מאַרקסיזם וואָלט ניט געהאָלפֿן, אָדער אויב ער וואָלט גאָר געווען אַ שטערונג פֿאַרן זיג, וואָלטן מיר זיך באמת געמוזט פֿרעגן: וואָס איז געוואָרן פֿון מאַרקסיזם? אָבער אויב דער מאַרקסיזם שטעלט זיך אַרויס צו זיין אַ גרויסע הילף, מיינט עס, אַז ער האָט דורכגעמאַכט די שווערסטע פּראָבע און האָט אַ גרויסע צוקונפֿט, וועגן וועלכער מיר פֿאַרשפּאָרן זיך צו זאָרגן.

די פּראָגראַם פֿאַר אַמעריקע, וואָס איז אַנטוויקלט געוואָרן אין אָט־דעם בוך, איז אַ פּראָדוקט פֿון מאַרקסיסטישער צוגרייטונג און דענקען; זי איז דורכאויס געבויט אויף די פּרינציפּן פֿון מאַרקסיזם. אויב די דאָזיגע פּראָגראַם איז אַ ריכטיגע, איז עס אַ זיג פֿאַר דעם מאַרקסיזם און איז „אָרטאָדאָקסאַל" אין פֿרט פֿון בלייבן געטריי צו די מאַרקסיסטישע גרונט־פּרינציפּן.

ס'איז, נאַטירלעך, אמת, אַז דאָס איז ניט קיין „אָרטאָדאָקסישע" מאַרקסיסטישע פּראָגראַם אין זינען פֿון איבער'חזר'ן אַלטע פּראָגראַמען און פֿאָרמולעס, וואָס מאַרקסיסטן האָבן באַנוצט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט אונטער אַנדערע היסטאָרישע אומשטענדן. ניין, די דאָזיגע פּראָגראַם האָט ניט קיין פּרעצעדענטן און דערפֿאַר איז זי ניט אָרטאָדאָקסאַל. אָבער אויב מיר לעבן אין אַ סיטואַציע, וואָס האָט ניט קיין פּרעצעדענטן, איז קלאָר, אַז אַ וויסנשאַפֿטלעך־ריכטיגע פּראָגראַם פֿאַר איר מוז אויך זיין אַ פּראָגראַם, וואָס האָט ניט קיין פּרעצעדענטן. אויב די פּראָגראַם וואָלט געווען אַן אָרטאָדאָקסאַלע אין דעם זינען פֿון נאָכפֿאָלגן אַ געוויסע אָנגענומענע פֿאָרם, וואָלט עס געווען אַ באַווייז, אַז זי טויג ניט. אויב די פּראָגראַם האָט ניט קיין פּרעצעדענטן, מיינט עס, אַז זי קען זיין קאָרעקט.

צי אונזער פּראָגראַם איז אַ קאָרעקטע, אָדער ניט, מוז דערוויזן ווערן דורך אַן אונטערזוכונג פֿון אירע מעלות אין שייכות צו דער סיטואַציע אין וועלכער מיר געפֿינען זיך. און די ענדגילטיגע באַשטעטיקונג מוז געפֿונען ווערן אין האַנדלונג, אין אַ דערפֿאָלגרייכער אָנווענדונג פֿון דער דאָזיגער פּראָגראַם אין לעבן.

די העכסטע אויפֿגאַבע פֿון מאַרקסיזם איז צו העלפֿן אַרויסברענגען פּרעצעדענטלאָזע פּראָגראַמען פֿון טעטיקייט. דער מאַרקסיזם איז ניט קיין בינטל דאָגמעס, און די אַלע וואָס זוכן צו פֿאַרוואַנדלען דעם מאַרקסיזם אין אַ דאָגמע, זוכן באמת צו צעשטערן דעם מאַרקסיזם. דערפֿאַר טאַקע האָט קאַרל מאַרקס דערקלערט אַמאָל אין אַ מאָמענט פֿון אומגעדולד צו אייניגע פֿון זיינע שילער: איך בין ניט קיין מאַרקסיסט. דער מאַרקסיזם שאַפֿט אָרטאָדאָקסאַלע פּראָגראַמען בלויז פֿאַר „אָרטאָדאָקסאַלע" סיטואַציעס. אָבער די סאַמע אַנטשיידנדיגסטע מאָמענטן אין דער געשיכטע זיינען די, וואָס האָבן הינטער זיך ניט קיין פּרעצעדענט און וועלכע אַן אָרטאָדאָקסאַלע פּראָגראַם וואָלט געבראַכט צו אַ דורכפֿאַל.

דער מאַרקסיזם זעט די געשיכטע אַלס אַ פּראָצעס פֿון כסדר'דיגער ענדערונג. אָט דערפֿאַר זיינען אמת'ע מאַרקסיסטן — ניט די דאָגמאַטישע — געוויינלעך די ערשטע צו אָנערקענען און ריכטיג אָפּצושאַצן אַ נייע סיטואַציע.

דער גרעסטער בייטראַג, וואָס דער מאַרקסיזם האָט צו מאַכן פאַר דעם אַמעריקאַנער געדאַנק, איז צו העלפן אים אַרויספּלאָנטערן זיך פון די קייטן פון דאָגמאַטיזם. איך מאַך די דאָזיגע דערקלערונג מיטן פולן באַוואוסטזיין, אַז ס׳רוב אַמעריקאַנער ליבעראַלן וועלן דערויף ענטפערן מיט אַ געלעכטער, ווייל אונזערע ליבעראַלן גלויבן, אַז בלויז זיי אַליין באַזיצן אַ פרייען געדאַנק און אַז די קאָמוניסטן זיינען עס די, וואָס זיינען געשמידט אין גייסטיגע קייטן. אָבער אין דעם ענין לוינט זיך אַריינצוטראַכטן אַ ביסל טיפער.

אין אַ געוויסער דיסקוסיע, וואָ איך האָב געהאַט מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער ליבעראַלער צייטונג „פּי־עם״, האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז „די קאָמוניסטן בכלל האַלטן זיך אַזוי זיכער, ווי זיי וואָלטן ערשט געהאַט אַ באַראַטונג מיט גאָט״, און דאָס, הייסט עס, דערקלערט פאַרוואָס ליבעראַלן און אַנדערע פילן זיך גענענגט דורך די קאָמוניסטן און האָבן ניט ליב צו האָבן צו טאָן מיט זיי. איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז די אמת׳ע טענה פון די ליבעראַלן איז געגן דעם, וואָס גאָט האָט בכלל אַרויסגערעדט צו עמיצן אַ וואָרט זינט זיי האָבן פון אים באַקומען די לעצטע ידיעה מיט עטלעכע דורות צוריק. אין טערמינען פון דער אַמעריקאַנישער שוואַכקייט צו „וויצן״, איז דאָס דער עצם פון דעם פילאָזאָפישן שטרייט צווישן דעם ליבעראַליזם און דעם מאַרקסיזם. די מאַרקסיסטן זיינען איבערצייגט, אַז דער אמת איז אַ זאַך, וואָס קאָן דערוויזן ווערן און ווען מען אַנטדעקט אַן אמת דאַרף מען אים ענערגיש פאַרשפּרייטן אַזוי ווייט ווי מעגלעך. די ליבעראַלן ווידער גלויבן, אַז אויף יעדער פראַגע זיינען דאָ אַ פּאָר צי אַ טוץ ענטפערס, וואָס זיינען אַלע גילטיג אין אַ גלייכער מאָס; אַז דאָס בעסטע וואָס מיר קאָנען טאָן איז אויסצוקלייבן צווישן זיי אַ וועלכן עס איז ענטפער, ניט זייענדיג אַליין ספּעציעל פאַראינטערעסירט אין אים, און אַז ציען קניפּלעך צווישן אַ ריי מעגלעכע ענטפערס איז פּונקט אַזאַ גוטער מיטל, ווי יעדער אַנדער מעטאָד. די ליבעראַלן האָבן צוריקגעוואָרפן די איין־און־איינציגע דאָגמע פון אויטאָריטאַריאַניזם בלויז כדי אָנצונעמען אויף איר אָרט די ווידערשפּרעכנדיגע דאָגמע פון דער גלייכער אמת׳דיגקייט פון אַ גאַנצער ריי ענטפערס. זיי דענקען, אַז זייער געדאַנק איז פריי דורך דעם, וואָס זיי דרייען זיך אַרום אָן שום וועגווייזער און ריכטליניע צווישן אַ ים מיט ענטפערס אויף פראַגן, וואָס גייען שטאַרק אָן דער מענטשהייט. זיי זיינען פריי צו גייז. וואו זיי פאַלט איין אין דעם מאָמענט, אָבער די דאָזיגע פרייהייט איז אַ הוילע איינרעדעניש, וואָרים זי קאָן געפינען די ריכטיגע לייזונג פאַר פראַקטישע לעבנס־פּראָבלעמען בלויז על פּי צופאַל און דורך אַ סך שווערע שטרויכלונגען. דאָס איז פּונקט דער היפּוך פון דעם וויסנשאַפטלעכן מעטאָד.

דער העכסטער בייטראַג, וואָס דער מאַרקסיזם קאָן מאַכן אין דעם אַמעריקאַנער לעבן, איז די אַריינפירונג פון וויסנשאַפט אין דער פּאָליטיק. דער מעטאָד פון דער וויסנשאַפטלעכער טעאָריע, וואָס פאַרבייט דעם מעטאָד פון בלינדן טרעפן אָדער דורכפאַלן, העלפט אַרויסברענגען דאָס נייע און אומבאַקאַנטע פון דעם, וואָס איז שוין אַלט און באַקאַנט פון פריער. דאָס פאַר־

שטיין די וועלט אין איר באַוועגונג און די געזעצן פון דער באַוועגונג מאַכט מעגלעך פאָראויסצוזעזן דאָס, וואָס עס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן, אַזוי אַז דער מענטשלעכער גערדאַנק זאָל פאַרשפּאָרן איבערצייגן פון איין איבער־ראַשונג צו דער צווייטער, צו וועלכער ער איז פריער ניט צוגעגרייט געוואָרן.

איינער פון די קאָמישע שטריכן פון דעם אַמעריקאַנישן עפנטלעכן לעבן איז די געמאַטערטע אָנשטרענגונג פון די ציַיטונגען פאַרצושטעלן די קאָמוניסטן אַלס מענטשן, וואָס ווערן כסדר איבערראַשט דורך יעדן קער און דריי פון די געשעעניש, — אַלס מענטשן וואָס ווערן געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט דורך יעדער נייער פּאַסירונג. דער דאָזיגער געמאַטערטער אָנשטעל ווערט באַנוצט, כדי צו פאַרדעקן דורך אים די איבערראַשונג און די פאַרלעגנהייט פון יענע וואָס באַנוצן זיך מיט אים און ניט פון די קאָמוניסטן, און ער ווערט אָנגעהאַלטן בלויז דורך פונקט אַזאַ געמאַטערטער פאַלסיפיצירונג פון דער אמת׳ער פּאָזיציע פון די קאָמוניסטן. דער פאַקט איז, אַז ס׳איז כמעט אוממעגלעך צו באַקומען אין אַמעריקע דעם מינדסטן באַגריף וועגן דעם וואָס די קאָמוניסטן זאָגן באמת וועגן אַ וועלכער עס איז וויכטיגער פראַגע, אַ חוץ דירעקט פון די קאָמוניסטישע אויסגאַבן. אַלע איבעריגע, — די ציַיטונגען, זשורנאַלן, ביכער, לעקטאָרן, ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָרן א. אַז. וו., וואָס רעדן אָפט און מיט גרויס אויטאָריטעט וועגן די קאָמוניסטן, באַמיען זיך שטענדיג צו באַהאַלטן און צו פאַרקריפּלען דאָס, וואָס די קאָמוניסטן זאָגן און טוען באמת.

א זייער אינטערעסאַנטער ביישפּיל פון דעם איז געווען די באַהאַנדלונג פון מיין בוך „וויקטאָרי ענד עפטער", וואָס איז אַרויס אין יאָר 1942. עס איז ניט געמאַכט געוואָרן בוכשטעבלעך קיין איין איינציגע פּראָבע צו אַנאַליזירן אין דער פּרעסע און צו קריטיקירן דעם גרונט־געדאַנק פון דעם בוך. די עטלעכע אָנשטעלן, וואָס זיינען אויף דעם געביט געמאַכט געוואָרן (אין דעם אַמעריקען עקאָנאָמיק רעוויו פון סעפּטעמבער 1943 און אין די אַנאַלס אָוו דהי אַמעריקען אַקאַדעמי, מערץ 1943) האָבן זיך באַנוצט מיט דעם אַלטן טריק פון פאָרויס אָננעמען, אַז ווייל דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן פון אַ קאָמוניסט, קאָן עס ניט זיין קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פאַרענטפערונג פון רוסלאַנד, — און אָננעמענדיג דאָס פאָרויס איז שוין פאַר זיי ווייטער ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי איגנאָרירן דעם גאַנצן אינהאַלט פון דעם בוך אַ חוץ די שורות, וואָס קאָנען אויסגעטייטשט ווערן אין דער פאָרויס־אויסגעקליבענער ריכטונג. יעדער אויסדרוק פון אָנערקענונג, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ זייער וויכטיגער פאַקטאָר אין דער וועלט, איז אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס „נאָך אַ באַווייז", אַז די זאָרג פון די קאָמוניסטן „וועגן דער צוקונפט פון רוסלאַנד" מאַכט זיי בלינד און געגנעריש צו די אינטערעסן פון אַמעריקע. און קוים איז אַזאַ פאָרמולע געפונען געוואָרן, איז דאָס אַליין שוין געווען גענוג כדי אַנטשיידן אָפּצוּוואַרפן אונזערע מיינונגען.

אויפן גרונט פון דער דאָזיגער דערפאַרונג קאָן איך שוין איצט פאָרויס־זאָגן דעם אינהאַלט פון כמעט אַלע איבערזיכטן פון דעם דאָזיגן בוך אין

דער אַלגעמיינער פרעסע. זיין קלאָרער כאַראַקטער און הויפט־געדאַנק, וואָס באַשטייט אין אַ שאַרפער פאָדערונג, אַז אַמעריקע זאָל פאַרנעמען אַ פירנדיגע ראָלע אין דער וועלט, און די גאַנצע באַטראַכטונג, ווי אַמעריקע קאָן פראַקטיש דורכפירן אַזאַ ראָלע, וועלן פולשטענדיג באַהאַלטן ווערן אונטער דער פאָרמולע: בראַודער גלאָריפיצירט די טעהעראַנער קאָנפערענץ דערפאַר, ווייל סטאַלין איז דאָרט געוועזן; ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גלאָריפיצירן די קוויבעקער קאָנפערענץ דערפאַר, ווייל סטאַלין איז דאָרט ניט געווען; און דאָס אַליין באַווייזט שוין, אַז בראַודער איז פשוט סטאַלינ׳ס אַ נאָכזאָגער, און דערפאַר דאַרף מען ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט צו דעם וואָס ער זאָגט.

צו אַזאַ דעגענעראַציע איז דערגאַנגען די אַמעריקאַנער עפנטלעכע דיסקוסיע, ווען עס קומט צו דעם שטאַנדפונקט פון די קאָמוניסטן אין אונזער לאַנד!

אַזוי לאַנג, ווי אַזאַ צוגאַנג באַהערשט די עפנטלעכע באַציאונג צו די קאָמוניסטן, קאָן ניט זיין קיין געזונטע עפנטלעכע מיינונג וועגן וועלכער עס איז פּראָבלעם. ס׳איז ניט קיין פראַגע וועגן פרעטענדירן, אַז קאָמוניסטן זיינען שטענדיג גערעכט, אָדער אַפילו אַז זיי זיינען אין וואָס עס איז גערעכט. די הויפט־זאַך איז, אַז דער מעטאָד פון דענקען וועגן קאָמוניסטן איז אַזאַ, וואָס פאַלסיפיצירט די גאַנצע עפנטלעכע מיינונג און פאַרקריפּלט דעם גאַנצן גאַנג פון דעם אַמעריקאַנער געזעלשאַפטלעכן לעבן.

פּרואווט נאָר צוגעבן, אַז די קאָמוניסטן זיינען, חס וחלילה, צופעליג גערעכט אין אַ וועלכן עס איז איין־איינציגן וויכטיגן פונקט! אַפילו לויט דער טעאָריע, אַז די קאָמוניסטן זיינען געוויינלעך אומגערעכט און מוזן אויפן ענערגישסטן אופן באַקעמפט ווערן, קאָן דאָך פאָרט זיין מעגלעך, אַז זיי זאָלן איין מאָל זיין גערעכט. אָבער לויט דער אָנגענומענער אַמעריקאַנער שטעלונג וואָלט ממש פּאַסירט אַ קאַטאַסטראָפע, ווען מען זאָל עס צוגעבן, ווייל דאָס וואָלט מיינען, אַז דאָס גאַנצע לאַנד האָט דורך צוגעבן אַזוינס זיך אַליין אויטאָמאַטיש אויסגעשלאָסן פון דער מעגלעכקייט צו נעמען אַ ריכטיגע שטעלונג בנוגע דעם דאָזיגן פונקט. און ביז דאָס אַלץ וועט געענדערט ווערן, שיינט עס, אַז דער איינציגער מיטל דורך וועלכן די קאָמוניסטן וואָלטן געקאָנט ביישטייערן פאַרן וואוילזיין פון זייער לאַנד, וואָלט געווען, ווען זיי וואָלטן זיך שטאַרק באַמיט שטענדיג צו פאַרנעמען אַ דורכאויס־פאַלשע פּאָזיציע, האָפנדיג, אַז דאָס לאַנד וועט צוליב דעם גופא בלייבן פריי אָנצונעמען די ריכטיגע פּאָזיציע, אויב עמעצער וועט צופעליג אַרויסברענגען אַזאַ ריכטיגע פּאָזיציע! דאָס איז די פיין־אַנטוויקלטע טעאָריע אין דעם אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלן לעבן, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „דער טויט־קוש”. לויט דער דאָזיגער טעאָריע ווערט אַפילו די וויכטיגסטע פראַגע געשטעלט אונטער אַ מין חרם, קוים האָט זי באַקומען דעם „טויט־קוש” דורך דעם, וואָס די קאָמוניסטן זיינען זי גרייט צו אונטערשטיצן. אַזאַ זשורנאַליסטישע אומווירדיגקייט, ווי פרעדעריק וואָלטמאַן, למשל, פון דער

„וואָירלד טעלעגראַם" דערוועגט זיך אַרויסצוגעבן עפנטלעכע באַפעלן צו אייניגע פון די איינפלוסרייכסטע מענער און פרויען פון אַמעריקע, און זיי שפּרינגען תיכף אויף און פאָלגן אים מיט אַזאַ גרייטקייט, וועלכע זיי וואָלטן קיינמאָל ניט אַרויסגעוויזן, ווען זיי באַקומען אַ באַפעל פון דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטן!

שוין דורך זייער עקזיסטענץ גופא מאַכן די מאַרקסיסטן אַ ווערטפולן בייטראַג פאַר אַמעריקע, אויפדעקנדיג די אַנוועזנהייט פון דעם דאָזיגן גייסטיגן גיפט־גאַז, וואָס קאָן אומברענגען אַמעריקע. אויב ס'וואָלטן ניט געווען קיין מאַרקסיסטן, וואָלט נויטיג געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל דערפינדן מאַרקסיסטן צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן. איין מאַרקסיסט צווישן צען טויזנט בירגער איז גענוג אויף אַרויסצוברענגען דורך זיין אַנוועזנהייט דעם גראַד געפאַר, אין וועלכער אונזער געזעלשאַפט איז געבראַכט געוואָרן דורך דעם קולט פון אומזיניגקייט, פון אַבסקוראַנטיזם, פון אַט דעם יסוד פון היטלעריזם, ווייל דער דאָזיגער גאַנצער סם וועט זיך תיכף אַנהויבן באַוועגן און וואַרפן, דערפילנדיג דעם באַריר פון איין איינציגן מאַרקסיסט. אָן אַט דעם מאַרקסיסט קאָן דער דאָזיגער גיפט־גאַז שטיל און אומבאַמערקט טאָן זיין טויטנדיגע אַרבעט ביז עס וועט ווערן צו שפּעט צו ראַטעווען זיך פון אים.

ווען די אַמעריקאַנער וועלן זיך ענדלעך אויסלערנען צו האָבן צו טאָן מיט מאַרקסיסטן, מיט קאָמוניסטן ראַציאָנאַל און אָן היסטעריקע און צו באַטראַכטן זייערע מיינונגען לויט זייער עצם ווערט, פּונקט ווי די מיינונגען פון אַלע אַנדערע בירגער, — וואָס קאָנען אָנגענומען אָדער אָפּגעוואָרפן ווערן אומאָפּהענגיג פון דעם, פון וועלכן קוואַל זיי קומען, — וועט דאָס באמת זיין אַ „רויט־ציפּערדיגער" געדענק־טאָג אין דעם פּראָגרעס פון אונזער לאַנד און פון דער וועלט.

אונטער די עקזיסטירנדיגע באַדינגונגען איז נאָך אָבער געפערלעך אפילו צו דערמאָנען וועגן אַ „רויט־ציפּערדיגן טאָג", ווייל דאָס וואָרט „רויט" וואַרפט שוין אָן אַ שרעק אויף עמעצן, און אויב מען דערמאָנט „טאָג" כאַפּט זיך תיכף די דאַיעז־קאָמיטע, אַז זי מוז מאַכן אַ דרינגענדיגע אונטערזוכונג פאַרוואָס מען רעדט בעסער ניט וועגן נאַכט...

אויב עמעצער וועט חושד זיין, אַז דאָס האָב איך אַליין צוגעטראַכט אַזאַ ווילדע קאַריקאַטור, וועל איך אים בלויז דערמאָנען אָן די אָפּיציעלע כללים פון דר יונאַיטעד סטעיטס סיוויל סורוויס קאָמישאָן וועגן דעם ווי אויס־צוגעפינען געפערלעכע „סובווערסיווע" עלעמענטן, כדי צו באַזייטיגן זיי פון עפנטלעכע אַמטן. אין אַט די „כללים" געפינען מיר, אַז „אַ הויכער גראַד פון פּאַטריאָטיזם", איז גענוג צו שטעלן אַ מענטשן אונטער אחשד, אַז ער איז אַ קאָמוניסט און טאָר דערפאַר ניט צוגעלאָזן ווערן, אָדער מוז אַרויס־געוואָרפן ווערן פון יעדן רעגירונגס־אַמט. עס שיינט, אַז בלויז מאַרקסיסטן מאַכן אַלע לאָגישע אויספירן פון דעם, וואָס די איצטיגע מלחמה איז, לויט פּרעזידענט רוזוועלט'ס אויסדרוק, אַ „מלחמה פאַרן לעבן", און דערפאַר איז עס געפערלעך, ווען עמעצער אַנדערש טראַכט אויך אַזוי. ס'איז דער אַמערי־

קאָנער פּאַראַלעל צו דער לאַנגע אין כינע, וואו סטודענטן אויף וועלכע עס פאַלט אַ חשד, אַז זיי זיינן קאָמוניסטן און זיי זיינען דעריבער אין געפאַר פאַרשפּאַרט צו ווערן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם חשד און די געפאַר דורך דעם, וואָס זיי פאַרנאַכלעסיגן זייער לערנען און ווערן אָפטע באַזוכער אין שאַנד־הייזער, ווייל דאָס איבערצייגט די כינעזישע עף־בי־אַי אַז זיי זיינען רעספּעקטאַבעלע בירגער, מיט וועלכע מען קאָן זיין זיכער.

די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן האָבן אויף זיך גענומען אַ קאָלאָסאַלע אויפגאַבע: דערציען זייער לאַנד אַזוי אַז עס זאָל פאַרשטיין, אַז קאָמוניסטן זיינען מענטשלעכע באַשעפענישן פּונקט ווי אַלע אַנדערע מענטשן, אַ חוץ דעם, וואָס זיי האָבן אויסגעפונען אייניגע נייע און אינטערעסאַנטע מעטאָדן פון דענקען.

די אויפגאַבע מוז אָבער דורכגעפירט ווערן, ווי שווער זי זאָל ניט זיין, וואָרים נאָך מער ווי אין פראַגן פון אינערלעכער פּאָליטיק וועט אַמעריקע זיך אַרויסווייזן פאַר פולשטענדיג אומפּייאיג צו לייזן די פּראָבלעמען פון איר אויסלענדישער פּאָליטיק, אַזוי לאַנג ווי זי ווערט היסטעריש, ווען זי דער־הערט דעם געשריי „קאָמוניסט". די קאָמוניסטן זיינען אַ טייל פון דעם וועלט־בילד, וועלכן מען קאָן מער ניט אויסמעקן, און אויב אַמעריקע קומט אויס צו שפּילן אַן ערנסטע ראָלע אין דער דאָזיגער וועלט, וועלן מיר, אַלס מלוכה, אויסגעפינען, אַז מיר מוזן פאַרהאַנדלען מיט קאָמוניסטן פון אַנדערע לענדער ניט ווערנדיג דערביי רויט ווי צונטער, ניט מאַכנדיג דערביי קיין גוואַלדן און קוויטשערייען, ניט אַוועק'חלש'נדיג, ווען מיר דערזעען אַ קאָ־מוניסט, און בכלל ניט אַרויסווייזנדיג קיין סמנים פון אַן אומזיניגער שרעק. און ס'איז ניטאָ קיין בעסערער פּלאַץ, וואו אָנצוהייבן לערנען די דאָזיגע לעקציע, ווי ביי זיך אין דער היים, אין די באַציאונגען מיט דעם היימישן מין קאָמוניסטן.

האָבנדיג צו טאָן מיט קאָמוניסטן אין דער היים און אין אויסלאַנד אויף אַ געלאַסענעם, אָביעקטיוון און פאַרנינפטיגן אופן, וועט אַמעריקע ביסלעכוויין אָנהויבן באַפרייען זיך פון אַלע אירע פאַלשע איינרעדענישן וועגן קאָמוניזם; זי וועט אָנהויבן באַגרייפן, אַז דאָס בילד פון אַ ווילד־אויגיגער, סענטי־מענטאַלער, עקסטרעמיסטישער, צעשטערנדיגער, בלוט־דאָרשטיגער, אומ־טאָלעראַנטער, דאָגמאַטישער אַגיטאַציע פאַר רעוואָלוציע־אום־יעדן־פּרייז אָן שום שייכות צו די נאַציאָנאַלע אינטערעסן און פּאַטריאָטיזם, — אַז דאָס דאָזיגע בילד פון קאָמוניזם, וואָס איז איינגעקריצט געוואָרן אין משך פון אַ גאַנצן דור פון דער ענערגישסטער, אַלזייטיגסטער פּראָפּאַגאַנדע, איז אַ דורכאויס־פאַלש בילד, וואָס איז דער היפּוך פון דעם אמת.

אַמעריקע וועט אויסגעפינען, אַז די קאָמוניסטן, די מאַרקסיסטן, זיינען זייער געלאַסענע און קלאָר־דענקענדיגע מענטשן. זיי זיינען ניט סענטי־מענטאַל, נאָר מענטשן מיט אַ גראַדן שכל. זיי זיינען ניט עקסטרעמיסטיש, נאָר רעאַליסטיש. זיי זיינען ניט קיין מענטשן, וואָס האָבן פאַרלוירן דעם

גלייכגעוויכט, — פאַרקערט, זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אָנצוהאַלטן זייער גלייכגעוויכט דורך שטורעמס און ערדציטערנישן. זיי זיינען שוין גאָר ניט צעשטעריש, — פאַרקערט, זיי האָבן געלערנט, ווי צו בויען אַפילו אין מיטן פון כאַאָס. ווייניגער ווי אַלץ זיינען קאָמוניסטן בלוט־דאָרשטיג, — זייער גאַנצע פילאָזאָפיע איז אַן אויסדרוק פון דער ברידערלעכקייט צווישן מענטשן. אָנשטאָט צו זיין אומטאָלעראַנט און דאָגמאַטיש האָבן די קאָמוניסטן גאָר דערהויבן דעם געדולד ביז אַ מדרגה פון קונסט, און זיין בויגזאַם איז ביי זיי אַ פּרינציפּ. זיי שפּילן זיך קיינמאָל ניט אַרום מיט דעם באַגריף פון רעוואָלוציע, ווי מיט אַ מין אינטערעסאַנטער אַוואַנטורע אָדער שפּיל־צייג, — און זיי בויען שטענדיג אַלע זייערע פּאָליטישע באַגריפן אויפן יסוד פון די אינטערעסן פון פאָלק. און צו דעם אַלעמען פאַרמאָגן די מאַרקסיסטן אַ סיסטעם פון דענקען, וואָס וואַרפט אַ נייע און העלערע ליכט אויף די פּראָבלעמען פון אַלע פעלקער פון דער וועלט, אַ ליכט מיט וועלכן אַלע קאָנען זיך באַנוצן, אומאָפּהענגיג פון דעם וואָס זיי דענקען, אויב נאָר זיי ווילן דענקען ערלעך.

די גרעסטע נויטווענדיגקייט פאַר אַמעריקע אין דעם דאָזיגן פּעריאָד פון וועלט־קריזיס, וואָס שטעלט אויף דער פייער־פּראָבע יעדע מלוכה אויף דער ערד, איז אויסצולערנען זיך דענקען שנעל און ריכטיג. אויב מיר וועלן אויך אויף ווייטער בויען אונזערע געדאַנקען אויף איינרעדענישן און פאָר־אורטיילן, אָדער אויב מיר וועלן לערנען צו פאַרשטיין די ווירקלעכקייט פון דער מאָדערנער וועלט צו־לאַנגזאַם אויף צו קאָנען מיטגיין מיט דער גע־שיכטע, וועט קיין זאַך ניט קאָנען ראַטעווען פון קיין לאַנגן פּעריאָד פון קאַטאַסטראָפּס די אַמעריקע, וועלכע מיר קענען היינט.

אויב אָבער מיר וועלן זיך אויסלערנען קוקן דער ווירקלעכקייט אין די אויגן אָן מורא און וועלן אין די מאָדערנע צייטן אויפלעבן דעם גייסט פון דזשעפערסאָן, טאָמאַס פּעין און לינקאָלן, דאַן וועט אַמעריקע קאָנען פאַר־איינִיגט באַגעגענען די וועלט, פאַרנעמענדיג אַ פירנדיגן, נויטיגן אָרט אין דער קאָלעקטיווער אויפגאַבע פון ראַטעווען די מענטשהייט, וואָס איז אָנ־געצייכנט געוואָרן אין טעהעראַן.

טעהעראַן האָט אונז געוויזן אונזער וועג אין קריג און אין פרידן. מיר מוזן לערנען, ווי צו גיין אויף דעם דאָזיגן וועג אָן אָפּנויגונגען ביז צו זיין גלאָררייכן ענדציל.